STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05059

HSIDISHE MAYSE'LEKH UN ERTSEHLUNGEN

Judah Steinberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה שטיינבערג.

I. חסידישע מעשה'לעך און ערצעהלונגען.

II. אין יענע צייטען.

פערלאג ב. שימין, ווארשא.
תרע"ג—1912

Разсказы Ю. Штейнберга,
Варшава.

Тип. Левина-Эпштейна Павлинная 38.
ВАРШАВА 1912.

אינהאלט:

יהודה שטיינבערג, א קריטיש־ביאגראפיש ארטיקעל.	I–XVIII
גדליה	3–10
פון דער נאהנטער פערגאנגענהייט . . .	11–14
כותל מערבי	15–20
דער תם	21–23
דער סאסובער צדיק	24 2)
דער אלטער און זיין אייניקעל . . .	30–34
דער אלטער אברהם מאיר	35–40
ודוי	41–44
א אונרוהיגע נאכט	45–50
געפלאצט דאס געדולד . . .	51–53
פאליטיק	54–60
מיט וואס?	61–67
ז' מוז שווייגען.	68–72

יהודה שטיינבערג

א קריטיש ביאגראפיש ארטיקעל

טרויעריג איז דאס לעבען פונ'ם יודישען כלל, און טרויעריג איז אויך דאס לעבען פונ'ם יודישען פרט.

און וואס מעהר פאלקס-גייסט עס בעלעבט די נשמה פון פרט, וואס מעהר ער איז דורכגעדרונגען מיט דער פאלקס-נשמה, וואס מעהר זיין הארץ און מוח זויגען פון די יודישע נאציאנאלע, גייסטיגע אוצרות, אלץ מעהר איז אויך אפטמאל ענהליך זיין לעבענס-געשיכטע צו דער לעבענס-געשיכטע פון זיין אומגליקליך פאלק, פון וועלכען ער שטאמט, אלץ מעהר טראגיש און פיינליך איז אויך זיין קאמפף פאר זיין מאטעריעלער און גייסטיגער עקזיסטענץ.

און איינער פון די בעסטע זיהן פונ'ם יודישען פאלק, דער גייסט, פון וועלכען האט שטענדיג זיין טיעף-פאעטישע פאנטאזיע געווירקט, די נשמה פון וועלכען האט שטענדיג געזויגען פון דער פאלקס-נשמה; איינער פון די בעסטע זיהן פון יודישען פאלק, וועלכער איז געווען א שטענדיגער בן-בית אין די שענע לעגענדארישע אפארטאמענטען פון די יודישע גייסטיגע פאלקס-אוצרות — איז אויך געווים יהודה שטיינבערג געווען, וועלכער איז אויך מיט זיין לעבענס-געשיכטע געווען א אמת'ער זיהן פון זיין פאלק.

קורץ איז געווען דאס לעבען פון יהודה שטיינבערג. ווען ער איז געשטארבען, איז ער נאך אפילו קיין גאנצע 44 יאהר ניט אלט געווען. פיעל צרות און יסורים האט ער אבער גאט אין דעם קורצען לעבען זיינעם דורכגעלעבט; פיעל שווערע און ביטערע מלחמות איז ער אויסגעשטאנען.

גוט און גליקליך האט יהודה שטיינבערג פערבראכט נאך אין זיינע קינדערשע יאהרען.

ער איז געבוירען געווארען אין אקליין שטעדטעל אין בעסאראביען, אין ליפקאני. שוין פון זיין געבוירען האט די השגחה זי געזארגט וועגען דער ענטוויקלונג פונ'ם פאעטישען טאלענט, פונ'ם קינסטלערישען פאעט. גלייך מיט זיין געבוירען האט זי שוין פאר איהם אויך די ריכטונג, דעם כאראקטער פון זיין קינסטלערישען שאפען אנגעמערקט, און אלע נויטיגע, גינסטיגסטע בעדינגונגען, האט זי צוזאמענגענומען, כדי צו בעפעסטיגען און צו פעריכערען די ענטוויקלונג פון דער ריכטונג.

איינע פון די שענסטע און אייגענארטיגסטע געגענדען אין רוסלאנד איז בעסאראביען. עפיס א מין לעגענדארע שענהייט ליעגט אין איהר ערטערווייז בעהאלטען. עס געפינט זיך נאך דארטען פערגעסענע און פערווארפענע ווינקעלעך, אין וועלכע עס גיעט צייטענווייז א בלאז אויף דיר מיט „ששת ימי בראשית". צייטענווייז, פערגעסטו דארטען אן דער גאנצער קולטורעלער מענשהייט, און דעם גאנצען טומעל און רעש, וואס זי האט בעשאפען. דא ווערסט איבערגעטראגען מיט טויזענדער יאהרען צוריק, ווען די מענשהייט האט זיך נאך אין קיין פעלקער נישט געהאט צעוואקסען, ווען זי האט נאך קיין פאהרען מיט מאשינען, מיט פאבריקען נישט געהאט, נאר פאמיליען-פאמיליענווייז פלעגען זיך ציהען די מענשען איבער די גלייכע און ברייטע פעלדער און טהאלען מיט זייערע גרויסע סטאדען. שעהן לאנגע קענסטו דארטען אבגעהן, פארענדיג זיך אין גאנצע גרויסע און ברייטע ימים פון שענע, צארטע און הויכגעוואקסענע בלומען און גראזען, וועלכע ציהען זיך אויסגעלעגט פאר דיינע אויגען, אזוי גלייך, אזוי חנ'עוודיג און מיט א זא מעלאנכאלישער רוהיגקייט. און פון צייט צו צייט דרינגען אריין אין דיינע אויערען און גלעטען אזוי צארט, אזוי ווארים, לירישע, הארציג=מעלאנכאלישע קולות פון א נגון, וואס זינגט ערגעץ ניט ווייט א מאלדאוואן, א פאסטוך.

און אחוץ דער ארומיגער, אויסערליכער סביבה, אין וועלכער יהודה שטיינבערג האט זיינע קינדערשע יאהרען פערבראכט, אחוץ דער אויסערליכער סביבה, וועלכע האט אין איהם שוין אין זיין קינדהייט זיין פאנטאזיע געוועקט און געפליגעלט, האט אויך

די היימישע סביבה, און וועלכער ער האט פערבראכט זיינע קינ־דערשע יאהרען, פיעל מיטגעבראכט צו וועקען און ענטוויקלען דאס געפיהל און פאנטאזיע פונ'ם קינד שטיינבערג.

זיין פאטער איז געוועזן א פערברענטער סאדיגורער חסיד, וועלכער האט אויך זיין קינד ערצויגען אין חסידישען גייסט. שוין אין די קינדערשע יאהרען נאך, איז שוין יהודה שטיינבערג געוועזן א בן־בית אין די חסידישע ספרים, אין מדרש און אין אגדה, אויף וועלכע זיין געפליגעלטע, פאנטאסטישע נשמה און זיין צארט וויך הארץ האבען אבגערוהט נאך זייער שווערער ארבייט אין די גרויסע ש"ס־ופוסקים, וועלכע ער האט געשטודירט אין חדר. שוין אין די קינדערשע יאהרען האט זיך געטובל'ט די צארטע און טיעף־פיהלענדע נשמה זיינע אינ'ם ים של שירה פון די חסידישע מעשות און לעגענדען, וועלכע ער האט אזוי נייגעריג געשלונגען אין זיך, הערענדיג זיי פון מויל פון די חסידים, צווי־שען וועלכע ער האט פערבראכט זיינע קינדערשע יאהרען, און וועלכע ער האט נאכדעם אזוי מייסטערהאפט איבערגעגעבען אין אזא קינסטלערישער און שענער פאעטישער פארם.

און גרויס און שטארק איז געוועזן דער איינדרוק, וואס די קינדערשע יאהרען האבען איבערגעלאזט אויף יהודה שטיינבערג. זיי האבען ארויפגעלעגט א שטעמפעל אויך אויף זיינע שפעטער־דיגע יאהרען. בעזונדערס האט ער געפיהלט א שטארק טיעפע ליעבשאפט צום געגענד, אין וועלכען ער האט זיינע קינדערשע יאהרען פערבראכט. ער איז געוועזן, ווי צוזאמענגעבונדען מיט דער גאנצער נאטור דארטען. שוין א פאר יאהר פאר זיין טויט, — שרייבט וועגען איהם דער יונגער העברעאישער דיכטער יעקב פיכמאן, וועלכער איז געוועזן שטיינבערג'ס נאהענטסטער פריינד, — זייענדיג אין אדעס, האט ער מיר נאך געשריבען א בריעף, פול מיט בענק־שאפט צום שענעם געגענד, אין וועלכען ער איז געבוירען געווארען. מיט אונגעדולד האט ער ערווארטעט דעם טאג, אין וועלכען ער זאל שוין צוריק אהיים קומען. שפאצירענדיג מיט איהם אין די זומערדיגע נעכט אונטערען שטאדט, פלעגט שטיינבערג פער־וואנדעלט ווערען ממש אין א קינד, אזוי פול מיט לעבען־לוסט, מיט תמימות, מיט צארטקייט איז ער געווארען דאמאלסט. פון אלעם האט ער בעקומען התפעלות, אלץ האט ער בעטראכט, צו

יעדער זאך האט ער זיך צוגעקוקט. די בעציהונג זיינע צו די קינדערשע יאהרען, איז ביי איהם שטענדיג געוועזען, ווי צו א הייליגטום, ווי צו א טייערען אוצר, מיט דער גרעסטער צארטקייט און ווייכקייט האט ער גערעדט וועגען זיינע זכרונות פון די קינדערשע יאהרען.

און ווירקליך, דאס זענען געוועזען די איינציגסטע ליכטיגע און פרעהליכע בלעטלעך אין דעם טרויעריגען טאגעס-בוך פון זיין לעבען.

ביז זענען פערשוואונדען געווארען די קינדערשע יאהרען, ביז זענען פערשוואונדען געווארען די פאנטאסטישע וועלטען, אין וועלכע שטיינבערג האט געלעבט, און ער האט זיך בעגעגענט פנים אל פנים מיט דער אכזריות'דיגער ווירקליכקייט. די עלטערען זיינע האבען איהם פריה חתונה געמאכט, און ערשט נאך דער חתונה, זייענדיג שוין א מאן און א טאטע, איז איהם אויסגעקומען דורכצומאכען זיין שטורם-און-דראנג פעריאד. ערשט דאמאלס איז פארגעקומען ביי איהם זיין אינערליכע רעוואלוציע, די רעוואלוציע אין דער וועלט פון זיינע אידעען און געדאנקען.

צופעליג האט שטיינבערג, זייענדיג ביי זיין שווער אין רומעניען, אנגעהויבען לייענען השכלה-ספרים, און וועלכע ער איז אלץ מעהר און מעהר פאריינגעצויגען געווארען. פערשטעהט זיך, אז עס איז איהם אויסגעקומען איבערלעבען א שווערע מלחמה, וואס ער האט בעדארפט פיהרען מיט דער פאנאטישער חסידישער סביבה, אין וועלכער ער האט זיך געפינען, און וועלכע האט איהם באלד ערקלערט פאר א אפיקורוס. דאך איז ער געוועזען צופריעדען. ער איז געווען פול מיט האפנונגען אנצוהויבען לעבען א נייע לעבען, פול מיט אמת'ן אינטערעס און טעטיגקייט. קירצליך האט זיך איהם איינגעגעבען, אנהויבען איינריכטען זיין לעבען אויף זיין אייגענעם חשבון, לויט זיין אייגענעם בעגעהר. ער האט זיך בעזעצט אין א דארף, וואו ער האט אויפגעעפענט א קליין געוועלבעל. דאס געוועלבעל האט זיך אבער מעהר, ווי דער קורצער פרייטאג ניט געהאלטען. משמעות, אז ער איז געוועזען ניט איבעריג באהבה'נט אין עניני המסחר. צוויי יאהר נאך דער חתונה האט ער שוין געמוזט איינגאנצען פערלאזען רומעניען, מיט לעדיגע הענד האט

ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיין פאטער אין הויז. דאן האט זיך שוין פאר איהם אנגעהויבען גאר א שרעקליכע ביטערע צייט. שטיינבערג, וועלכער איז נאך געוועזען זעהר יונג דאמאלס, וועלכער איז אויך געוועזען איבערגעגעבען זיינע נייע „אפיקורסישע" אנשויאונגען און אידעען מיט דער איבערגעגעבענהייט פון א גר צו זיין נייער אמונה, וואס ער נעהמט אן, האט מיט פאלשטענדיגער אפענהערציגקייט ארויסגעזאגט זיינע פרייע געדאנקען פאר דעם פאטער. דאס האט געבראכט צו א שרעקליכער, לאנגדויערענדער מחלוקת צווישען זיי, וועלכע האט זיך ענדליך געענדיגט דערמיט, וואס שטיינבערג האט געמוזט פערלאזען זיין פאטערס הויז. נאר זיין ווייב איז איבערגעבליבען ביים פאטער. ער האט געוואהנט אין א פרעמדע הויז. דאן האט ער זיך גענומען פאר לערעריי. דער כעס פון פאטער אויף איהם איז אבער געוועזען אזוי גרויס, אז ער איז פשוט ארומגעגאנגען פון הויז צו הויז, וואו שטיינבערג האט לעקציאנען געהאט און שטראפען זיי, למאי זיי לערענען זיך ביי אזא אפיקורס. עטליכע יאהר האט ער זיך אזוי אבגעמאטערט, ביז ער האט, ענדליך זיין געבורטס-שטאדט געמוזט פערלאזען. ער איז איבערגעפאהרען אין אנאנדער שטעדטעל אין בעסראביע, אין יעדינעץ. דאס איז געוועזען אין יאהר 1889. נישט קוקענדיג אבער אויף די רדיפות און מלחמות, וואס ער איז אויסגעשטאנען אין דעם אויבענדערמאהנטען פעריאד פון זיין לעבען, איז ער דאך אלץ מעהר און מעהר געוואקסען גייסטיג. פון טאג צו טאג זענען אלץ מעהר פערגרעסערט געווארען זיינע ידיעות אין די אלגעמיינע למודים. א דאנק זיינע זעלטענע פעהיגקייטען און זיין שארפען מח, האט ער אין א קורצע צייט א היבשע ידיעה אין מאטעמאטיק ערווארבען, ווי אויך עלעמענטארע ידיעות אין דער נאטור וויסענשאפט. בעזונדערס זענען שוין גרויס געוועזען די ידיעות זיינע אין דער העברעאישער שפראך און אין דער העברעאישער ליטעראטור, אזוי, אז ער האט שוין געשמ'ט איבער דער גאנצער סביבה, אלס גרויסער „מליצה-שרייבער". און דאן האט ער שוין אויך זיין ערשטען — אבער זעהר נישט געראטענעם — דעביוט אין דער ליטעראטור געמאכט. ער האט ארויסגעלאזט דאמאלס זיין „ניב-שפתים", א העברעאישער סינטאקסיס. אויף דעם ספר'ל האט שטיינבערג גרויסע האפנונגען ארויפגעלעגט. ער האט גערעכענט, א

ער וועט גאָר נתעשר ווערען פון איהם, און נתעשר ווערען האָט ער דוקא שטאַרק געוואָלט דאַמאָלס. דאָס מלמדות, מיט וועלכען ער האָט זיך דאַן בעשעפטיגט איז איהם שוין אויך געווען נמאס ומאוס, און האָט איהם פערביטערט דאָס לעבען. האָט ער גערעכענט, אַז אַזוי אַרום וועט ער אויסגעלעזט ווערען. נישט אָבער ער איז נאָר נישט נתעשר געוואָרען פון'ם „ניב־שפתים“, ער איז נאָך אַ דאַנק איהם אַ גרעסערער קבצן געוואָרען. די עטליכע רובל, וואָס ער האָט אין'ם ספר אַריינגעלעגט, האָט ער שוין צוריק, פערשטעהט זיך נישט געזעהען. דער „ניב־שפתים“ האָט איהם אָבער אינגערליך אויך רואינירט. אין אַ שרעקליכער געדריקטער שטימונג האָט ער זיך געפונען, צוזעהענדיג, ווי דער ספר זיינער ליעגט, ווי אַ שטיין. גיך האָט ער זיך אַליין אויך איבערציינט, אַז דער ספר זיינער איז טאַקי נישט ווערט צו האָבען אַ ערפאָלג. ענדליך האָט ער פערברענט פאַר גרויס פערצווייפלונג אַלע איבעריגע געבליבענע עקזעמפּליאַרען. ער געהט אַוועק ראשו ורובו נאָכאַמאָל אין מלמדות, געפּלאָגט פון דער שרעקליכער איבערציינגונג, אַז אויף איביג וועט ער שוין מיט דעם מלמדות בלייבען פערבונדען, אַז קיינמאָל וועט ער שוין צום העכערען גייסטיגען לעבען ניט דערגרייכען. זינגט אָבער דער נאַכטיגאַל, נישט דערפאַר, וואָס ער וויל, נאָר דערפאַר, וואָס ער קאָן. אין די פרייע מינוטען, האָט זיך שטיינבערג דאָך ניט געקאָנט איינהאַלטען, ער זאָל ניט מאַכען נייע ליטעראַרישע פּראָבען. זיי האָבען אָבער איהם אַליין אויך אַלץ נישט צופרידען געשטעלט. שרייבט ער אין ברענט, שרייבט ער און צערייסט. און ווען איהם איז שוין עפּיס יאָ געפעלען געווען, פלעגט דאָס אָבער די רעדאַקציעס נישט געפעלען ווערען. פון אַלעס, וואָס ער האָט געשיקט פלעגט קיינמאָל גאָרנישט געדרוקט ווערען. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ גייסטיגע יסורים שטיינבערג האָט איבערגעלעבט אין יענעם פעריאָד. דער יאוש זיינער איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. ענדליך האָט ער זיך כמעט מתיאש געווען אינגאַנצען. ער, ווי אויך זיינע חברים, האָבען כמעט שוין גאָר אינגאַנצען אויפגעהערט צו גלויבען אין זיינע ליטעראַרישע פעהיגקייטען. נאָר פונקט אין'ם מאָמענט פון גרעסטען יאוש, בעוויזען זיך נאָך אַמאָל די ליכטיגע האָפנונגען אויף זיינע הימעלס־האָריזאָנטען — העלע, פרעהליכע און פיעל־צוזאָגענדע האָפנונגען!

„תושיה“ דרוקט אָב זיינע משלים „בעיר וביער“, וועלכע מאַכען
ה.„תושיה“ דרוקט אָב זיינע משלים „בעיר וביער“, וועלכע מאַכען
אַ געוואַלדיגען רושם אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

פון דאַמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע עפּאָכע אין לעבען פונ׳ם דיכטער. ווי אַ לעבעדיגער קוואַל האָט געפּליסט פון דאַמאָלס אָן דער שעפּפערישער גייסט פון יהודה שטיינבערג. מעכטיגע שטראָמען האָבען יעדעס מאָל פון איהם אויסגעבראָכען, איבערראַשענדע, וואונדערבאַרע ליטעראַרישע טעטיגקייט האָט ער פון דאַמאָלס אָן אָנגעהויבען צו בעווייזען. באַלד נאָך דעם „בעיר וביער“ האָט ער אַרויסגעלאָזט זיינע „שיחות לילדים“, קליינע מעשה׳-לעך פאַר קינדער, בנוגע צו וועלכע מיר ווייסען זיך ניט אויף וואָס פריהער צו פּערחדוש׳ן: צי אויף דעם מערקווירדיגען, אָריגינעלען, ביי׳עם שענעם סגנון, מיט וועלכען זיי זענען געשריבען, אָדער אויף דעם עכט-יודישען אינהאַלט זייערען. אַן עכט יודישער גייסט בעלעבט די דאָזיגע קינדערשע מעשה׳לעך, דעם מאַטעריאַל, פאַר וועלכע ער האָט געשעפּט פון די אוצרות פון די יודישע לעגענדען און טראַדיציע. עפּיס אַ מין געבענשטער פאָלקסטימליכער חן ליעגט אויף זיי. אויך געשריבען זענען זיי מיט אַזאַ העברעאיש, מיט וועלכען מען האָט נאָך קיינמאָל ביז איהם נישט געהאַט געשריבען. מיט דער שענער און בעחנ׳עוודיגער בלומען-שפּראַך פון דער יודישער אגדה, אין אַ מערקווירדיג לעבעדיגען און רייכען סגנון, און אין ... מערקווירדיג שאַרפע אָנציהענדע און הערצליכע טענער. און וואָס ווייטער האָט ער אַלץ מעהר פערפאָלקאָמעט זיין סגנון, אַזוי, אַז זיין סטיל איז געוואָרען אַ מוסטער-סטיל אין דער העברע-אישער בעלעטריסטיק, מיט וועלכען, כמעט, אַלע יונגע העברעאישע קינסטלער האָבען אָנגעהויבען צו שרייבען. און דאַמאָלס זענען זיינע האָפנונגען מקוים געוואָרען. און מקוים זענען זיי געוואָרען גאָר אין דער פולער מאָס. דער לעבענס-שטערען זיינער האָט פון דאַמאָלס אָן אָנגעהויבען צו לייכטען פון טאָג צו טאָג אַלץ העלער און העלער. שטיינבערג האָט גאָר גיך ערוואָרבען פאַר זיך אַ מזרח-שטאָדט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. אין ערשטען „הדור“ איז שוין שטיינבערג געווען אַ שטענדיגער תושב. כמעט, אין יעדען נומער איז געווען אַ נאָוועלע פון איהם. די דאָזיגע נאָ-

העלדען זײַנע האָבען צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די לעזער מיט זייער אָריגינעלען אינהאַלט און מיט זייער וואַרימען און שאַרפען טאָן און מיט זייער קינסטלערישער קלאָרקייט און אויסגעהאַלטענהייט. גלייכצייטיג האָט ער אויך אין „השלוח“ געשריבען. נאָכדעם זענען אַרויסגעגאַנגען זײַנע חסידישע מעשה׳לעך און ערצעהלונגען אין פערלאַג „תושיה“. אין אַ זעלטענע, וואונדער־באַרע, שעפערישע פרוכטבאַרקייט האָט ער אין דעם פעריאָד באַוויזען. ער האָט דאַמאָלס געוואוינט אין אַ קליין שטעדטעל, וואו ער האָט זיך באַשעפטיגט מיט לעקציאָנען. די בעסטע צייט האָט ער, אַלזאָ, אַוועקגעגעבען אויף מלמדות, אויך איז ער שוין געווען שטאַרק אונטערגעבראָכען פיזיש, כמעט שטענדיג געקרענקט, דאָך איז שווער געווען צו געפינען אין יענעם פעריאָד פון זײַן לעבען וועלכע עס איז צייטונג אָדער זשורנאַל אויף העברעאיש אָדער אויף יודיש, וואו מיר זאָלען זיך נישט באַגעגענען מיט שטיינבערג׳ן. אָפטמאָל פלעגט אויך טרעפען אין יענער צייט, אַז מיר פלעגען איהם באַגעגענען אין עטליכע ערטער מיט אַמאָל אין איין טאָג. ער פלעגט דאַמאָלס זעהר אָפט זיך אַראָבכאַפּען קיין וואַרשאָ אויסגעבען די גרייטע „סחורה“ זײַנע און אָננעהמען נײַע „באַשטעלונגען“. מערקווירדיג שען פלעגט זײַן צוקוקען, ווי ער פלעגט זיך אַרומטראָגען שטענדיג מיט אָנגעפּאַקטע קעשענעס. ווען מע פלעגט איהם באַגעגענען, געדענק איך, פלעגט ער זײַן פול. ער האָט געצויגען די „ליטעראַטור“ זײַנע פון די קעשענעס, ממש, ווי דער קונצענמאַכער די סטענגעס פון מויל...

אָרים איז דאָס פאָלק, אָרים איז די יודישע ליטעראַטור. נאָר נאָך מעהר אָרימער זענען די יודישע שריפטשטעלער. דעם גרעסטען טייל קומט־אויס צו לעבען אין אָרימקייט און דחקות. אָפטמאָל קומט זיי אויס צו לעבען ערגעץ אין אַ פערוואָרפען און אַ פערגעסען ווינקעל, פיהלענדיג זיך פרעמד און אָבגעזונדערט פון יעדען, לעבען כסדר אין אַ פרעמדער סביבה, צווישען פרעמדע מענשען. און דעריבער פערנעהמט אַזאַ וויכטיגען פּלאַץ אין זייער לעבען דער וואונש, די שטרעבונג, צו באַזעצען זיך אין אַ גרויסער יודישער שטאָדט, וואו עס געפינט זיך אַ גרויסער ליטעראַרישער צענטער. זיי ווילען זיך האָטש, ווייניגסטען, געפינען צווישען אײַ־

גענע, זיי ווילען חאָטש, ווענינסטען, פיהלען אַרום זיך אַ היימישע ליטעראַרישע סביבה.

און אָט דער וואונש, אָט דער באַגעהר, צו בעזעצען זיך אין אַ שטאָדט, וואו עס געפינט זיך גרויסע ליטעראַרישע קרייזען, האָט אויך אין לעבען פון יהודה שטיינבערג אַ וויכטיגע אָרט פערנומען. ער האָט זיך געשטרעבט דערצו מיט אַלע פיברען פון זיין נשמה. ער האָט אָבער אָט דעם וואונש זיינעם נישט געקאָנט רעאַליזירען. וויפיעל מיה און כחות ער האָט אויף דעם נישט אַוועקגעלעגט. ער האָט געמוזט זיין צוגעבונדען צו זיינע קליינע שטעדטלעך און מיט מלמדות זיך בעשעפטיגען, וועלכע האָט ביי איהם דעם דם התמצית אויסגעזויגען. ענדליך, ערשט צוויי יאָהר פאַר זיין טויט איז זיין וואונש ערפילט געוואָרען. ער איז געוואָרען אַ שטענדיגער קאָרעספאָנדענט פון דער אַמעריקאַנער „ווארהייט“: דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו בעזעצען זיך אין אָדעס.

נישט מיט מזל איז אָבער פאַר איהם געווען זיין איבערפאָהרען קיין אָדעס. זיין געזונד, וואָס איז שוין געווען פון לאַנג אונטערגעבראָכען, איז איבערפאָהרענדיג קיין אָדעס, נאָך מעהר אונטערגעבראָכען געוואָרען. אין אַ קורצע צייט אַרום איז ער שלאַף געוואָרען אויף אַ ראַק. מעגליך, אַז ווען ער זאָל עס געווען באַלה פערהיטען, וואָלט ער זיך נאָך אפשר געקאָנט אויסהיילען. זייענדיג אָבער שוין צוגעוואָהנט צו שטענדיגע צרות און יסורים, זייענדיג אויך שטענדיג זעהר פערנומען מיט טרדות פרנסה, האָט ער עס פערלאָזט. ער האָט זיך אָנגעהויבען ווענדען צו דאָקטוירים ערשט דאַמאָלס, ווען עס איז שוין פון איהם, כמעט, נאָר הויט און ביינער געבליבען, ווען די שרעקליכע קרענק האָט דאָס גאַנצע לעבען פון זיין אָרגאַניזם אויסגעזויגען.

די אַלע גרויסע געלד־קרבנות און מיה, וואָס זיינע פריינד און חברים — בעזונדערס דער געניאַלער העברעאישער דיכטער ח. נ. ביאַליק און דער בעוואוסטער העברעאישער שריפטשטעלער לעווינסקי — האָבען אַוועקגעלעגט אויף צו פערלענגערען דאָס לעבען פון קראַנקען דיכטער, האָט נישט געהאָלפען —

יהודה שטיינבערג איז געשטאָרבען*).

*) ז׳ אדר תרס״ח, אין דער פריה.

יהודה שטיינבערג איז געווען אַ אמת'ער זוהן פֿון זיין פֿאָלק אויך מיט זיינע מדות און מיט די גרונד-שטריכען פֿון זיין חאַראַקטער. ער איז געווען אַ מערקווירדיג קלוגער ייד. אָפֿטמאָל איז זיין רעדען געווען בעפֿעפֿערט מיט דעם אמת'ן יודישען וויץ. ער האָט אויך אין זיך געהאַט פֿיעל פֿרעהליכען און לעבעדיגען הומאָר. איינער פֿון די עיקר גרונד-שטריכען פֿון זיין חאַראַקטער, איז אויך געווען דער פֿרעהליכער און האָפֿענדער אָפּטימיזם, מיט וועלכען זיין גייסט איז געווען דורכגעדרונגען. שוין ליגענדיג אויפֿ'ן טויטען בעט, כמעט, האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו האָפֿען, אַז ער וועט נאָך צוריק געזונד ווערען. נאָך מעהר מערקווירדיג איז דאָס, וואָס אין יענעם מאָמענט האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו רעדען וועגען נייע פּלענער, וועגען זיין ווייטערדיגע ליטעראַרישע אַרבייט און וועגען דעם נייעם לעבען, וואָס ער וועט אָנהויבען, אין וועלכען „אַלץ וועט זיין פֿון ס'ניי". און גערעדט האָט ער וועגען דעם אַלם נישט גלאַט אַזוי, אויף צו שאַפֿען פֿאַר זיך אַ איללוזיע, אויף אָבצונאַרען זיך אַביסעל, כדי צו פֿערגעסען אין דער אַכזריות'דיגער ווירקליכקייט, נאָר מיט אַ אמת זיכערען טאָן, מיט אַ איבערצייגטען גלויבען. עס האָט אין איהם געלעבט דער אמת'ער יודישער אָפּטימיזם, וועלכען ער האָט אַזוי מייסטערהאַפֿט געשילדערט אין זיין חסידישע ערצעהלונג „גדליהו". גדליהו איז אַ עני מדוכא, וואָס שטאַרבט זיבען מאָל אין טאָג פֿאַר הונגער. ער אינאיינעם מיט זיין ווייב און קינדערלעך. דערצו האָט ער נאָך אַ מיחוש, פֿון וועלכען ער ליידט כל ימיו. דאָס ווייב איז אויך נישט קיין „שמשון הגבור". און, פֿערשטעהט זיך, אַז ביי אַזוינע עלטערען זענען די קינדער אויך נישט קיין „גבורי ישראל". און, ווירקליך, יעדעם קינד האָט זיך זיין קרענק: ווער עס איז שלאַף אויף די אויגען, ווער אויף די ציין און ווער, וועלכען גאָט האָט גאָר געבענשט מיט „קאָלטענעס". און עטליכע טעכטער אויף פֿיהרען די אַלע אין איין טאָג אונטער דער חופּה, פֿעהלט אויך נישט, און אויף שבת איז אויך קיינמאָל נישטאָ. דאָך איז ער כסדר מלא שמחה, כסדר געהט ער אַרום פֿערשכור'ט פֿון לעבענס-לוסטיגקייט. און טראַכט שטענדיג וועגען די גבורות הבורא, וואָס ער האָט אַזאַ טייער לעבען בעשאַפֿען, און בעוואונדערט די הנהגת העולם, ווי אַזוי אַלץ איז אין איהר אויפ'ן אָרט און אַזוי גוט איינ-

געארדענט. אמת, טאקי, ער ליידט אפט הונגער, אמת טאקי, ער איז שלאף אויף אלע איברים. דאס אלעס איז אבער אלץ קלייניגקייטען געגען די פיעלע אנדערע תענוגים און שמחות, וואס זענען אזוי פיעל אין לעבען. וואס קאן נאך זיין, למשל, א גרעסערע פערגעניגען, ווי לערנען גאטס תורה, אדער מקיים זיין זיינע מצוות, בעטראכטען די הנהגת העולם, פערשטעהען, ווי אזוי אלץ איז געקייטעלט און געבונדען איינס מיט דעם צווייטען, ווי יעדער איינציגער לעבט פאר אלע, און אלע לעבען פאר יעדען איינציגען. היינט סתם, וואס פאר א געוואלדיגע הנאה, וואס פאר א גרויסער פערגעניגען איז ארומדרעהען זיך א לעבעדיגער אויף גאטס ברייטער, גרויסער און שענער וועלט. כדאי צו ליידען אט יענע קליינינקע אונבעדייטענדע צרות און יסורים, וואס ער ליידט. די הנאה, וואס ער האט פון לעבען, דעם פערגעניגען, וואס ער געניעסט אנדערש ארום, וועגען א סך, א סך אריבער...

מערקווירדיג פערשיעדנפארביג און פיעלזייטיג איז דאס שאפען פון יהודה שטיינבערג. אויף פערשיעדענע געביטען האט ער געארבייט אין דער ליטעראטור. ער האט געשריבען סקיצען, נאוועלען און גרויסע ערצעהלונגען, ווי אויך ראמאנען און האלב לירישע, האלב פובליציסטישע פעליטאנען. ער האט אויך לעהר־ביכער צוזאמענגעשטעלט. מיט זיין פיעלפארביגען קינסטלערישע פינזעל און אויך מיט זיין פיעלזייטיגער ליטערארישער טעטיגקייט, האט ער כמעט, זיין גלייכען נישט געהאט אין דער העברעאישער ליטעראטור. דערמיט, ערקלערט זיך דאס, ווא סשטיינבערג האט אונז דאך ניט געגעבען דאס אלעס, וואס זיינע גרויסע שעפערישע כוחות וואלטען אונז געקאנט געבען. ער איז צופיעל געווען צעווארפען, צופיעל צעשפרייט איבער שבעה ימים, צופיעל נישט קאנצענטרירט אין זיך, דעריבער פעהלט אויך, אפטמאל אויס אין זיינע שעפפונגען די קינסטלערישע שלימות. עס ליעגט אויף זיי צייטענווייז, דער שטעמפעל פון איילעניש, פון חאפעניש, פון נישט גענויער בעארבייטונג. צייטענווייז, לייענענדיג זיינע זאכען, מאכען זיי אויף דיר אנ'איינדריק, גלייך, ווי דער קינסטלער האט די גאנצע אויפמערקזאמקייט, די גאנצע שעפערישע ענערגיע זיינע אנגעשטרענגט דערויף, אז דאס טעמא, דער סוזשעט, די פאבעל זאלען זיין ווערטס־פול און קינסטלעריש אינטערעסאנט. אלעס אי־

בעריגעס האט ער שוין געמאכט בחפזון. די בעארבייטונג, די ניט צענטראלע פונקטען פון דער קינסטלערישער שעפּפונג זענען שוין ביי איהם געווען, ווי נישט איבעריג וויכטיג. דאס איז געווען א מוזבארער רעזולטאט פון דער אויבענדערמאנטער סבה, ווי אויך דערפון, וואס ער האט שטענדיג געארבייט מתוך דחקות און ארימקייט.

דאך אין אלע געביטען פון זיין שאפען בעמערקען מיר גרויסע קינסטלערישע און ליטעראַרישע פעהיגקייטען. אין יעדען מקצוע, וואס ער האט געארבייט, האט ער פערנומען איינעם פון די אנגעזעהענסטע ערטער. ווען מיר נעהמען ארום מיט א אלגעמיינעם בליק דעם גאנצען רייכטום, וואס שטיינבערג האט אריינגעטראגען אין דער העברעאישער ליטעראטור, מאכט עס אויף אונז א טיעפען און איבערראשענדען איינדריק. שטיינבערג מאכט אויף אונז דעם איינדריק נישט פון קיין קאנצענטרירטען ריטמיש-אויסגעהאלטענעם שעפּפערישען גייסט. ער מאכט אויף אונז דעם איינדריק פון שטיקער פון א גרויסער ליכטיגער זון, וואס צעפאלט און צעברעקעלט זיך, פון א גרויסען פליהענדען שטערען, וואס ווערט צושאטען לויפענדיג, אין זילבערנעם, שטראהלענדען שרויט. זיין שעפּפערישער גייסט האט געצויגען זיין יניקה פון פערשידענע קוואלען און האט זיך אויך צעגאסען אין פערשידענע טייכען און ימים.

יהודה שטיינבערג׳ס שעפּפערישער גייסט איז געווען א נאטירליכע און געזונדע קינסטלערישע קראפט. יהודה שטיינבערג איז בעשענקט מיט דעם דמיון פון א אמת׳ן משורר. דערצו נאך איז זיין קינסטלערישע ענערגיע געווען אזוי שטארק דורכגעשטראהלט פון דער חריפות פון דער יודישער למדנות און פון דעם טיעפען מיסטישען געדאנק פון דער קבלה. דעריבער געפינט איהר ביי איהם אזוי פיעל שטראהלענדע בריליאנטען-אפאריזמען, וועלכע איבעראשען מיט זייער טיעפקייט און שארפקייט און מיט זייער שענער און קורצער פארם. דעריבער האט זיך איהם אזוי אפט איינגעגעבען מיט איין שטריך, מיט איין מאל איבערפיהרען מיט זיין קינסטלערישען פענזעל, גאנצע פסיכאלאגישע ווינקלען אין דער מענשליכער נשמה, איבערהויפט: אין דער יודישער נשמה, צו מגלה זיין. א דאנק אבער, טאקי, אט דער חריפות, מיט וועלכע

עס איז געווען דורכגעדרונגען זיין קינסטלערישער טאלענט, פערגעסט ער אפטמאל אין „פשוטו של מקרא“. אפטמאל בעמערקט זיך אין זיין אפען עפיס א מין פשטלען זיך, עפיס א מין פסיכאלאגישע פלפול-גימנאסטיק. אפטמאל בעמערקסטו, אז דאס איז נישט קיין ריינע קונסט, נאר קונצען-קונסט. דער מאטעריאל אין זיינע נאוועלען און סקיצען, בעהאנדלען שטענדיג אינטערעסאנטע טעמאטען, שטענדיג געפינט זיך אין זיי קינסטלערישער און פסיכאלאגישער מאטעריאל, עס טרעפט אבער, אז פלוצלונג ברענגט ער אריין א וויטיגען שטריך, א פרעמדען עלעמענט, וועלכער איז כלל נישט פסיכאלאגיש און קינסטלעריש צוזאמענגעבונדען מיט דעם הויפט-עלעמענט פון דער שעפונג, און ווערט נאך ביי איהם דערצו דער שווערפונקט פון דער נאוועלע. אפטמאל וויל ער זיך נישט בעגנוגענען מיט א געוועהנליכען סוף פאר זיינע נאוועלען און סקיצען, מיט א סוף, אין וועלכען עס זאל זיין א קינסטלערישער און פסיכאלאגישער אמת. ער וויל נאך, אז דער סוף זאל זיין אינטערעסאנט און ריהרענד. איז ער מחדש א קינסטלעריש המצאה'לע, א פסיכאלאגישען שארפען און פשטעלדיגען „מה מצינו“, וועלכע שוואכען נאר אב, פערשטעהט זיך, דעם איינדריק, נישט זיי בערשטארקען איהם.

ווענינגער, ווי אין אלעם בעווייזט זיך זיין אייגענארטיגער און טיעפער שעפערישער גייסט אין זיינע גרויסע ערצעהלונגען און ראמאנען, וועלכע האבען פאר זיך שטענדיג א געוויסע טענדענץ, א געוויסע אידעע, פאר וועלכע זיי דארפען דיענען אלס לבוש, אלס פארם. שטיינבערג סטארעט זיך שטארק צו זיין א רעאליסט אין זיינע ראמאנען און ערצעהלונגען. זייענדיג אבער נישט קיין רעאליסט, לויט זיין נאטור, זייענדיג אזוינער נאר בעל כרחו, חאפט ער אפטמאל איבער די מאס, ער זאלצט שוין צופיעל איבער, ווי דער שטייגער איז פונים מענשען מדקדק צו זיין גאר שטארק אין די זאכען, אין וועלכער ער פיהלט זיך שוואך און וויל פארט שטארק אין די זאכען, וואס ער פיהלט זיך שוואך און וויל פארט זיך איינלעבען אין זיי. און דעריבער זעהען מיר איהם שילדערען אין זיי אפטמאל פערשידענע פרטים, וואס האבען כלל קיין שייכות נישט צום גוף הענין מיט'ן גרעסטען קינסטלערישען פעדאנטיזם. נאר אויב אין די פרטים, אויב אין דער שילדערונג בעווייזט ער זיך

פֿאַר אונז, ווי אַלס רעאַליסט, איז אָבער בנוגע צום אַלגעמיינעם גייסט, וואָס שוועבט אויף די גרויסע ערצעהלונגען זיינע, אין דער אידעע, וואָס ער פֿיהרט דורך אין זיי, אין דער טענדענץ, וואָס ליעגט אין זיי בעהאַלטען, זעהען מיר פֿאַר זיך דעם אמת'ן שטיינבערג דעם אידעאַליסט און ראָמאַנטיק. פֿון זיינע גרויסע ערצעהלונגען אין ראָמאַנען איז איינער פֿון די בעסטע און וויכטיגסטע — „בימים ההם".

ווייל מען אָבער זעהען דעם אֶמת'ן טאַלענט פֿון יהודה שטיינבערג, זאָל מען זיך ווענדען צו זיינע חסידישע מעשה'לעך און ערצעהלונגען, אין וועלכע מיר זעהען זיין טאַלענט אין זיין גאַנצער קראַפֿט און גלאַנץ.

אונזער נאָהענטע פֿערגאַנגענהייט, דערהויפּט דער חסידיזם, אויב זיי האָבען געדיענט ווען עס איז אַלס קינסטלערישער מאַטעריאַל פֿאַר אונזערע בעלעטריסטען פֿונ'ם פֿריהערדיגען דור, איז דאָס נאָר געווען אויף אָבשפּעטען און אָבלאַכען פֿון זיי. ערשט אין די לעצטע 15 יאָהר האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אַנדער ווענדונג אין דער הינזיכט. די נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע בעוועגונג האָט אונז צוריק צו אונזער פֿערגאַנגענהייט געקעהרט און אין די פּאַלאַצען פֿון אונזערע פֿאָלקסטימליכע גייסטיגע אוצרות אַריינגעבראַכט. אָט די בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אַלץ מעהר פֿערגרעסערט אין די לעצטע 15 יאָהר האָט אונז בעשאַפֿען פּ ר ץ'ן, ב ע ר ד י ט ש ע וו ס ק י'ן, פֿ י י ע ר ב ע ר ג'ן, און איינינגערמאַסען אַ נ ס ק י'ן, ווי אויך צייטלינען אין זיינע האַלב-ליר־ישע, האַלב-וויסענשאַפֿטליכע אָבהאַנדלונגען וועגען חסידיזם. אָט די אַלע האָבען אָנגעהויבען צו בעזינגען די נאָהענטע פֿערגאַנגענהייט, גאַנצע וועלטען פֿון שענהייט, פֿון געטליכער בענקשאַפֿט פֿון טיעף-ליידענדען האַרץ און עדעלען געפֿיהל און פֿון הימעלשער מוזיק, האָבען זיי אינ'ם חסידיזם ענטדעקט.

אויף דער גרעסטער הויך אָבער, אין דעם הינזיכט שטעהט יהודה שטיינבערג. זיינע חסידישע מעשה'לעך זענען מעהר אַרומנעהמענדער, מעהר אינהאַלטספֿולער.

איינינגערמאַסען שטעהען זיינע חסידישע מעשה'לעך און ערצעהלונגען, העכער אפילו פֿון פּרצ'ס חסידישע מעשה'לעך און פֿאָלקסטימליכע געשיכטען. נאַטירליך, אַז איך רעד נישט וועגען

דער פֿאָרם, אין וועלכע פּרצ׳ס חסידישע מעשה׳לעך און פֿאָלקסטימליכע געשיכטען זענען געשריבען. בנוגע צו דער פֿאָרם דערגרייכט פּרץ, ווייזט זיך דיר שטענדיג אויס, ווען די טיעפֿסטע זיך איין אין זיינע פֿאָלקסטימליכע געשיכטען, די גרעסטע מדרגה, וועלכע עס עקזיסטירט נאָר אַפילו פֿאַר דעם גרעסטען קינסטלערישען טאַלענט, ער דערגרייכט אין זיי. ווייזט זיך דיר דאַמאָלס אויס, די גרעסטע קינסטלערישע שלימות, וועלכע קאָן נאָר מעגליך זיין, די אמת׳ע אַבסאָלוטע קינסטלערישע שלימות. דאַכט זיך, אַז ווען די קונסט אַליין וואָלט אָט די פֿאָלקסטימליכע געשיכטען געשאַפֿען, וואָלט זי זיי אויך אין קיין שענערער פֿאָרם נישט געקאָנט מלביש זיין. איך רעד וועגען דעם אינהאַלט, וועגען אינטימען כאַראַקטער, וועגען די גרונד-מאָטיווען, וועגען דעם פֿאָלקסטימליכען פּאָן. פּרץ לעגט אַרויף דעם שטעמפּעל פֿון זיין גרויסען גייסט אויף די פֿאָלקסטימליכע געשיכטען. ער *פֿ ע ר א י י ג ע נ ט* זיי. זיי ווערען מעהר זיינע, ווי דעם *פֿ אָ ל ק ס*. אָפֿטמאָל דיענען זיי פֿאַר איהם נאָר אַלס ראַמען, אין וועלכע ער פּאַסט-איין זיינע אייגענע קינסטלערישע און פֿילאָזאָפֿיש-סימבאָלישע אידעען. ער מאָדערניזירט זיי אָפֿטמאָל, זיי ווערען ביי איהם, ווי איבערגעאַרבייט אין סימבאָלען פֿון אַלוועלטליכע מענשליכע געדאַנקען. דעריבער פֿערלירען זיי אַביסעל צייטענווייז, זייער פֿאָלקסטימליכקייט, זיי פֿערלירען זייער אינטימען, אינדיווידועלען כאַראַקטער, עס פֿליהט אַרויס דער פֿאָלקסטימליכער נאַציאָנאַלער לעבענס-גייסט פֿון זייער נשמה און טרעט אָב זיין אָרט דעם גרויסען גייסט פֿונ׳ם דיכטער. אָט אין דעם זין, מיין איך, שטעהען יהודה שטיינבערג׳ס חסידישע מעשה׳לעך העכער פֿאַר די פֿאָלקסטימליכע געשיכטען פֿון פּרצ׳ן. אין זיי איז פֿאַראַן מעהר טעקסט, מעהר פֿאָלקסטימליכקייט, מעהר תמצית פֿון דער נשמה פֿונ׳ם חסידיזם. בשעת שטיינבערג דערצעהלט אַ חסידישע מעשה, אָדער ער שילדערט די נאָהענטע פֿערגאַנגענהייט, ווערט זיין אייגענער „איך" ווי פֿערשוואונדען. ער שטעהט עפּיס ווי אינגאַנצען פֿון דערווייטענס, ער עקזיסטירט נאָר אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל עס איז נויטיג, דאָס חסידישע מעשה׳לע זאָל ריכטיג דערצעהלט ווערען.

אַ מערקווירדיגע צאַרטע ליעבע און רעליגיעזען עקסטאַז כמעט, האָט געפֿיהלט שטיינבערג צו אונזער נאָהענטער פֿערגאַנגענהייט, פֿון וועלכער עס זענען שוין נאָר חורבות ביי אונז געבליבען, און אויך זיי ווערען וועניגער פֿון טאָג צו טאָג. אַלץ, וואָס האָט אויף זיך געטראָגען איהר שטעמפּעל, האָט ביי איהם געוועקט צו זיך [illegible] און האַרציגע בעציהונג, און ער האָט געקוקט אויף דעם מיט אַזוינע ווייכע און גלעטענדע אויגען. וועלטען פֿון חן האָט ער אין יעדען ווינקעל פֿון דער אַלטער וועלט געזוכט און געפֿונען. שטיינבערג איז געוועזען אַ ציוניסט. מיט דער גאַנצער נשמה זיינער איז ער געוועזען איבערגעגעבען דעם גרויסען און מעכטיגען אידע-אַל פֿון דער יודישער אויפֿלעבונג אין זיין היסטאָרישׁ לאַנד. דאָך רעדט מיט וואָס פֿאַר אַ ליכטיגע און שענע פֿאַרבען ער שילדערט אין זיין סקיצע „מיט וואָס“ דעם פֿאָטער, חאָטש ער איז אַ פֿאַנאַטישער געגנער פֿונ׳ם ציוניזם, ווערענד דעם זוהן זיינעם, דעם ציוניסט, שילדערט ער אַזוי, אַז ער קומט אויס פּשוט, אַ קאַריקאַטור, אין פֿערגלייך מיט דעם פֿאָטער. שילדערענדיג דעם קאַמפּף, וואָס קומט פֿאָר צווישען דעם נייעם און דעם אַלטען דור, האָט שטיינבערג ניט געקאָנט נישט אָוועקגעבען די גאַנצע סימפּאַטיע זיינע אויף דער זייט פֿונ׳ם אַלטען דור, אַפֿילו דאַמאָלס, ווען איהם איז אויסגעקומען צו שטעהען אין די ערשטע רייהען פֿונ׳ם נייעם דור,אַ פֿילו דאַן, ווען איהם איז אויסגעקומען צו זיין איינער פֿון זיינע אָנפֿיהרער...

גדליהו.

האָטש גדליהו האָט געהאַט פּרנסה גאָר בדוחק פֿון מלמדות, האָטש כּל ימיו האָט ער געליטען פֿון אַ „מיחוש“ און זיין ווייב איז אַ חולנית געוועזען און דאָס קליינוואַרג האָט אויך שטענדיג אויף עפּעס געקרענקט: ווער אויף די ציינער, ווער אויף די אויגען, ווער אויף קאַלטאַנעס; האָטש ווינטערצייט האָבען די אויסגע־בראָכענע פֿענסטער פֿון זיין נידעריג שטיבעלע נישט געקאָנט אויס־האַלטען די אכזריות׳דיגע מלחמה, וואָס דער שנעע און דער ווינד האָבען מיט זיי געפֿיהרט, און אָסיען־צייט פֿלעגט אויף איהם נישט קאָנען מגין זיין דער צעבראָכענער דאַך, אַז דער רעגען זאָל איהם אויפ׳ן קאָפּ נישט רינען בייטאָג, זיצענדיג ביים טיש, און ביי נאַכט, ליגענדיג אין בעט; האָטש נישט אַלע טאָג האָט גדליהו מיט זיין פֿאַמיליע געקאָנט מקיים זיין די מצוה: „אָבענד זאָלט איהר עסען פֿלייש און אין דער פֿריה זאָלט איהר זיך מיט ברויט זאַט אָנעסען“ — פֿונדעסטוועגען, ווען דער מלאך־המות וואָלט צו איהם קומען און זאָגען: „הער נאָר אויס, פּלוני גדליהו בן פּלונית שרה! אמת, איך האָב נאָך אויף דיר קיין שליטה נישט, ווארום עס איז נאָך דיין צייט נישט געקומען; נאָר אויב דו ווילסט מיט׳ן גוטען ווילען, קאָן איך דיך אויסלייזען פֿון דיין ביטער לעבען! אָט לאָז, וועל איך ביי דיר גרינג און קושענדיג די נשמה אַרויסנעהמען!“ — ווען דער מלאך־המות וואָלט מיט איהם אַזוינע דבורים רעדען, וואָלט איהם גדליהו אין פּנים אָנ־געשפּייען און וואָלט זיך אויף איהם שטאַרק געבעזערט: „דו פּוסטער יונגער איינער! אויב דו האָסט קיין שליטה נישט איבער מיר, כאָ מאַך זשע גיך פּליטה, ווען ניט, ווערסט דו באַלד פֿערברענט דורך דעם שם שמים, וואָס איך וועל דערמאָנען“!

אמת, ער װײסט, אַז „טוב מאד“ — מײנט מען עס דעם טויט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גן־עדן אױך, אַז די װעלט איז מער נישט, װי אַ פּרוזדור צו יענער װעלט. יאָ, אמת, אַז „מאד“ איז דער טויט, נאָר צו װאָס טויג אָבער דער „מאד“? איז דען „טוב“ אַלײן נישט גענוג?

אַ גרויסע טובה האָט, נאָך זײַן מײנונג, השם יתברך געטהון מיט זײַנע בריאים, װאָס ער האָט זײ בעשאַנקט מיט לעבען; נאָך גרעסער ליעבשאַפֿט האָט ער, ברוך הוא, אַרויסגעװיזען צו זײַן פֿאָלק ישראל, װאָס ער האָט זײ געגעבען תרי״ג מצוות, כדי ער זאָל זײ מזכה זײַן מיט שכר טוב: גלײַך, װי מיר װאָלטען די מצוות ניט מקײם זײַן, גלײַך, װי מיר װאָלטען קײן תפֿילין ניט לעגען אױך מיר װאָלטען נישט דאַװנען און מיר װאָלטען שבת נישט אָפּגעהיט, װען מען װאָלט אונז נישט הײסען! איז דען פֿאַראַן אַ גרעסערער פֿערגעניגען אױף דער װעלט, װי מצוות מקײם זײַן: עסען מרור פּסח, פֿאַסטען יום כּפּור, תּורה, תּפֿילה וכדומה. מע זאָגט, אַז די רשעים זענען גרויסע בעלי־תאוה׳ניקעס, רחמנא ליצלן; ער קאָן עס אָבער בשום אופן נישט פֿערשטעהן, אויב זײ זענען באמת בעלי־תאוה׳ניקעס, װי אַזוי זשע קאָנען זײ זיך אײַנהאַלטען נישט מקײם צו זײַן דעם רבונו של עולם׳ס גוטע און טײַערע מצוות, װאָס דערפֿרעהען אַזוי דאָס האַרץ און זײ בעשאַפֿען אַזאַ „הרחבת הדעת“ פֿאַר דעם מענשען? שוטים זענען זײ! אומגליקליכע שוטים! לא די, װאָס זײ װעלען נישט האָבען קײן חלק אױף יענער װעלט, זענען זײ פֿון עולם הזה אױך נישט נהנה, װי זײ װאָלטען געקאָנט נהנה זײַן...

ער אַלײן האָט זיך נישט װאָס צו בעקלאָגען אױף זײַן לעבען: אמת, עס טרעפֿט, אַז ער לאָזט אַ מאָל אַרויס אַ קרעכץ אָהן אַ שום װיכטיגע סבה... באַלד װערט ער אָבער מלא בושה, פֿאַר זיך אַלײן און שרײַט גאַנץ הױבשליך אָן אױף זיך: שוטה, אײנער! װאָס קרעכצטו? צי טײַכען אַפּרסמון־בוימעל געדױען דיר אָב? קײן כתר מלוכה“ האָסטו נישט?!

און אַז ער הויבט אָן דאַמאָלס זײַן לעבען בודק זײַן, געפֿונט ער אײַן, אַז ער האָט, װירקליך, פֿערדיענט אָט דעם פֿאָרװורף. ער בעחשבונעט זײַן לעבען לויט די טעג פֿון דער װאָך: זונטאָג און

מאָנטאָג איז ער נאָך מקבל נחת פונ׳ם תענוג פונ׳ם פערגאנגענעם שבת; פון דאָנערשטאָג אָן פיהלט ער שוין דעם תענוג פונ׳ם קומענדען שבת און ער איז זיך שוין מתפרנס פון אָט דעם נייעם מקור. בלייבט בסך הכל איבער צוויי וואָכעדיגע טעג, נאָר וואָס איז אזוינס צוויי טעג, ווען זיי וואָלטען אפילו חס ושלום זיין אמת׳ע הונגער-טעג?

אמת, עס ווענען געוועזן צייטען און זיינע יונגע יאָהרען, וואָס דער דאָנערשטאָג פלעגט איהם גורם זיין גרויס צער, פחד און דאגות, ווען ער פלעגט זיך דערמאָהנען אין דער פראגע: „פון וואנען וועל איך נעהמען אויף שבת?" פלעגט ער פיהלען דאמאָלס ממש „צערו של גיהנום". נאָך פון זונטאָג אָן פלעגט ער שוין ציטערען, טאָמער וועט ער אויף שבת נישט האָבען; און אָט דער פחד, „טאָמער וועט ער אויף שבת נישט האָבען" פלעגט איהם אָפטמאָל דעם גאנצען געדאנק צעמישען אפילו בשעת תפילה. איצט אָבער איז ער שוין עלטער און קלוגער געוואָרען. ער ווייסט, אז דאָס איז אַ אומזיסטיגער פחד, וואָס פּאַסט פאר נאַרישע קינדער... ווארום אמת רעדענדיג זענען דאָך די מזונות פונ׳ם מענשען אָבגעמאָסטען און אָבגעוועגען נאָך מיום הולדו; און נאָך מעהר, אפילו זיינע דאגות און יסורים זענען אויכגעצעהלט פון פריהער דורך קודשא בריך הוא; נאָר „פרנסה" איז עפּיס אנדערש און „דאגת פרנסה" איז ווידער עפּיס אַנדערש. ער בעדאַרף געהן אַלע דאָנערשטאָג צו זיין בעל-הבית בעהמען „שכר בטלה", ווארום אזוי איז איהם אָנגעצייכענט געוואָרען פון אויבען... און אויב יענער גיעט נישט — איז זיך נישטאָ, וואָס מצער צו זיין אָדער אין כעס צו ווערען אויף איהם: אָט אזוי האָט סיבת כל הסיבות גוזר געוועזן, אז ער זאָל נישט געבען, אז איך זאָל געהן צו אַנאַנדערען, צום דריטען, צום פיערטען, און אויב זיי וועלען אויך נישט געבען — איז דאָס אַ סימן, אז מען בעדאַרף דאגה׳נען אַ ביסעל... און זגתו דאַרף זיך דעם פנים שווארצען און נאָך אַ מאָל בעטען ביי חנה, דער מעהל-הענדלערען מעהל אויף באָרג... דאָס אַלעס, איז יסורים, דאגות... מיט שבת אָבער, האָבען אָט די אַלע יסורים קיין שייכות ניט... אויף שבת, אם ירצה השם, וועט זיין „לחם משנה", פלייש און ווין אויף קידוש און אפשר טאַקי „דגים" אויך, אויב נאָר די

השגחה העליונה וועט היסען... אמת, עס איז נישטא, וואס צו ליקענען, די יסורים זענען נישט איבעריג בעליעבט... ובפרט אויסהערען די טענות פון די בעלי־בתים, בשעת זיי האבען נישט קיין שכר־למוד צו צאהלען, אדער אויסהערען די טענות פון זיין זוגתו און איהרע קללות, ביז די דערלעבט צו זעהען מעהל אין מיהלטעהר — נאר איז וואס? איז איבער אזא קלייניגקייט ווערט שוין דען אלעס פסול? וואס פאר א שוטה וויל עס דען נישט נעהמען אויף זיך א ביסעל יסורים, א ביסעל דאגות אויף א ווייל בשכר עונג שבת, ווייסט דו דאך, אז די דאגות זענען זיך גלאט אזוי דאגות, און אלעס וועט זיין, ווי עס געהער צו זיין?...

אפילו דער מיחוש זיינער און דאס שלאפקייט פון זיין ווייב און קינדער שרעקען איהם שוין מעהר נישט; ער ווייסט, אז דאס אלעס איז נאר יסורים. פון יסורים טאר ער נישט אנטלויפען, און עיקר אבער פון דער זאך, איז דאס לעבען אנגעצייכענט פריהער פאר דעם מענשען.

און מיט גרויס געפיהל דאווענט ער דריי מאל אין טאג, און א מאל וויינט ער אויך ביי ברכת „רפאנו“ און בעט מיט גרויס כונה אויף פרנסה ביי ברכת „אב הרחמן“, האטש ער ווייסט, אז מען האט איהם שוין אלסדינג אנגעצייכענט פון הימעל, און קיינער קאן נישט איבעראנדערשען דאס, וואס איז שוין נגזר געווארען.... און איינמאל איז איהם געקומען צו דער האנד עפיס א ספר, וואס איז עוסק אין דעם ענין פון „ידיעה און בחירה“, האט ער זיך זעהר געוואונדערט אויף דעם עצם שאלה, וואס איז גאר קיין שאלה נישט, נאך זיין מיינונג: אמת, אז די ידיעה פונים בורא ברוך הוא נעהמט ארום אלע צייטען, קומט אויס, אז אלע מעשים, וואס בעדארפען געטהון ווערען, מוזען געטהון ווערען נאר אזוי, ווי ער, ברוך הוא ווייסט פון פריהער — פון דער אנדערער זייט ווידער, ווער ווייסט עס נישט, אז ביים מענשען אין הארץ איז פארהאן א „יצר טוב און א יצר הרע“ און דער מענש טהוט גוטס און שלעכטס, לויט זיין אייגענער ווילען דיקטירט איהם פריי. אמת, אז דער ענין איז א ביסעל א „מדרש פליאה“, אין דעם אבער זענען דאך טאקי די גבורות און די נפלאות זיינע! איז דען בריאת שמים וארץ נישט קיין פלא? ידיעה אהן בחינה אדער בחינה אהן ידיעה — קאן דאך אויך

זיין ביי א פראסטען בשר ודם!... גאר פראסט וואלט עס דאך זיין, ווען אויך פאר דעם בורא ברוך הוא וואלט דאס נאר מעגליך געווען!...

עס טרעפט, אז ער טראכט זיך איין אין די דרכים פונ'ם בורא, ווי אזוי ער איז זיך נוהג מיט זיינע בראוים, און דאס הארץ זיינס ווערט איבערפולט מיט שמחה פון פערוואונדערונג: איך בעדארף האבען למשל, עטליכע גראשען אויף ארומשערען זיך לכבוד שבת... געה איך צו זוסיא דעם שוסטער און מאהן ביי איהם שכר למוד. גיעט מיר זוסיא א האלבען רובעל פונ'ם געלד, וואס ער האט גענומען ביי א פויער, וואס איז געקומען אויסלייזען זיינע שיך. דער פויער האט גענומען דאס געלד ביי יעקעל דעם מיהלנער, וועלכען ער האט די ווייץ פערקויפט. דער פויער האט געזייהט, געאקערט און געשניטען און געדראשען ביז ער האט די ווייץ ארויסבעקומען. און ווען עמיצער פון אט די אלע וואלט אפילו אויף א קליינער ווייל געווען פערשפעטיגט, וואלט איך, גדליהו, נישט געקאנט אבשערען זיך לכבוד שבת... נמצא, אז די גאנצע וועלט איז זיך מטריח פון מיינעט וועגען...

און דאמאלסט פלעגט ער דערפיהלען אין זיך עפיס א מין געהויבענקייט און איינען-ווערדע, אז ער פלעגט זיך אזש פערשעמען פאר זיך אליין, וואס ער איז אזא גרויסער יש; נאר ווען ער האט זיך א ביסעל איינגעטיעפט אין ענין און האט איינגעפונען, אז מיט יעדען איז די אייגענע געשיכטע, און אז זוסיא דער שוסטער קאן אויך זאגען, אז גדליהו דער מלמד איז בעשאפען געווארען גאר פון זיין הנאה וועגען: ער זאל לערנען מיט זיין קינד תורה — פלעגט ער איבערפולט ווערען מיט גרויס התפעלות און פלעגט געבען א שבח צום השם יתברך, וואס האט בעשאפען אזהן א צאהל עולמות, אזוי קונציג, אז יעדער פון די עולמות איז דער תכלית פון אלע אנדערע און אלע אנדערע בעדיענען יעדען איינציגען...

עס טרעפט, אז זוגתו הויבט איהם אן מצער זיין און לעכערען דעם מוח מיט איהרע גשמיות'דיגע פאדערונגען: יענטע אונזערע איז שוין א בוגרות געווארען!... די קינדער זענען נאקעט און בארוועס!... און נאך אזוינע זאכען: זי פאלט אויף איהם אן מיט אמאל, אזוי, אז ער פערגעסט גאר אבגעבען זיך

חשבון הנפש, און דערמאָהנען זיך, אַז דאָס אַלעס איז פֿון די האַכען, וואָס בעדאַרפֿען אַזוי זיין בגזרת ההשגחה, און עס איז קיין שום מעגליכקייטען נישטאָ איבערצומאַכען זיי, אויב זיי מאַכען זיך אַליין נישט איבער, און, אַז אויב אַזוי, איז דאָך נישטאָ, וואָס צו דאַגה'נען וועגען זיי.

און דאַן דערפֿיהלט ער, ווירקליך, דעם צער פֿון שטיב, נישט אויף לאַנג אָבער. אויף דאגות און צער פֿיהלען, טראָגט איהם די צייט נישט. ער געפֿינט זיך שטענדיג אינ'ם מצב פֿון אַ מענש, וואָס וואַרט און האָפֿט: פֿון פסח ביז שבועות — דיזעם זעגען טעג, וואָס זענען בעשאַפֿען געוואָרען נאָר אויף צו מאַכען אַ הפסקה צווישען אַזוינע צוויי גרויסע ימים־טובים; און אין אמת'ן, צי קאָנען דען אַזוינע צוויי ימים־טובים געהן איינער נאָך דעם צווייטען אָהן אַ שום הפסקה?

פֿון שבועות ביז שבעה עשר בתמוז — אַנ'הפסקה. אַ יוד דאַרף אויסוואַרטען אַ ביסעל.

פֿון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב — צייט פֿון אבלות לשם מצוה. אמת, פֿיעל צער איז פֿאַראַן אין דער מצוה, אינ'ם צער איז אָבער אויך עפּיס אַמין תענוג פֿאַראַן... און באַלד נאָך לבנה מחדש זיין מוצאי תשעה באב, פֿיהלסט דו עפּיס אין זיך אַ נייע נשמה, עפּיס אַ מין השפעה פֿון הימעל... ממש גלייך ווי שונאים האָבען דיר אַ לאַנגע צייט בעלאַגערט, און דו האָסט זיי ענדליך פֿאַר דיינע קנעכט געמאַכט... און ענדיגסט דעם תענית און עסט מיט היבשען אַפּעטיט.

און פֿון דאַמאָלסט אָן וואַרט ער ווידער ביז ראש השנה. אמת, שוין פֿון ראש חדש אלול אָן און ווייטער הויבט זיך שוין אָן דער „אימת הדין"... אין אמת'ן אָבער רעדענדיג, ווייסט ער אויף פֿריהער, אַז סוף כל סוף וועט דער אויבערשטער מוחל זיין די יודישע זינד... און אויב ער האָט מורא פֿאַר דעם יום־הדין, איז דאָס נאָר דערפֿאַר, וואָס אַ יוד דאַרף מורא האָבען, און דערפֿאַר, וואָס אַזוי הייסען די הייליגע ספרים. נאָכדעם הויבט זיך אָן אַ חודש, וואָס איז כולו שמחה, מעין עולם הבא. אָט יענע רשעים, — טראַכט ביי זיך גדליהו שטענדיג, וואָס האָבען נאָר ליעב „מעשה־הפקר" צו פֿיהרען זיך כסדר — צי קאָנען זיי זיך דען גאָר פֿאָרשטעלען דעם פֿערגעניגען, וואָס ליעגט אין

די פרייע טעג, וואס איז צווישען יום-כפור און סוכות? טעג, וואס דער שטן קאן גארנישט שולט זיין אין זיי, און זענען פריי פון „חשבון עונות... פריי פון אלעם, טעג, וואס זענען נישט קיין, יום-טוב, זיי זענען אבער אויך קיין ימי חול נישט... אדער צי קאנען זיי זיך גאר פארשטעלען, דעם הרחבת הדעת, וואס דער מענש פיהלט זיצענדיג אין דער קליינער סוכה, וואס בעדעקט און בעהאלט דיך איינגאנצען, און די זיצט שטאלץ, ברייטליך
און בעהאלט דיך איינגאנצען, און די זיצט שטאלץ, ברייטליך
דעם טעם, די הנאה, וואס דער חוש המשוש פיהלט, ווען די טאפסט ארום פארזיכטיגע דעם אתרוג פון אלע זייטען, אדער, ווען די נעהמסט אן דעם לולב מיט דער גאנצער האנד דיינער?

און פון סוכות ביז חנוכה — איז דען פיעל צו ווארטען?... און פון חנוכה בלייבט איהם איבער צו ווארטען נאר ביז פרשת שקלים. פון פרשת שקלים אן הויבט שוין מיט פסח אן צו שמעקען.

און אט אזוי לויפען די יאהרען איינס נאך דעם צווייטען; אזוי, אז דאס גאנצע לעבען ווערט ביי איהם עפּיס, ווי איין לאנגער יום-טוב מיט עטליכע קליינע הפסקות אין מיטען.

נאר איין ביטערער טראפּען שטערט איהם אין לעבען: דערמאהנט ער זיך אן יום-המות, אזוי ווערט זיין גאנצע שמחה פערשטערט, חאטש פאר דעם גיהנום האט ער נישט קיין מורא, היות דער עונש דארט איז דאך נישט אויף צו נוקם זיין זיך אינ'ם מענשען, נאר פון זיין טובה וועגען, די נשמה זאל אויסגעלייטערט ווערען; וואס פאר א שוטה קאן אלזא מורא האבען פאר א זאך, וואס איז פון זיין טובה וועגען?! היינט ווייסט ער אויך, אז אין גן עדן איז צוגעגרייט פיעל שכר פאר דעם רבונו של עולם'ס יודעלעך, און אז אלע תענוגים גשמיים זענען מעהר נישט, ווי איין ניצוץ פון יענעם אייביגען תענוג, וואס איז אנגעגרייט פאר די נשמות אויף יענער וועלט; ער ווייסט אפילו, אז „טוב מאד" — מיינט מען עם דעם טויט — פונדעסטוועגען ווערט ער שטארק צעבראכען, דערמאהנענדיג זיך אן אט דעם „טויט", און עס דערוועקט זיך ביי איהם א הארבע שאלה, וואס פּיקט איהם דעם מח אן אויפהער: צו וואס טויג „מאד"? איז דען נישט גוט אהן מאד?! צו וואס האט גאט ברוך הוא, וואס איז א טוב ומטיב,

געשאפען דאס לעבען אזוי תוהו אופן? וואס וואלט איהם דען הארען, ווען ער זאל שענקען דאס לעבען דעם מענשען במתנה גמורה, נישט אויף צוריקגעהמען?..

און ער ווייסט גאנץ גוט די אלע תירוצים, וואס מע קאן אויף דעם ענטפערען; נאך מעהר, ער ווייסט אויך, וויפיעל נארישקייט און קליינליכקייט עס איז און דער פראגע פארהאן, און, אז עס קאן אנדערש ניט זיין; אויך ווייסט ער, אז עס איז א עון חמיר צו פרעגען קשיות אויף דעם רבונו של עולם און צו חקרנ'ען זיך וועגען די סודות זיינע — ער ווייסט דאס אלעס, און דעריבער ברענגט ער טאקי נישט פארן מויל זיינע מחשבות און הרהורים — די שאלה בלייבט אבער אליין אויף איהר ארט שטעהן, באהאלטען טיעף, טיעף און הארצען און לעכערט אלץ דעם מוח: טוב מאד"... צו וואס טויג אבער „מאד"? איז דען נישט גוט „טוב" אליין אהן „מאד"?

פון דער נאהענטער פערגאנגענהייט.

דער אלטער יעקב לוי און דער אברך אברהם חיים פון חאלפינג – זענען ביידע געוועזען ר' אוריו סטרעליסקער'ס חסידים; ביידע האבען קיין אנדער אינהאלט אין לעבען נישט געהאט, אויסער „תפלה במסירות נפש".

די סטרעליסקער חסידים פלעגען זיך שטענדיג שטארק מצער זיין, וואס די אנשי כנסת הגדולה האבען מעהר, ווי דריי תפילות א טאג נישט מתקן געוועזען: יעדענפאלס וואלט דאך גוט זיין, ווען א יוד זאל א גאנצען טאג מתפלל זיין!

פונ'ם גאנצען ביסעל חסידים, וואס ביי ר' אוריו'ן איז איבערגעבליבען, האט דאס רוב אין חאלפינע געוואהנט. די זקנים פון שטאדט דערצעהלען, אז ווען די סטרעליסקער חסידים פלעגען מתפלל זיין שחרית, פלעגט מען הערען די קולות זייערע איבער דער גאנצער שטאדט; און אז די פויערען, וואס פלעגען קומען אין שטאדט אויף די ירידען – פלעגען דורכגעהן פערביי דאס שטיבעל און דערהערען זייערע קולות, פלעגען זיי פערציטערט ווערען און אנטלויפען, קוים וואס די נשמה האט זיך אין זיי איינגעהאלטען.

און בעריל דער רופא, וואס איז געווען א גרויסער „אפיקורס" און האט געהאט א „פאלאץ" נישט ווייט פון שטיבעל – ווען ער פלעגט דערהערען זייער דאווענען, פלעגט איהם א גאנצע טאג די ברוסט וועה טהון און ענדליך האט ער געמוזט צוליעב דעם עוקר דירה זיין און פערקויפען דעם פאלאץ זיינעם „בחצי-חנם".

און ווידער דערצעהלט מען, אז איין מאל איז א „מטרוניתא" פערביי דעם שטיבעל געגאנגען און האט געהערט, ווי די סטרעליסקער חסידים זאגען „שמע ישראל" און זענען „מאריך באחד"

מיט אַ קול פון „שאגת ארי“, און האָט געזעהען, ווי איינינע פון זיי וואַרפען זיך דורך דעם פענסטער — האָט זי זיך דערשראָקען און איז אַהיים געגאַנגען און איז פערשלאָפט געוואָרען. דאַן איז דער מאַן איהרער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען און האָט זיך געלאָזט געהן מיט זיינע קנעכט — דאָס שטיבעל צענעהמען און די חסידים אין קעטען בינדען. נאָר, ווי דער אַלטער ר' יעקב לוי האָט נאָר זיינע לאַנגע ברעהמען אויף דעם פריץ אויפגעהויבען, איז ער באַלד דערציטערט געוואָרען און איז אַנטלאָפען, און אויף מאָרגען האָט ער איהם אַ זאַק קאַרטאָפעל געשיקט.

און היות דער אַלטער ר' יעקב לוי און דער אברך אברהם חיים זענען געווען ר' אורי׳ס חסידים, פערשטעהט זיך שוין במילא, אַז זיי זענען ר' מאירל פּרעמישליאַנערס, וועלכער איז געווען ר' אורי׳ס בר פלוגתיה — מתנגדים געווען, און האָבען געהאַלטען פאַר אַן איסור גדול אין זיין צורה צו קוקען און פאַר אַ גרויסע מצוה צו דער׳הנז׳ענען איהם.

און ר' מאירל איז צייטענווייז געווען אַ גרויסער קפדן: „מאיר וועט אייך נישט מוחל זיין, — פלעגט ער אַמאָל זאָגען, מאיר וועט אייך מענש זיין! מאיר וועט אויף אייך וועלף אָנשיקען! מאיר האָט דונערען אויפ׳ן הימעל!“

און אַ סך פון די סטרעליסקער חסידים האָבען טאַקי ווירקליך אַ שרעקליכען עונש בעקומען: אפרים־חיים׳ען בעל־מוח האָבען די וועלף אין וואַלד אויפגעפרעסען! ביי מאיר־שלמה „שתקן“ זענען צוויי זיהן געשטאָרבען אין דעם איינענעם טאָג, וואָס ער האָט מחרף ומגדף געווען ר' מאיר׳ן — אין די אויגען.

יחזקאל „קפדן“ איז דורך אַ דונער דער׳הרג׳ט געוואָרען, אין דעם איינענעם טאָג, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אויף די טיהרען פון בית־המדרש: „מאיר עם הארץ“; ר' יצחק בער דער עובד, איז נשתתק געוואָרען און איז געבליבען שטום עד יום מותו.

און ר' אורי׳ס חסידים ווייסען עס גאַנץ גוט, נאָר איז וואָס? מורא האָבען פאַר איהם?! נישט אַרויסזאָגען דאָס, וואָס אַ סטרעליסקער חסיד בעדאַרף און איז מחויב צו זאָגען? און וואו איז מסירת נפש?

און דער אַלטער יעקב לוי און אברהם חיים דער אברך

זיצען ביידע אין שטיבעל. אַפילו ווען עמיצער זאָל ניט געזעהן ווייסען, אַז די מאורע איז היינט אין שטאָדט געקומען; אַפילו, ווען ער וואָלט נישט זעהען דעם רעש, וואָס די פֿיעלע חסידים זיינע האָבען געמאַכט — פֿאָדערענדיג איהם אַנטקעגען, אַריינברענגען איהם אין שטאָדט אַריין — אַפילו דאַן, וואָלט ער דערקאָנט אויף די פּנים'ער פֿון די חסידים, וואָס זיצען אין שטיבעל: זיי רעדען ווייניג, קרעכצען אַלע ווײַלע; דאָס דאַווענען איז אויך היינט עפּיס האַפּענדיג ביי זיי, ממש, ווי אבלים זעהען זיי אויס.

און פֿון דאָרט... פֿון בית־המדרש, וואָס אַנטקעגען, הערען זיך פֿערשיעדענע קולות: „לאָזט מיר מקבל שלום זיין!" „מאַכט אַ וועג!" „אָט איז ער!"

יעקב לוי דרעהט זיך אַהין און אַהער, זעצט זיך און שטעלט זיך אויף, שטעלט זיך אויף און זעצט זיך ווידער; ער שפּאַרט זיך אין טיש אָן, געהמט אַ ספר אין האַנד און איז מעיין אין איהם מיט פּחד הנפש; און נישט אויפהויבענדיג די אויגען צום חבר פֿרעגט ער גלייך, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין רעדען:

— „האָסט איהם געזעהען?"

— איך האָב איהם געזעהען — ענטפֿערט יענער און קוקט צו ד'ערד: און תוך כדי ראיה האָב איך דעם פּסוק „שקץ תשקצנו" געזאָגט. עס דאַכט מיר, אַז איינער פֿון זיינע „עובדים" האָט אין מיר אַ שטיין געוואָרפֿען.

ער האָט אַרויפֿגעלעגט די האַנד אויף דעם האַלז, ער האָט פֿאַרזיכטיג און מיט אַ ביסעל גאוה, אָנגערירט די וואונד, וואָס ער האָט בעקומען פֿונ'ם שטיין.

— איך האָב איהם אויך געזעהען — ענטפֿערט יענער.

— און האָסט גאָר נישט געזאָגט?

— ניין! — איך האָב מורא פֿאַר דעם עם־הארץ'ס עונש.

אברהם חיים ווערט מלא כעס און נעהמט דורך דעם אַלטען מיט זיינע צוויי אויגען. קענטיג, אַז ער וואָלט איהם וועלען בהבל פּיו:

— „פֿאַר אַ עונש האָסטו מורא געהאַט?! וועלך?! דונערען?! שטים ווערען? און מסירות נפש, וואו איז ערגעץ?!"

און דער אַלטער לאַכט מיט אַ יאושדיגען געלעכטער:

— שוטה! קליינע נשמה! קליינער מוח — צו דען פֿאַר מיין

לעבען האָב איך מורא?! איך האָב מורא פֿאַר חלול-השם, איך זאָל זיי נישט דינען פֿאַר קיין ביישפּיל, איך וויל נישט, אז אַט דער עם-הארץ זאָל דורך מיר דערהויבען ווערען ביי זיינע מקורבים.

אברהם-חיים איז פֿערשעמט געוואָרען און האָט גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט שוין אויך די וואונד זיינע מיט גאוה נישט געטאַפּט; אײן זאַך האָט ער נאָר אין אַלע זיינע איברים געפֿיהלט, ווי קליין און נישטיג ער איז און פֿערגלייך מיט אָט דעם אַלטען — און אָפּטע קרעכצען האָבען פֿון זיין האַרץ אַרויסגעבראָכען.

כּוֹתֶל מַעֲרָבִי.

אליעזר-דוד איז בטבע אַ יוד, אַ בעל מרה שחורה, אַ ביסעל אויך אַ שטיק קפדן, נאָר דאָס קפדנות זיינס ווייזט ער קיינמאָל נישט אַרויס מיט קיין ווערטער, נאָר — מיט אַ קוק פון די אויגען, מיט אַ בעוועגונג פון זיינע שטערן-קנייטשען און צייטענווייז אויך מיט עפּיס אַ מין מאָדנע דרעה פון די ליפּען. דער „שורש נשמה" זיינער איז פון דער „בחינה" גבורה, דערויף זאָגט עדות אפילו די נאָז זיינע, וואָס לאָזט זיך קרום אַראָב פון אונטען, גלייך, ווי זי וואָלט קיין שום מגע ומשא נישט האָבען מיט קיינעם. און זיינע גרויסע אויגען, וועלכע קוקען תמיד אין אַלע זייטען, נאָר נישט אין דער זייט, אין וועלכער דו קוקסט. אַלץ זעהען אליעזר-דוד'ס גרויסע אויגען, נאָר דיין פנים, ווען דו רעדסט צו איהם, זעהען זיי נישט.

ער רעדט זעהר ווינציג מיט מענשען, גאָר זעלטען מישט ער זיך אַריין אין די רעד פון זיינע חברים, און אפילו, ווען ער מישט זיך שוין אַריין, טהוט ער עס אויך עפּיס מיט אַ מין מאָדנע קפדנות: ער וואַרפט גלאַט ווערטער אין דער וועלט אַריין, הערט-אויף באַלד און ווערט אַנטשוויגען.

און אָט די ווערטער, וואָס ער וואַרפט על פי רוב, האָטש זיי געהערען ביי איהם אַרויס פון מויל צוריסען און צוביסען, ווען אַן אַנדערער וואָלט זיי זאָגען, וואָלט מען איהם אַודאי חושד זיין אין אַפּיקורסית; נאָר מיט אליעזר-דוד'ן פלעגען די חסידים נישט שטאַרק מדקדק זיין, גלייך, ווי מען וואָלט איהם גאָר בעזונדערע פּריוויליעגיעס געגעבען, צו רעדען זאַכען, וואָס רייסען דעם אויער... אַ ביסעל דערפאַר, ווייל ער איז דאָך סוף כל סוף מוחזק און בעוואוסט אַלס פרומער יוד און גרויסער „ירא חטא", און אַ ביסעל

אויך דערפאר, וואס די שטיקלעך דבורים זיינע פלעגען עפּיס ביי איהם ארויסגעהן פון מויל אויף א משונה׳דיגען אופן. דאס איז עפּיס אויסגעקומען נישט מעשה-אפיקורס, נאר, ווי עפּיס א מין פערביטערקייט, עפּיס א מין שטרדות-רעדען. איבערהויפּט זענען די חסידים נישט מחמיר אויף אזוי פיעל בנוגע צו טראכטען און רעדען, ווען עס ווערט געטהון מיט אפענהערציגקייט און ערנסט, און ברענגען נישט צו שלעכטע מעשים.

איינמאל, ווען אליעזר-דוד איז געקומען שבת נאך שלוש-סעודות אין קלויז, האט ער געטראפען עטליכע יונגע-לייט זיצען און זינגען עפּיס מיט גרויס הרחבה א פרעהליכען נגון. עליעזר-דוד פלעגט שרעקליך נישט קאנען צוזעהען, ווי מענשען זענען זיך משמח און פיהלען זיך יום-טוב׳דיג.

— משוגעים! האט ער אויפגעהויבען די אויגען צום סופיט און א געשריי געטהון: וואס איז דאס פאר א רעווען, ווי די אקסען אויפ׳ן בריי?

— וואס איז עס? — ענטפערען די בעליידיגטע: עונג-שבת! שמחה של מצוה! וועלען מיר דען ניט האבען קיין פיעל שכר דערפאר!

— שכר? — לויפען ביי איהם די ווערטער פון מויל: אויפ׳ן גן-עדן קוקט ער ארויס! אויף יעדען טריט און שריט — איז אסור סקילה, שבות, עבירות ביודעים און בלא יודעים! דער גיהנום איז אונטער איהם אפען און ער קוקט נאך ארויס אויף שכר! אויף א שטיק שור הבר! אויף שמן-אפרסמון!

האט זיך מישב געווען יענער יונגערמאן און האט צעפּויקט פאר די אלטע חסידים, אז אליעזר-דוד האט אבגעשפּעט פון דברי חז״ל און אז ער לייקענט אין שכר עולם הבא.

די אלטע חסידים האבען עס אויסגעהערט און האבען נאר א מאך געטהון מיט די פּלייצעס: „א צעטראגענע בריאה“ און זענען זיך אוועקגעגאנגען.

און ווידער האט זיך געטראפען א מעשה: אליעזר-דוד איז געקומען אין קלויז צו תפילת שחרית און האט אנגעהויבען שיטען מיט בייזען אין דער וועלט אריין: נאך א שרפה ערגיץ אין א גרויסער שטאדט! אפילו קיין איין שטוב איז ניט איבערגעבליבען... עס האבען געמוזט אודאי אויך לעבעדיגע מענשען פער-

ברענט ווערען.... אין אדיען בושעוועט די חלירע... מע זאגט, אז די דערנאהענט זיך אהער... דעם תכסנ'ס טאָכטער איז היינט געשטאָרבען... דאָס איז אודאי שוין אנ'אָנהויב...

דאָס איז שוין ביי איהם געוועזען איינע פון זיינע חולאת'ן: חאָטש ער פלעגט דאָך וועניג רעדען מיט מענשען, קיין צייטונ־גען פלעגט ער דאָך אודאי נישט לייענען, פונדעסטוועגען פלעגט ער וויסען פון יעדען אומגליקליכען צופאל, וואָס פלעגט טרעפען — נישט נאָר אין שטאָדט, נאָר אפילו אויף דער גאנצער וועלט, און עפּיס מיט א מין שמחה פלעגט ער פערשפרייטען ברבים די גוטע בשורות זיינע און צוגעבען צו זיי נאָך זיינע אייגענע השערות.

— אי — האָט איינער פון די, וואָס האָבען איהם אויסגע־הערט, אויף איהם געזאָגט: „א נאר זאָגט שטענדיג שלעכטע בשורות אָן" — אט אזוי האָט שוין לאנג שלמה המלך געזאָגט!

— פוסטער יונג! — האָט איהם מיט כעס אָבגעענטפערט אליעזר־דוד: און וואָס, ווען איך זאָל דיר געוועזען אָנזאָגען, אז „מלכת שבא", אז „משיח" געהט, וואָלט איך נישט געוועזען קיין נאר, נאָר א מיאוסער ליגנער!

— ער רעדט עס! על השם ועל משיחו — האָבען די צו־הערער א מורמעל געטהון צווישען די ציזהן, און האָבען געקוקט פערוואונדערט איינער אויף דעם צווייטען.

נאָר איין מאָל אין יאָהר: פון צווייטען האלבען טאָג פון ערב תשעה באב ביז אויף מאָרגען — רוהט עפּיס אויף איהם א רוח רצון און ער ווערט מקורב דאמאָלסט צו מענשען. די אויגען ווערען ביי איהם דאמאָלס, ווי עפּיס ווייכער; דאָס הארץ מעהר אָפען פאר די רעד פון מענשען. צייטענווייז ווייזט זיך אויס, אז, ווען ער קוקט זיך איין אין דעם ברודיגען און צעקנייטשטען פּנים פון די, וואָס זיצען אויף דער ערד, איבערפולט מיט פיין און צער— האָט ער שטארק הנאה דערפון... יעדענפאלס, איצט זעהען זיי אויס ביי איהם אין די אויגען, ווי מענשען, מענשען מיט א בעַ־שטימטער צורה. די פערלאטעטע מלבושים און די אלטע שמאַ־טעס, וואָס ער טהוט אָן אין דעם טאָג, ווי דער מנהג איז — קליי־דען איהם זעהר, ממש, ווי בגדי־יום־טוב... און, ווי מיט א סוד איז בעדעקט די גאנצע אבלות זיינע אין דעם טאָג, גלייך, ווי נאָך

ער אַליין פֿערשטעהט, אין וואָס דער טרויער בעשטעהט. אינ־איינעם מיט דעם, בעמערקט זיך אָבער אויך אין זיין אבלות אַ מין פּראַסטקייט, צו וועלכער נאָר גאונים זענען מסוגל, דורך וועל־כער ער איז צו זיך משתּף אַלע אַנדערע יודען, וואָס טרויערען אין דעם טאָג. „זאָלען זיי אויך קרעכצען — ווי אַזוי זיי קרעכצען און אויף וואָס זיי קרעכצען — איז דאָך זייער זיפץ אויך אַ זיפץ; זיי זענען דאָך אויך מענשען, וואָס זענען בעשאַפען געוואָרען „בצלם אלהים״!

אָט די ווערטער קאָנסטו דאַמאָלס איבערלייענען ביי איהם אויפ׳ן פנים און אין זיינע אויגען, מיט וועלכע ער קוקט פון אויבען אַראָב.

אָבענד־צייט, ווען די פאַסטענדע קלייבען זיך צענויף אויפ׳ן שוהל־הויף — און זיצען קאָמפּאַניעסווייז און שמועסען, כדי צו מסיח־דעת זיין זיך פונ׳ם תענית — שטעהט ער מיט אַ האַלבען פנים ווענדענדיג זיך צו זיי, און מיט דעם צווייטען האַלבען פנים איבער זיי און הערט זיך איין אין זייערע שמועסען:

— „אַ דאַנק השם יתברך — זאָגט איינער פון דער קאָמפּאַניע, וואָס דער כותל מערבי איז חאָטש איבערגעבליבען.

דאָס איז אַ סימן און אַן ערבות, אַז עס וועט נאָך אַ דריטע בית המקדש געבויעט ווערען״.

— ליידיגע בריאה! — שרייט אָן אליעזר־דוד אויף יענעם מיט דער ענוה פון אַ גאון, ווען עס קומט איהם אויס צו פירען אַ וכּוח מיט אַ פּראַסטען מענשען: צי איז דען דער בית המקדש דער עיקר? אַ מזבח, וואָס ווערט טמא, האָט נאָך אַ תקנה, אַ כהן גדול אָבער, וואָס ווערט אַ חלל האָט שוין קיין תקנה נישט... און אָט קומט, וועל איך אייך מגלה זיין דעם סוד, פאַר וואָס דער כותל מערבי האָט נאָך אַ קיום: עס איז ידוע, אַז ווען שלמה המלך האָט גענומען די בת פרעה, האָט אָט די בת רשע בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין חתונה צו האָבען פאַר איהם, ביז מע וועט איהר נישט מתיר מאַכען צו מוסיף זיין אַ שטיין צום בנין בית המקדש; און שלמה?... שלמה האָט איהר נישט גע־שטערט... אדרבה, ער איז געווען מלא שמחה, וואָס די אומות העולם סטאַרען זיך אויף אַזאַ אופן אַרויסצווייזען זייער כבוד צו די יודען... און דערביי, ווען עס איז אַרויסגעגאַנגען דער „גוזר

דין", און כביכול האט בעדארפט אויסלאזען זיין כעס אויף די שטיינער און העלצער, בדי צו מציל זיין די יודען, זיי זאלען נישט אונטערגעהן, חס ושלום — האט דאס פייער נישט שולט געווען אין יענעם שטיין, וואס בת פרעה האט מוסיף געווען, ווארום זי האט איהם אויפגעלעגט מיט כשוף, וואס לייקענט אפ דעם כח פון דער שכינה, כידוע... און דעריבער האט זיך עס אויף אונז אזוי אויסגעגאסען דער צארן, און דער גלות ציהט זיך — און ציהט זיך... ווארום עס וואלט געווען בעדארפט איינגאנצען חרוב ווערען... פערשטעהסט? צוליעב טובת האומה, וואלט אלעס געווען בעדארפט חרוב ווערען, כדי עס זאל אויך בת פרעה'ס בנין חרוב געווארען... נאר, בעונותינו הרבים איז זעהר גרוים דעה כח פון כשוף, און אט דעם כלל זאלסט דו האבען: כל זמן דו זעהסט אט די חורבה פון כותל מערבי פאר דיינע אויגען, זאלסט דו וויסען, אז די צייט איז נאך נישט געקומען, און ביז אלעס וועט דארט נישט איינגעזונקען ווערען, וועט די גאולה נישט קומען". —

די גאנצע קאמפאניע האבען זיך אלע געפונען דאמאלס אין א נערוועזען צושטאנד, און עס האט זיך זיי זעהר געוואלט קריגען מיט איהם און זאגען איהם, אז ער איז אן „אפיקורס מוחלט", פאר וועלכען עס איז גאר קיין תקנה נישטא; נאר זייענדיג זעהר אבגעשוואכט פון תענית, האבען זיי קיין כח נישט געהאט צו רעדען און זיי האבען אבגעשוויגען.

— א „צעטראגענע בריאה" — האבען זיי נאך א מאך געטהון וועגען איהם מיט די פלייצעס און זענען זיך צעגאנגען.

דער תם.

אַז איהר וועט הערען, ווי אַלטע חסידים רעדען וועגען תם זאָלט איהר נישט פרעגען: „ווער איז ער?“ זיי קאָנען נאָך אין כעס ווערען אויף אייך. די אַלטע חסידים זענען גרויסע קמצנים אויף ווערטער: עס איז בעליעבט אויף זיי דאָס שווייגען אוים געפיהל, דעריבער זענען זיי זעהר מקצר אין רעדען.

דער תם — איז ר׳ איציק.

„און דער תם — אַזוי דערצעהלט מען — האָט נישט געפיהלט אין זיך, אַז ער איז אַ צדיק. מאמינים אַ סך האָבען איהם געזאָגט, אַז ער איז אַ צדיק גדול. האָט ער אויסגעהערט און האָט זיך שטאַרק געחידוש׳ט. ער האָט אָבער נישט געפונען די דרייסטקייט אין זיך קאָנען נישט גלויבען כנסת ישראל. „זענען דען בני יעקב חשוד חס ושלום אויף שקר? מסתמא האָב איך זכות אבות!“ — אַזוי פלעגט ער זיך אַליין פערענטפערען דעם ענין.

דער תם איז זעהר געווען נזהר פון שקר, און דעריבער, ווען מען פלעגט איהם געבען פדיונות, פלעגט ער זיי נעהמען בעל כרחו, מורא האָבענדיג פאַר „גניבת דעת“ און שקר. „אין אמת׳ן — אַזוי פלעגט ער שמועסען צו זיך — וויל איך דאָך דאָס געלד און איך דאַרף געלד... אויב איך וועל ביי זיי נישט נעהמען, וועלען זיי זאָגען, אַז איך בין אַ „שונא בצע“, נמצא, אַז לייטען וועלען דורך מיר פערפיהרט ווערען!“

איינמאָל — אַזוי דערצעהלט מען — האָט זיך געקלאָגט פאַר איהם די רביצען, אַז זי דאַרף „פרנסה“, דער משמש זיינער האָט זיך אויך אויף דחקות בעקלאָגט... האָט געוואָלט דער תם בענשען די רעביצען און דעם משמש, אַז גאָט זאָל זיי מזמין זיין

פרנסה בריוח, האט איהם אבער דער משמש אויפמערקזאם געמאכט, אז „אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים", דער געבונדענער קאן זיך אליין נישט אויפבינדען, און דער צדיק קאן אויך זיך אליין און אויך זיינע בני בית נישט משפיע זיין.

„אויב אזוי וועל איך פאהרען צו וועלכען עס איז צדיק, ער זאל מיך בענטשען, האט געענטפערט דער תם מיט תמימות.

די רעביצען אבער מיט דעם משמש האבען איינגעפונען אז עס איז גלייכער, אז דער תם זאל בעסער פאהרען אין די שטעדט, וואו ער האט פיעל חסידים, ער וועט זיי מזכה זיין מיט ברכות, און פון די „פדיונות" וועט ער ברענגען א ביסעל געלד אויף פרנסה.

„מהיכי־תיתי — האט מסכים געווען דער תם — פרנסה פאר זיך איז דאך א נויטיגע זאך, און זעהען זיך מיט דעם רבונו של עולם'ס יודעלעך איז אודאי און אודאי א גוטע און א וואילע זאך"...

האט געדונגען דער משמש א עגלה, אויף א גאנצע וואך, און זיי זענען אוועקגעפאהרען אין איינע פון די ווייטע שטעדט. דערויף האבען איינגעשטימט ביידע, אי דער תם אי דער משמש. יעדער האט זיך געהאט זיין טעם דערביי. דער תם האט זיך אזוי געטראכט: „די חסידים מיינע אין די נאהענטע שטעדט זעה איך דאך אפט, און די, וואס זענען אין די ווייטע שטעדט זעה איך נישט אזוי אפט, דעריבער איז א יושר, אז איך זאל פאהרען צו זיי.

און דער משמש ווידער, האט זיך אזוי געטראכט: „ווי גוטער בוימעל לאזט זיך הערען ווייט, אזוי לאזט זיך הערען דער נאמען פון די צדיקים... אין די ווייטע ערטער איז גרעסער דער נאמען זיינער, ווי אין די נאהענטע שטעדט... הײנט האט ער א ביסעלע מורא געהאט, טאמער וועט ער אין דער ערשטער שטאדט, אין וועלכער ער וועט אריינפאהרען, שוין בעקומען חיונה אויף איין וואך און וועט באלד אהיים פאהרען..."

און דער תם מיט דעם משמש און בעל־עגלה זענען געפאהרען און געפאהרען ביז זיי זענען געקומען „למחוז חפצם"; און אז עס איז שוין מעהר נישט איבערגעבליבען, ווי צוויי ווארסט בדי אריינצופאהרען אין שטאדט, האט דער משמש געעצה'ט אבי־

שטעלען זיך און אויסרוהען זיך אביסעל, און בסתר האט ער געשיקט דעם בעל-עגלה מודיע זיין אין שטאדט, אז דער צדיק „ר' איציק תם“ פאהרט, אוןווארט, אז מע זאל איהם געהן מקבל פנים זיין.

האט דער בעל-עגלה אפגעטהון זיין שליחות און האט זיך באלד צוריקגעקעהרט צו דער עגלה זיינער.

דער תם האט אנגעהויבען מורז זיין דעם בעל-עגלה, ער זאל פאהרען. ער האט מורא געהאט, ער זאל חלילה ניט פערשפעטיגען מנחה בצבור. דער משמש אבער האט זיך נישט געאיילט און האט געמאכט יעדעס מאל פערשיעדענע שהיות. אויפהויבענדיג אבער די אויגען צום בארג, האט ער דערזעהען, ווי עס לאזען זיך אראב פיעל וואגענס, האט ער פערשטאנען, אז דאס פאהרט מען שוין אנטקעגען זיי. ער האט זיך געזעצט אין וואגען און זיי זענען געפאהרען.

און דער תם האט אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהען אסך וואגענס... און א שיירא אגאנצע דערנעהענט זיך „וואוהין פאהרען זיי דאס אלע?“ האט געפרעגט דער תם פער'חדוש'ט איינעם פון די פערביינגעהענדע.

„מקבל פנים זיין א צדיק“, האט יענער געענטפערט.

„מקבל פנים זיין א צדיק?!... געפינט זיך דא א צדיק און איך האב גאר ניט געוואוסט? דרעה אוים! הייסט ער דעם בעל-עגלה: — זאלען מיר אויך פאהרען, אפשר וועלען מיר זוכה זיין און מיר וועלען זיין פון די ערשטע!“ דער בעל-עגלה קראצט זיך אין קאפ און קוקט צום משמש... דערווייל זענען אנגעפאהרען די וואגענס און איינינע פון די חסידים זענען אראבגעשפרינגען און האבען זיך אנגעהויבען דערנעהנטערען צום צדיק...

„וועה נאר, כשר'ע יודען! — טראכט זיך דער תם אין הארץ...“ זיי קלאפען די פיס... גרויס וועט זיין דער שכר זייערער... אט וועל איך אויך אראבגעהן און געהן צופוס.

און ער געהט צווישען אלע.

און די חסידים לויפען — און ער אויך צווישען די לויפערס.

און די חסידים לויפען איהם נאך:

„וואהין לויפט דער רבי? וואוהין לויפט דער רבי?".
„וואוהין? מקבל פנים זיין דעם צדיק!".
— וואסער צדיק?
— מסתמא וועט איהר מיר זאגען.
אט אזוי דערצעהלען די אלטע חסידים וועגען תם.

דער סאסובער צדיק.

עס איז ידוע, אז דער סאסובער צדיק האט ליעב געהאט יעדען אדם מישראל, סיי א צדיק, סיי א רשע, און פלעגט מלמד־זכות זיין אפילו אויף די רשעים, וואס זענען „פול מיט עבירות ווי א מילגראם“, און פלעגט שטענדיג ממתיק זיין, אויף זיי דעם דין; און נאך מעהר, ביי איהם אין די אויגען זענען גאר קיין רשעים נישט געווען; אלע זענען ביי איהם אין די אויגען צדיקים געווען; אפילו די הולטייעס, וואס זענען מפסיק אין מיטען דאווענען און רעדען לשון הרע און רכילות, פלעגט ער אויך לויבען און ריהמען: „רבונו של עולם, זעה נאר דיינע יודעלעך! אפילו ווען זיי זינדיגען געגען דיר, הערען זיי נישט אויף צו דאווענען און קריאת שמע צו לייענען! אויף די יודישע גנבים, וואס בעגנב'נען הייזער פריטאג־צו־נאכטס, פלעגט ער קרעכצען און זאגען: „זעה דאס פסולת פון יודען! גוף און נשמה שטעלען זיי אין סכנה — און דאך פערגיסען זיי קיין בלוט נישט! זיי בענוגענען זיך מיט דעם, וואס זיי נעהמען צו דאס, וואס זיי דארפען אויף שבת און אויף פרנסה“.

און ווען ער פלעגט זעהען רשעים, אויף וועלכע ער האט שוין גאר קיין שום זכות נישט געקאנט געפינען — פלעגט ער קרעכצען און זאגען: „רבונו של עולם! דו האסט דאך בעשאפען די וועלט חיינע און די יודעלעך דיינע! דער גוף איז דיינער און די נשמה — איז דיינע... האסט בעשאפען א גיהנום מיט א גן עדן, א יצר טוב מיט א יצר הרע... און קיינער שטערט דאך דיר נישט... עס איז גלוי וידוע לפניך, אז נישט מיר זינדיגען, נאר דער יצר הרע, וואס דו האסט אין אונז בעשאפען!“

ביי איהם אין שטוב האט געוואוינט א שכנה. זי האט געע־

האָט גרויס צער פֿון גדול בנים, רחמנא ליצלן: אַלע איהרע קינ־דער פֿלעגען שטאַרבען קליינערהייד; און איינמאָל האָט זי זיך בעקלאָגט פֿאַר דער רביצין און האָט גערעדט שטידדות געגען אויבערשטען; און די רביצין האָט זיך געבעזערט אויף איהר: „אַ אשה כשרה בעדאַרף מצדיק זיין אויף זיך דעם דין! אודאי איז השם יתברך גערעכט, און מיר זענען גאָר נישט ווערט די חסדים זיינע...“

און אַז דער צדיק האָט דאָס דערהערט, איז ער אויף איהר אין כעס געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו שרייען: „דו זאָגסט, אַז השם יתברך איז גערעכט!? עס איז דאָך אָבער אַ בפירושער פסוק: „לא תעשון כן לה' אלהיכם!“ איהר זאָלט ניט זאָגען, אַז זיינע משפטים זענען גערעכטע! אדרבה, איך זאָג, אַז די אשה איז גערעכט! וואָס פֿאַר אַ טענות האָט עס דער רבונו של עולם צו איהר? צי איז זי דען נישט מלה איהרע קינדער? צי בענטשט זי נישט קיין ליכט שבת? צי נעהמט זי נישט קיין חלה??!“

און אין יענעם יאָהר איז די אשה אויפגעריכט געוואָרען מיט אַ זרע של קיימא, און האָט זוכה געווען צו פֿיהרען איהם אונטער דער חופה, און דער צדיק איז געווען זיין אונטערפֿיהרער.

די מקורבים זיינע פֿלעגען דערצעהלען, אַז שטענדיג פֿלעגט ער זיך מצער זיין און זאָגען: „ווען שטאַרב איך שוין, וואָלט איך דאָס פֿייער פֿון גהינום אויסלעשען!“

איינמאָל דעם ערשטען טאָג ראש השנה איז געווען אַ גרוי־סער קטרוג אויף יודען פֿון אויבען: דער סאַסובער שוחט איז אַ אלמן געבליבען אין יענעם יאָהר, און צווישען איהרע איינענע קינדער, האָט איהם זיין ווייב איבערגעלאָזט אויך אַ שוועסטער אַ יונגע, און עלטער מעהר פֿון דרייצעהען יאָהר מיט אַ טאָג, וועלכע איז אויסגעוואַקסען געוואָרען ביי איהם אין שטוב... און דער שוחט, דער אלמן איז נכשל געוואָרען מיט איהר בדבר עבירה, רחמנא ליצלן... איז געקומען דער שטן און האָט מקטרג געווען צוליעב איהם אויף כל ישראל. און דאָן איז שיעור נישט נגזר געוואָרען אויף שונא ישראל, זיי זאָלען אונטערגעהן חס ושלום.

און אַלע שופרות, וואָס אין סאַסוב זענען קאַליע געוואָרען, און אַלע בעלי־תוקע זענען געשטראָפֿט געוואָרען מיט קרענק אויף

די ליפּען און אויפ'ן צונג און האָבען שופר בלאָזען נישט געקאָנט.

ווי דער סאַסובער צדיק האָט עס אָבער נאָר בעמערקט, האָט ער זיך באַלד אַרומגעוויקעלט אין טלית און האָט זיך אַוועקגעשטעלט מתפּלל זיין און האָט אַ עלית נשמה געמאַכט, און אַז ער איז געוואָרה געוואָרען די מעשה מיט דעם שוחט האָט ער אָנגעהויבען צו טענה'ען: „רבונו של עולם, וואָס געהט דאָ דען מעהר אָב, ווי די קידושין־פינגערעל און חופּה־ברכות דערויף, אַז די עבירה זאָל נאָך ווערען, אַדרבה, אַ גרויסע מצוה, שותפות צו מעשי בראשית ?!"...

און דאַן זענען די טענות פונ'ם שטן פערשטאָפּט געוואָרען און דער „חוט הסיקרא", וואָס אויפ'ן „מזבח" של מעלה" איז אינגאַנצען ווייס געוואָרען.

און אַלע בעלי־תוקע זענען באַלד אויסגעהיילט געוואָרען, און אַלע שופרות זענען באַלד לויטער געוואָרען, און אַלע האָבען געוואוסט דאַמאָלס, אַז דאָס איז אַ גוטער סימן אויף אַ גוט יאָהר.

נאָר אין יענעם טאָג און אין יענער שעה האָט דער שטן געשוואָהרען צו נוקם זיין זיך אינ'ם סאַסובער צדיק.

און אויף דעם צווייטען טאָג פאַר תקיעת שופר איז דער צדיק געגאַנגען טובל'ען זיך אין מקוה; איז דער שטן געקומען און האָט איהם דעם וועג פערפּלאָנטערט און האָט איהם אין ביידע זייטען בערג מיט שנעע און אייז געוויזען... האָט דער צדיק פערגעסען וואוהין ער געהט, ער האָט אויך פערגעסען, אַז היינט איז דער צווייטער טאָג ראש השנה. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז חודש שבט־אדר איז היינט, און ער געהט עס כשר'ן אַ כיהל אויף מאָהלען פּסח'דיגע מעהל... און פּלוצלונג דערזעהט ער אַנטקעגען אַ פּאַלאַץ אַ גרויסען, האָט ער גערעכענט, אַז דאָס איז די מיהל און איז אַהין אַריינגעגאַנגען.

און ווי ער האָט נאָר די טהיר אויפגעעפענט און די שוועל איבערגעטראָטען — האָט זי זיך באַלד פערמאַכט אונטער איהם און ער האָט זי שוין מעהר נישט געקאָנט אויפעפענען.

און ער איז געבליבען שטעהן אין אַ גרויסער שענער זאַל, ממש אַ קייזערליכע זאַל; און אין מיטען זאַל שטעהט אַ גאָלדענער טיש, און אויף אַ מראַמאָרנעם שטוהל זיצט אַ מטרוניתא,

אַ שענע — גאָר „חוץ מדרך הטבע"... און זי לאַכט און ווינקט צו איהם...

און אין קאַמין, וואָס אין ווינקעל פֿון זאַל — ברענט פֿייער; און דאָס פֿייער איז משפיע אַנ'עדעל און ליטער וואַרימקייט אין'ם גאַנצען חלל פֿון זאַל; און דער צדיק פֿיהלט עפּיס אַ מין הנאה, וואָרום די קעלט האָט איהם דורך און דורך דורכגענומען; און די מטרוניתא לאַכט אַלץ און לאַכט און רעדט צו איהם יודיש...

און דער צדיק, ווי ער האָט נאָר דערהערט איהר רעדען יודיש, האָט ער זיך זעהר משמח געווען, וואָס יודישע טעכטער זענען אַזוי שען; און האָט באַלד מסכים געווען ביי זיך, אַז מען בעדאַרף בעטען ביים רבונו של עולם, ער זאָל בעשענקען אַלע יודישע טעכטער מיט אַזוינע זאַלען און פּאַלאַצען, דאַן וועלען זיי אויך געווים אַלע שען זיין.

און די קוילען, וואָס אין קאַמין שעפּטשען איהם ממש רעדענדיג: „זיי ניט קיין שוטה! דאָס איז זעהט און דאָס האַרץ גלוסט, און דאָס לעבען איז געגעבען געוואָרען צו נהנה זיין דערפֿון."

דער צדיק חדושט זיך און שווייגט.

דאַן איז צו איהם די יפהפיה צוגעגאַנגען און האָט זיך געפּרובט אָנצורירען אין זיין האַנד מיט איהר מינדסטען פֿינגער.

דער צדיק קוקט אָבער אויף איהר פֿער'חדוש'ט און זאָגט: „טאָכטער!... מע טאָר דאָך נישט!"...

האָט זי אָנגעהויבען וויינען: „אויב דו וועסט מיר נישט לאָזען אָנרירען זיך אין דיין האַנד, וועל איך שטאַרבען פֿאַר דיינע אויגען".

„פּקוח נפש איז אַ גרויסע זאַך, האָט דער צדיק ביי זיך אַטראַכט געגעבען: וואָס זשע טהוט מען אָבער, איך האָב דאָך מורא, איך זאָל חלילה נישט נהנה זיין פֿונ'ם חטא!" האָט ער געטראַכט אַ ביסעל און האָט אַנ'עצה געפֿונען.

ער האָט די הענד זיינע אויף די פֿייערדיגע קוילען געהאַלטען, ביז דאָס פֿלייש איז פֿול מיט וואונדען געוואָרען, און פֿאַר ווערטאָג האָט מען זיך שוין נישט געקאָנט אָנרירען אין דעם; דאַן האָט ער איהר די האַנד אויסגעשטרעקט: „ריהר זיך אָן אין

איהר און שטאַרב נישט!" האָט ער געזאָגט צו איהר מיט גרויס רחמנות.

און אַז זי האָט זיך אַנגעריהרט אין זיין האַנד, האָט ער דערפיהלט אַ שטאַרקען ווערטאָג... ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געליטען דעם ווערטאָג מיט גרויס שמחה, וואָס ער האָט מציל געווען אַ נפש מישראל.

און אַז זי האָט געזעהען, אַז מיט אָנריהרען זיך אַליין וועט זי איהם נישט ביקומען — האָט זי אָנגעהויבען זינגען ליעבע־ליעדער... און דאָס קול איז אַזוי ווייך... אַזוי צאַרט... עס דרינגט אַריין אין אַלע איברים און דערוועקט דאָס האַרץ צו טראַכטען „הרהורים".

אַז דער צדיק האָט דערפיהלט, אַז דאָס קול דרינגט צו איהם אין האַרצען אַריין, האָט ער מורא געהאַט פאַר „הרהור עבירה"; האָט ער גענומען אַ נאָדעל פון טיש און האָט זי אָנגעברענט אין פייער און האָט דורכגעשטאָכען די אויערען ביז ער איז טויב געוואָרען.

דאַן האָט די חצופה גאָר אַ שרעקליכע מיאוסע מעשה אָפּ־געטהון. זי האָט פון זיך די קליידער אַראָפּגעוואָרפען און איז געבליבען שטעהן פאַר איהם ממש אַ נאַקעטע.

אַ משונה'דיגע התפעלות האָט דער צדיק ביי זיך אין האַרצען דערפיהלט, גלייך, ווי אַ פייער האָט זיך דאָרטען אָנגעצונדען... און ער האָט באַלד דערקאָנט, אַז דאָס פייער איז „אש זרה"... עס ברענגט צו הרהורים רעים... וואָס זשע האָט ער געטהון? האָט ער זיך בלינד געמאַכט.

און אין דעם מאָמענט איז אַ שרעקליכער שטורם־ווינד געוואָ־רען, און דונערען און בליצען זענען פון הימעל געפלויגען; און דער צדיק זעהט די בליצען און הערט די דונערען, חאָטש ער האָט זיך בלינד און טויב געמאַכט; אויך האָט ער באַלד דערקאָנט, אַז די בליצען און די דונערען זענען נישט פון הימעל, האָט ער זיך זעהר גע'חדוש'ט און האָט אויפגעהויבען די אויגען זיינע — נישטאָ קיין זאַל, נישטאָ קיין פּאַלאַץ, ער שטעהט פערריזנעט ביז די קניען אין אַ טיעפע בלאָטע...

און דאַן האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז היינט איז דער צווייטער טאָג ראש השנה, האָט ער באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַלץ

מעשה־שטן, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַ נסיון געווען, האָט ער באַלד אָנגעהויבען טענה'ן צום רבונו של עולם: „רבונו של עולם! אַלע בעדינען דיר און טהוען דיין ווילען! אפילו דער שטן איז ממלא זיין תוב באמונה... וואָס זשע דען נאָך ווילסט דו?... זאָל זיין אַ עת רצון פאַר דיר, און זאָל דער רחמנות דיינער גובה זיין דעם כעס דיינעם!“

און באַלד איז ריין געוואָרען דער הימעל, און דער צדיק איז געבליבען שטעהן פאַרן מרחץ, איז ער אַריינגעגאַנגען אַהין און האָט זיך אָבגעטובל'ט און איז געגאַנגען הערען די תקיעות...

אין יענעם יאָהר זענען אַרויסגעקומען אַזוינע תקיעות, שברים ותרועות פונ'ם שופר, וועלכע מע האָט קיינמאָל אַזוינע נישט געהערט.

און אין יענעם מאָמענט האָט מען אויסגערופען אין הימעל: „ווער עס וויל אַמליץ יושר זיין אויף רשעים און פושעים, זאָל פריהער עומד בנסיון זיין, ווי דער סאָסובער צדיק, אַנדערש וועט זיין למוד־זכות נישט אָנגענומען ווערען!“.

און די גדולי הדעת, וואָס ווייסען אַמאָל דאָס, וואָס עס טהוט זיך מאחורי הפרגוד, דערצעהלען בסוד, אַז אינ'ם יום־הפטירה פונ'ם צדיק, האָט ער געבעטען דעם מלאך, ער זאָל איהם דורכפיהרען דורך שבעה מדורי גהינום, און פון דאַמאָלסט אָן איז דער גיהנום אַסך אַסך קיהלער געוואָרען....

דער אַלטער און זיין אייניקעל.

עס איז ידוע, אַז די נשמה פונ'ם צדיק ר' אהרן קאַרלינער, זכרונו לברכה, איז געווען אַ גלגול פון „שמאי הזקנ'ס" נשמה, און דעריבער איז ער געווען אַזאַ שרעקליכער קפדן, מיט זיין קפדנות האָט ער דעם בורא געדינט.

און פיעל מאָל פלעגט טרעפען, ער, זכרונו לברכה, זיצט אין איז מעיין אינ'ם קוויטעל, וואָס האָט איהם דערלאַנגט איינער פון זיינע חסידים. פלוצלונג הויבט ער אויף זיינע לאַנגע ברעהמען און שטעלט אין די אויגען אויף דעם חסיד, אין דאַן פלעגט פרחה נשמתו זיין פונ'ם חסיד — ממש, דא לדא נקשן", אַ צאָהן אָן אַ צאָהן האָט איהם געקלאַפט.

און אַמאָל פלעגט ער פשוט אויפהויבען די האַנד און אָבשטעקען דעם בעל-הקוויטעל אַ גרויסע און הייליגע מתנת-יד; און פלעגט נאָך מוסיף זיין צו דער מתנה די געוויסע גויאישע שענע ברכה, ממש, ווי עפּיס אַמין שרהה, כביכול.

דער געשלאָגענער אָבער פלעגט זיין דאַמאָלס גאַנץ פרעהליך ביי זיך און פיהלען זיך גליקליך; ער פלעגט געבען אַ גרויסען „תיקון" פאַר דער זכיה, די חסידים אין קלויז, היות ער האָט געוואוסט, אַז די קללה איז נישט קיין קללה, נאָר — „צירופים" פערשיעדענע. ער האָט געוואוסט, אַז מיט דער קללה איז דער רבי „ממתיק" די דינים אויף אַזאַ שפּראַך, וואָס די מלאכי שמים פערשטעהען זיי נישט... ער נאַרט אָב אַזוי אַרום דעם שטן; די קלעפּ האָט ער געוואוסט, זענען כדי אָבצוקומען פאַר די עונות, וואָס דער רבי האָט אין איהם אַודאי דערזעהען, נאָך זיי וועט ער אַרויס זכאי בדין, און די בקשה זיינע וועט מקוים ווערען.

ויהי היום, איז געווען אַ גרויסער קטרוג, רחמנא ליצלן,

אויפ'ן הימעל און די שונאי ישראל האָבען געמוזט אונטערגעהן, חלילה, און אָט אין יענעם טאָג, איז ווער עס איז נאָר אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן, איז ער אַרויס פֿון איהם אַ געשלאָגענער און אַ געשאָלטענער.

דאָס אַלעס האָט אָבער נישט געהאָלפֿען — די גזרה איז נישט בטל געוואָרען.

און אַז דער צדיק האָט געזעהען, אַז עס האַלט שטאַרק שלעכט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מתפלל זיין און ער האָט געהאַט „עלית נשמה" און האָט מרעיש עולמות געווען.

דאַן האָט מען איהם פֿאָרגעלעגט, ער זאָל זיך אויסקלייבען איינס פֿון די ביידע:

אָדער ער זאָל אָבלעגען דעם קץ פֿון דער גאולה אויף אַ גאַנצען יובל יאָהרען, אָדער עס וועט אַרויס, חס ושלום אַ גזרה רעה אויף די יודישע יולדות פֿון דעם יאָהר. —

און אַז דער צדיק האָט דאָס דערהערט האָט ער אויסגעשריען: „מיי־דאָך אַ גאַנצער טויזענד יודען קאָנען פֿערלאָרען געהן איבער איין אות פֿון דער תורה, — איז דאָך על אחת כמה וכמה יולדות פֿון איין יאָהר צוליעב אַ גאַנצען יובל יאָהרען פֿון עבודת ה'!... יולדות זענען אַ פּרט, און די גאולה איז — טובת הכלל... זאָל דער פּרט פֿערלוירען געהן צוליעב דעם גאַנצען כלל פֿון כנסת ישראל"!

און ער האָט מסכים געווען.

אויף מאָרגען איז געקומען צום צדיק אַ חסיד פֿון זיינע מקורבים, וואָס איז געווען כל ימיו אַ חשוך בנים, רחמנא ליצלן, און פֿיעל טרחא האָט דער צדיק אַוועקגעלעגט ביז ער האָט איהם מזכה געווען מיט אַ זרע של קיימא. ער האָט געבוירען אַ טאָכטער און האָט זי מגדל געווען און מכנים לחופה געווען. יעצט איז די טאָכטער אַ מקשה לילד, און זי איז — מסוכן.

פֿערשטעהט זיך, אַז דער צדיק האָט זיך געהאַלטען פֿעסט ביי זיין געדאַנק און האָט געענטפֿערט: די גזרה איז שוין נגזר געוואָרען, פֿערפֿאַלען.

און דער פֿאָטער וויינט און שרייט: „רבי, איך וועל אייך נישט אָבלאָזען"! האָט דער צדיק אָנגעשטעלט אויף איהם זיינע צווי אויגען, איז אויף איהם אַ גרויסער פּחד אָנגעפֿאַלען, און

ער איז אוועק אהיים און האט געשיקט די פלונית זיינע.

און די פלונית זיינע איז געווען א צעקנית א גרויסע, און א שרייערקע. האט זי אנגעהויבען שרייען און רעדען געגען איהם שטרדות: „רבי, צו וואס האט איהר מיר געגעבען א טאכטער, ווי באלד איהר האט געוואוסט, אז זי וועט נישט לעבען? איך האב אויך זרע של קימא געבעטען".

און ער, זכרונו לברכה, איז א ביסעלע ווייכער געווארען און האט איינגעפונען, אז די טענה איז, ווירקליך א ריכטיגע, און האט איהר מבטיח געווען, אז די טאכטער וועט האבען דאס קינד; איהר אליין אבער קאן ער נישט מציל זיין.

און די טאכטער האט געהאט א בן־זכר. זי אבער, די יולדת, איז געווען מסוכן... לאחר יאוש...

האט אבער דער מזל פון דער אשה גורם געווען, אז אין יענעם טאג האט בעדארפט דער צדיק ר' אהרן פאהרען צו זיין איידעם האדמו"ר ר' אברהם יעקב, זכותו יגן עלינו, פון סאדיגורא.

איז ער אוועקגעפאהרען, און דער פאטער האט בעשלאסען ביי זיך, איהם נאכפאהרען, אפשר וועט ער זיך שעמען דארט פאר זיין איידעם און פאר זיינע אייניקלעך און וועט זיך משתדל זיין צו מבטל מאכען די גזרה. — איז ער איהם נאכגעפאהרען.

ווער עס האט נאר איינמאל געזעהען דעם אברך ר' נחום־בער דעם אדמו"ר פון סאדיגורא'ס איידעם — האט באלד בעמערקט, אז גאר אנאנדער דרך האט ער זיך אויסגעקליבען, און אז ער וועט זיין גאר א פרי חדש; און אזוי וואלט טאקי געווען, ווען עס זאל נישט געווען טרעפען יענע מעשה.

און תיכף, ווי דער פאטער איז געקומען קיין סאדיגורא און האט געהערט דארט די שבחים פונ'ם אברך ר' נחום־בער, האט ער זיך מישב געווען און איז געגאנגען צו איהם און האט איהם דערצעהלט דעם גאנצען ענין.

און ווער עס האט שייכען, דעם אדמו"רים חזן ניט געהערט, דער האט קיין אמת'ן חזן אויף זיין לעבען נישט געהערט. זיין נשמה איז געווען פונ'ם „דור הבכיה", וואס אינ'ם „היכל הנגינה". אט די אלע תזנים, וואס דו האסט געהערט — איז דער שטייגער זייערער צו וויינען ביי „כבקרת רועה עדרו", ביי „קרוץ מחומר", „המפני חטאינו", וכדומה שייכע אבער, פלעגט קאנען ברייננגען

צו חזנ'ען, אפילו, ווען ער פלעגט זינגען „עוזר דלים“... און איינמאל האט מען זיך געוועט און ער האט אנגעהויבען זינגען „איזהו מקומן“, און אז ער איז געקומען צו „שחיטתן בצפון וקבול דמן בכלי שרת“, האט דער עולם אנגעהויבען שרייען, ווי אקסען ביי דער שחיטה.

און תיכף, ווי ר' נחום-בער האט דערהערט וועגען דער ילדות, האט ער גערופען שייקען און האט איהם געזאגט: שייקע! זינג מיר אביסעל! זינג עפיס א טרויעריגען נגון!

און שייקע האט אנגעהויבען זינגען: „אודך כי עניתני“.

אויפ'ן הייליגען מויל פון יונגען צדיק האט זיך אבער א שמייכעל בעוויזען און ער האט געזאגט:

א רבותא אביסעל צו וויינען ביי „אודך כי עניתנו“?! דארט וויינען דאך אלע!

און שייקע האט אנגעהויבען זינגען: „מעביר עונות עמו“.

דער צדיק אבער האט א מאך געטהון מיט דער הייליגער האנד: אלע חזנים זינגען „מעביר עונות עמו“!

און שייקע האט אנגעהויבען זינגען: „ותן בלבנו בינה“.

און דער צדיק האט געלאכט מיט'ן פולען מויל: ער האט זיך עס אנגעכאפט אביסעל אין בינה, בינה! ווייסט דו דען נישט אז „יוסיף דעת, יוסיף מכאויב“? זינג דארט, ווי אלע זינגען נישט... אט, למשל, „ר' ישמעאל אומר בשלש עשרה מדות“!

און שייקע האט אנגעהויבען זינגען: „רבי ישמעאל אומר“— און פלוצלונג האבען זיך זיסע אנגענעהמע קולות ארויסגעבראכען פון זיין מויל, קולות, וואס קיין שום אויער פון קיין שום בשר ודם האט נאך נישט געהערט. שייקע אליין האט זיך נאכדעם געחדושט — וואו האבען זיך גענומען צו איהם יענע וואונדער-ליכע קולות. ער האט נאכדעם דערצעהלט אין קלויז צווישען יחידי סגולה, אז אין יענער רגע האט ער געפיהלט עפיס א מין „אתערותא דלעילא“... א נ'אמת'ע השפעה, גלייך, ווי מע וואלט איהם די קולות גלייך אין מויל ארייגלעגען און זאגען: „אט אזוי זינג“! דאכט זיך, אז ווען ער זאל געוועז וועלען אפילו פערמא-חען דאס מויל און אנטשוויגען ווערען, וואלט ער עס נישט גע-קענט טהון.

און ער האט אליין געזונגען און געזונגען און דער יונגער

צדיק האט דעם קאפ ארונטער געווארפען; און אז שייקע איז צוגעקומען צו „כלל ופרט“, האבען זיך אנגעהויבען ארויסברע־כען נגונים, וואס שייקע האט זיך געמאטערט נאכדעם, אז ער זאל זיך אן זיי דערמאהנען, און האט בשום אופן נישט געקאנט. און דער צדיק האט יעדעס מאל איבערגעחזר׳ט די ווערטער און נאכדעם איז שייקע אנשוויגען געווארען, און ער, זכרונו לברכה, האט א קרעכץ געטהון און געזאגט:

— פיעל מענשען זאגען: „כל דבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל, אי אתה יכול להחזירו“... אלץ, וואס איז געווען אין כלל און עס איז ארויס פונ׳ם כלל — קאנסט דו עס אין כלל נישט צוריקקעהרען... און איך זאג: „אין בכלל אלה מה שבפרט“... נאר דאס, וואס עס איז אין פרט, איז אויך אין כלל... רבונו של עולם! העלף די פרטים דיינע וועט דער כלל במילא געהאלפען ווערען!...

און אין יענעם מאמענט האט די חולנית אויפגעהויבען פלוצלינג דעם קאפ, נאכדעם, וואס מען האט איהר שוין מיאש געווען — און האט געבעטען א ביסעל וואסער צום טרינקען.

און אויפ׳ן צווייטען טאג איז זי שוין אויף די פיס געשטא־נען.

און אין יענעם מאמענט איז די גאנצע גזרה בטל גע־ווארען.

אין דעם מאמענט איז אבער אויך נגזר געווארען אויף זיי ביידע — אויף ר׳ אהרן קארלינער און אויף דעם צדיק ר׳ נחום־בער, — אז זיי זאלען נישט מאריך ימים זיין; דער — דערפאר, וואס ער איז שוין מעהר נישט ראוי פאר זיין דור, און דער — דערפאר, וואס דער דור זיינער איז נאך נישט ראוי צו איהם...

דער אַלְטער אַבְרָהם מֵאיר.

און אויף אַ ווײַלע איז אברהם-מאיר דער אַלטער שטיל געבליבען אין מיטען רעדען מיט דעם אַברך אֶלקנה, וועלכער איז געווען פון זײַנע תּלמידים און פלעגט פון איהם מקבל השפעה זײַן אין די ענינים פון חסידות — און ער האָט שטילערהייד אָנגעהויבען זינגען עפּיס אַ שטיקעל פון אַ נגון, ווי ער פלעגט תמיד טהון, ווען דער געדאַנק זײַנער פלעגט איבערפולט ווערען מיט מחשבות און רעיונות.

און אֶלקנה האָט זיך אויך שטאַרק אײַנגעטיפט אין רעיונות וועגען דעם אַלעם, וואָס ער האָט ערשט געהערט פון זײַן רבי'ן, נאָר פלוצלונג האָט ער, ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט, און האָט אַ כרעך געטהון:

„און ער האָט אויך משמש געווען בײַם אַלטען אדמו"ר זכותו יגן עלינו?"

„ווער?"

„ווער? „חיים-איצי!"

„חיים-איצי?! אַוודאי. ער איז בײַ איהם, זכותו יגן עלינו געווען כל וכל! ער פלעגט איהם עסען דערלאַנגען אין דער פריה און אין אָבענד, פלעגט פון איהם די שיך אַראָבציהען און פלעגט איהם בעגלייטען, ווען ער פלעגט געהן... אַלעס, ווי בײַ איהם שליט"א. נאָר דאַמאָלס האָט ער נאָך אין זיך דאָס חולאת, רחמנא ליצלן, נישט געהאַט.

אברהם-מאיר האָט אויפגעהערט רעדען און אַ קרעכץ געטהון, און אויף גיך האָט ער אַרויסגערעדט:

„און דאָס חולאת האָט זיך איהם גענומען איבער אַ מעשה"...

„קאָנסט מיר די מעשה נישט דערצעהלען?"

„פאַר וואָס נישט?! שוטה! דאָס הייסט נישט רעדען אויף אַטויטען... די מעשה איז אפילו אַ ביסעל גאַר לכבודו; און חוץ לזה — איז אַ מצוה צו מפרסם זיין אַזוינע זאַכען!

און דער אַלטער האָט אויסגעריינינגט דעם לולקע-ציבוק זיינעם, און האָט איין עק מ׳יל צו זיך אַריינגעשטעקט, און דעם צווייטען צום אַברך אויסגעשטרעקט. יענער האָט אַ שנעל פושקע פול מיט גוטען טאַבאַק פון מאַש אַרויסגענומען, און האָט אָנגעשטאָפּט דעם אַלטענ׳ס לולקע, האָט אָנגעצונדען אַ שטיקעל פּאַפּיער און צוגעטראָגען פייער צו דער לולקע.

דער אַלטער האָט צוויי-דריי פּיפּקע געטהון פון ציבוק און האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

„אַז דער אַלטער, זכותו יגן עלינו, איז נפטר געוואָרען און ער שליט״א, להבדיל בין חיים לחיים, איז נאָך געוועזען דאַמאָלס זעהר יונג, ממש אַ קטן, כביכול, האָט מען אָבגעזאָגט אַלע משמשים, און נאָר חיים-איצי איז איבערגעבליבען, וואָרום ער איז ביי איהם יחיה אויך אַ שטיקעל מלמד געוועזען.

„און אַז ער, שליט״א האָט זיך אויפ׳ן שטוהל געזעצט, האָבען זיינע מקורבים און חסידים אָנגעהויבען פאָהרען צו איהם — אַלץ איז געוועזען, ווי בשעת דער אַלטער זכותו יגן עלינו האָט נאָך געלעבט.

„זיי זענען אָבער נישט געהאָלפען געוואָרען, גלייך ווי מען וואָלט ביי איהם צוגענומען דעם מפתח פון ישועות ישראל.

„מקשה-לילד׳ס זענען געשטאָרבען, רחמנא ליצלן... עקרות זענען נישט אויפגעריכט געוואָרען.... פּריזיוויניקעס זענען אַלע צו דיענסט צוגענומען געוואָרען... פיעל מוכסנים זענען פון די קרעטשמעס זייערע אַרויסגעטריבען געוואָרען, גלייך, ווי די וועלט וואָלט זיך איבערקעהרען! סדרי בראשית האָבען זיך געענדערט, און תהו ובהו איז געוואָרען פון אַלעם...

„קיין מופת... קיין הבטחה... קיין מאמר נפלא!...

„און חיים-איצי האָט זיך פון דעם ענין זעהר צום האַרצען גענומען, ער איז אין חולשת הדיעה אַריינגעפאַלען, און איז שיוער און דאָך נעץ פּונ׳ם יצר הרע נישט אַריינגעחאַפּט געוואָרען. ער האָט אָנגעהויבען אין ספקות אַריינצופאַלען: אפשר?... טאָמער?... ווער ווייסט? און נאָך אַזוינע טענות, וואָס דער „בחור״ קאָן טענה׳ן,

ווען ער וויל א פרומען יודען לידי נסיון, רחמנא ליצלן ברענגען.

„ער האט אבער נישט געקאנט זיין מסופק: ער ווייסט, אז ער, שליט"א איז קדוש מרחם, אז ער דינט השם יתברך פונקט, ווי זיינע עלטערען זכותם יגן עלינו, איז ער בייגעשטאנען דעם נסיון און האט ארויסגעטריבען די הרהורים פון הארץ, און האט אנגעהויבען זוכען די סיבה פון דער זאך.

און יגעת מצאת.

ער האט געזוכט און געפונען.

און עס איז איהם בעוואוסט געווארען, אז ער, שליט"א איז איינגאנצען איבערגעגעבען צו די „עולמות העליונים", און ווייסט פונים „עולם השפל" גאר נישט.

און נאך מעהר, אז עמיצער א קשה־לב קלאגט זיך פאר איהם, איז ער „מצרף צירופים" פון די רעד, מאכט פון זיי שמות קדושים, און בעשאפט נייע עולמות.

דו דערצעהלסט איהם נייע גזירות אויף יודען, רחמנא ליצלן — צירופים; א מקשה לילד — צירופים; אקסען, וואס מען דארף זיי פערקויפען פאר א האלבען פרייז — צירופים; קרעטשמעס... גראלנעס... שלעכטע פריצים — אלץ צירופים, צירופים פון שמות קדושים!

„דו שרייבסט אין קוויטעל: „לרפאוה פון ציהן־וועהטאג" — און ער ווייסט נישט, וואס הייסט „וועהטאג" און וואס הייסט ציהן.

„דו שרייבסט אין קוויטעל: „זוכה זיין צו פרנסה" — און ער ווייסט נישט, וואס הייסט אזוינס פרנסה.

„דו שרייבסט: „די מזונות מיינע זאלען מיר געגעבען ווערען פון קודשא בריך הוא'ס האנד" — און ער הויבט אויף די זיינע קלארע לויטערע אויגען און פרעגט: איז דען פארהאן א זאך, וואס איז ניט פון קודשא בריך הוא?!

בקיצור, ער ווייסט גאר נישט, וואס איז אזוינס „עולם הזה";

„ און וואס איז געווארען פון דעם?"

„ וואס איז געווארען פון דעם?! דער אור הגנוז האט די עולמות העליונים בעלויכטען... קודשא בריך הוא האט ניט געוויינט, כביכול, און נישט אין כעס געווארען די גאנצע צייט... און די צייט איז ראוי געווען, אז די גאולה זאל אין איהר קומען"...

„און פאר וואס איז זי נישט געקומען?“ דער אברך איז אויפגעשטאנען פון ארט און מיט די אויגען זיינע האט ער דורכגענומען דעם רבי'ן זיינעם.

„פאר וואס איז ער נישט געקומען? — האט דער אלטער געלאכט מיט א געלעכטער פול מיט יאוש... ווייל זי איז איהם נישט אבגעגאנגען... ווייל אין די היכלע ספירות פעהלט נישט די גאולה... פערשטעהסט?... די גאולה פעהלט נישט!... ווארום אליין איז דארט אויסגעלייזט... נאר דער עולם השפל איז אין גלות... און די שכינה איז אין גלות?! דאס איז דער סוד פון „עמו אנכי בצרה“.

„נאר דער עולם השפל איז אין גלות, און פונ'ם עולם השפל האט שלי'ט'א גאר נישט געוואוסט.

„און דאמאלס טרעפט זיך, אז יוחנן דער מקורב ווערט שלאף, רחמנא ליצלן, אויף א מסוכן שלאפקייט, האט ער געשיקט א קוויטעל צו איהם יחיה, און דאס קוויטעל איז געווען אנגעשריבען בדמעות ממש.

„און אז ער, יחיה, האט מעיין געווען אינ'ם קוויטעל, האט ער אויפגעהויבען זיינע הייליגע אויגען און געזאגט: „איך חדוש מיר אויף יוחנן. ער איז דאך, דאכט זיך, א עובד ה' און א ירא שמים, און ווייסט אויף וויפיעל מע בעדארף זיין איבערגעגעבען עבודת הבורא: בכל נפשך — אפילו ווען ער נעהמט צו ביי דיר די נשמה דיינע, כל ימיו דארף זיך א מענש מצער זיין: ווען וועט צו מיר קומען אט די מצוה, וועל איך זי מקיים זיין. איצט — ווען ער איז צו איהר געקומען — וואס זשע וויל ער? איך זאל גערי געגען דעם רצון פונ'ם „בורא עולם“?!

„און חסידים פאהרען און פאהרען און שרייבען בקשות: „זוכה זיין צו פרנסה, נצול ווערען פון חרפת רעב, רחמנא ליצלן“.

„אבער ער, יחיה, ווייסט נישט, וואס הייסט אזוינס פרנסה און וואס הייסט אזוינס הונגער.

„און חיים-איצי האט זיך זעהר מצער געווען פונ'ם גאנצען עניין. ער האט געטענה'ט: רבונו של עולם! האסט דו דען פון דיינעט וועגען בעשאפען צדיקים אויף דער וועלט?!

און דאן האט ער בעשלאסען ביי זיך אין געדאנק צו טהון דעם מסוכנ'עם טריט.

— נישט קיין צירופים פעהלט דער וועלט! עס איז שוין פאראן גענוג קדושה אויף דער וועלט, אז דער רבונו של עולם פערמאגט אזוינע צדיקים, ווי ער, יחיה, אויף דער וועלט: די וועלט בעדארף האבען פרנסה!

— אויף דער וועלט איז פאראן א עול גלות!

— מע בעדארף די וועלט אין זיין הייליג הארץ אריינברענגען! מע בעדארף טהון עפיס אזוינס, כדי שליט"א זאל וויסען, וואס הייסט אזוינס עול-גלות!

און ער האט עס טאקי געטהון.

„נאך תפילת שחרית, ווען עס איז געקומען די צייט צו דערלאנגען פאר איהם יחיה דעם פריהשטאג, האט חיים-איצי פער-שלאסען די טיהר, און האט אפילו קיין כזית ברויט נישט ארייג-געטראגען.

„און ער, יחיה, איז געוועזען פערטראגען מיט זיינע צירופים, מיט בעשאפען נייע עולמות, האט ער געטהון א נחת רוח דער הייליגער שכינה און האט גאר נישט געפיהלט דעם הונגער.

„נאר עוסק זייענדיג אין די צירופים, האט ער דערפיהלט, אז עס פעהלען איהם היינט א סך ברכות אויף צו משלים זיין דעם סכום פון מאה ברכות, וואס מען בעדארף מאכען יעדען טאג.

„פארנאכט האט ער דערפיהלט דעם הונגער, האט ער גערו-פון חיים-איצי'ן און האט איהם געהייסען, אז ער זאל איהם דער-לאנגען עפיס אויף טועם זיין...

„און חיים-איצי האט אנגעהויבען וויינען, און איינשטעלענדיג דאס לעבען האט ער געשריען: רבי! איך וועל אייך היינט גאר נישט געבען אויף טועם צו זיין! איהר מוזט וויסען, וואס הייסט הונגער, וואס הייסט פרנסה.

„און היות ער האט שוין אנגעהויבען צו רעדען, האט ער שוין אליין ארויסגעזאגט:

— די וועלט בעדארף נישט קיין צירופים!

— „די צדיקים זענען ניט בעשאפען געווארען פאר די „עולמות העליונים".

— „די וועלט בעדארף האבען פרנסה! עס איז פאראן אויף דער וועלט א עול-גלות.

— „עס זענען פאראן הונגעריגע מענשען אויף דער וועלט.

— „רבי! האָט ער געשריִען: מע בעדאַרף וויסען, וואָס הייסט אַזוינס הונגער!

„און נאָך פיעל, פיעל האָט ער „מטיח דברים" געווען געגען זיין הייליגקייט. —

— „און וואָס איז געווען דער סוף?"

„דער סוף?! אין יענעם יאָהר איז געווען אַ גרויס געדעמטעניש אויף דער וועלט, און אַלע עקרות זענען איינגעריכט געוואָרען. אַפילו איין מקשה לילד איז נישט געווען; און די אַלע, וואָס זענען געווען מחוסר פרנסה — האָבען פרנסה געפונען.

„חיים־איצי אָבער, האָט אַ עונש בעקומען...

ער, שליט"א האָט זיינע אויגען אויף איהם אָנגעשטעלט און אין יענעם מאָמענט איז אין איהם דאָס תולעת, רחמנא ליצלן, אַריין, און האָט איהם נישט אָבגעלאָזט, ביז ער איז פון דער וועלט נישט נטרד געוואָרען".

דער אַלטער האָט אויפגעהערט צו דערצעהלען און האָט זיך אויף די באַלקען פון בית־מדרש פערקוקט; און דער אַברך האָט אַ טיעפען קרעכץ פון האַרצען אַרויסגעלאָזט און פאַר גרויס התפעלות האָט ער די הענד זיינע געריבען.

ו ד ו י.

ער איז געווען אַ ניעני מרכא און אַ גרויסער מטופל מיט קינדער: יונגלעך און מעדלעך. די יונגלעך זענען מרוב נאָך קליינע, און ער באַדאַרף צאָהלען פאַר זיי שכר-למוד; און די עלטערע זענען שוין, כמעט, אַלע אַ דאַנק השם יתברך, בוגרות און ער באַדאַרף זיי קליידען אנשטענדיג, דער עיקר אָבער איז, וואָס ער ווערט נכשל דורך זיי אין דער עבירה פון „עגון בנות". דער צד השוה פון זיי אַלע: אַלע זענען בשר ודם'ס, האָבען מײַלער און אין די מײַלער האָבען זיי מיהלכעלעך, און באַדאַרפען עסען אַ טרוקען שטיקעל ברויט האָטש צוויי מאָל אין טאָג.

קיינמאָל האָט ער, חס ושלום קיין תרעומות אויף דעם רבונו של עולם. באַקומט ער נישט די הצטרכות זײַנע פאַר דער פאַמיליע, נעהמט ער דאָס אָן אויף דעם חשבון פון „יסורים של אהבה" — גאָט האָט איהם שטאַרק ליעב, שטראָפט ער עס איהם דעריבער. און אָט אַזוי דיענט ער דעם בורא שמים אין דחקות און אין אָרימקייט.

זאָל עס איהם בײַשטעהן, אז קיינמאָל האָבען איהם אָט די קליינינקייטען נישט אָבגעהאַלטען פון צו ממלא זײַן זײַנע חובות פאַר גאָט. קיינמאָל האָט ער נישט פערפעהלט אפילו קיין אײן שעור פון חוק אָדער פון דער מסכתא, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען אין דער חברה ש"ס.

ער ווייסט אפילו דערפון גאָר נישט, אז די וועלט רופט איהם אונטער די אויגען „תכשיט", „עבד השם יתברך", און „בעל מדות"! און אַזוי ווידער ווייסט אויך די וועלט נישט, ווי ווײַט גרויס

זיין אָרימקייט איז, און אַז זיין קליין געוועלבעל, מיט וועלכען זיין ווייב בעשעפטיגט זיך — שפּייזט איהם לחלוטין נישט.

די וועלט קאָן עס נישט וויסען, וואָרום ער האָט אַ קרוב פון דער מוטערס צד — אַ גרויסער גביר און אַ נדיב־לב — וואָס אין כמוהו!

און דער נדיב־לב פלעגט טאַקי נישט אָוועקקוקען זיך פון זיין קרוב דעם תלמיד־חכם און ירא שמים און פלעגט איהם שיקען בסתר קצבה: צעהן גילדען אַ וואָך; ווען עס איז אָבער פאָרגעקומען די גרויסע מחלוקת צווישען די ברידער שליט"א וועגען „מעות ארץ־ישראל" און וועגען דער פרנסה פון דעם זצ"ל'ס אלמנה — האָט יענער גביר איינמאָל „מטיח דברים" געווען אין קלויז מיט גרויס חוצפה, צו וועלכער די גבירים זענען נאָר מסוגל, און האָט גערעדט ווערטער, וואָס מע בעדאַרף קורע זיין הערענדיג זיי.

דאַמאָלס האָט דער „תכשיט" בייַ זיך אַ נדר געטהון, אַז ער זאָל נישט מער נהנה זיין קיינמאָל פון זיין רייכען קרוב.

רבקה, זיין ווייב, איז אַ אשה כשרה, אַ אשת תלמיד־חכם, ווייסט זי, ווי אַזוי דער ענין פון נדרים איז האַרב. ער האָט איהר געגעבען אָנצוהערען, אַז זי טאָר נישט נהנה זיין פונ'ם „חוטא ומחטיא את הרבים", וואָרום ער האָט „נוצר הנאה" געווען פון איהם. — זי ווייסט, אַז זי איז מחויב צו טהון דעם ווילען פון איהר מאַן, בפרט נאָך אין אַזאַ וויכטיגען ענין.

און נישט נאָר אַ אשה כשרה איז רבקה, זי איז אויך אַ יפת־תואר.

דאָס האָט אָבער צום ענין קיין שייכות נישט.

אין אמת'ן אמת, האָט ער גאָר אפילו הנאה פון דעם, וואָס זי איז אַ שיינע, וואָרום על פי הגמרא, איז דאָס איינע פון די זאַכען, וואָס זיי ברענגען דעם מענשען צו הרחבת הדעת; אַמאָל אָבער מאַכט זיך, אַז ער ליידט פיעל צער דערפון.

בעזונדער פלעגט ער פיעל צער האָבען דערפון צוריק מיט צעהן יאָהר, ווען ער האָט נאָך געגעסען קעסט בייַ זיין שווער דעם שענקער. פיעל פון די, וואָס פלעגען אַריינקומען טרינקען אין שענק, פלעגען שטאַרק מקפיד זיין צו טרינקען דוקא פון איהר האַנד.

איהם פלעגט עס אפילו נישט האַרען. והא ראיה: אַז די

שכורים פון די גויים פלעגען איהר שטיפענדיג אקניפ טהון אין באק, פלעגט זיך פערקוקען; ווען עמיצער פון די יודען פלעגט עס טהון, פלעגט איהם זעהר וועה טהון דאס הארץ און פלעגט האבען דאמאלס גרויס צער. און אמאל פלעגט ער אויך „מטיח דברים" זיין אנטקעגען דעם רבונו של עולם און פלעגט טענה'ן:

„רבונו של עולם! האסט בעשאפען א פרוי פאר דיינע יודען, איז דאס טאקע א גוטע און א וואוילע זאך, אנ'עזר כנגדו! צו וואס אבער, האסטו איהר שענקייט געגעבען?! איז דען רעכט פאר דיר, אז מענשען זאלען נכשל ווערען אין עבירה, דורך דיין א בעשע-ניש?!"

דאס איז אבער נישט צום ענין. דאס איז שוין אוועקגעגאנגען.

דער עיקר איז, אז זי איז א אשה הגונה וכשרה און וויסט, אז איהר חוב איז צו טהון דעם ווילען פון איהר מאן.

אינאיינעם מיט דעם אבער, וואס רבקה איז געווען א אשה כשרה, איז זי אויך געווען א מוטער פון קינדער-שלאנגען. „עסען-עסען!" אפילו קיין איין טאג הונגער קאנען זיי נישט איבערטראגען.

און איינמאל האט איהר בעגעגענט איהר רייכען קרוב'ס פרוי, און האט אנגעהויבען צו רעדען איבער איהר און איינרעדען איהר, אז זי זאל נישט אבשטויסען די הילף, וואס זי לעגט איהר פאר.

רבקה האט זיך געהאלטען פעסט ביי איהר דיעה, זי האט נישט געוואלט נאכגעבען. דאמאלס האט איהר דעם רייכען קרוב'ס ווייב דערמאהנט איהרע „הונגעריגע קינדער".

האט זי שוין נישט געקאנט ביישטעהן דעם נסיון: זי האט בעשלאסען צו נעהמען די קצבה, אהן דעם מאנ'ס וויסען.

און כל ימיה האט זי זיך מצער געווען אויף דעם. „עס איז דאך א שרעקליכע זינד אבנארען דעם מאן!"

„דער הכרח אבער, דער הכרח!"

ער פלעגט קרעכצען אויף דעם שענקייט און זי — אויף דעם הכרח.

מאכט זיך דערוויל און זי ווערט שלאף, און ליעגט-אב טעג און וואכען ביז עס איז געקומען איהר צייט צו אבשיידען זיך פון דער וועלט.

די זינד וואָס זי האָט געזינדיגט איז איהר געווען, ווי אַ שווערער משא אויפֿ'ן האַרץ. עטליכע מינוט פֿאַר יציאת נשמה, האָט זי בעשלאָסען אויסצוזאָגען איהם דעם גאַנצען אמת און בעטען פֿון איהם, ער זאָל איהר מוחל זיין.

„ראובן... מיין זינד אַנטקעגען דיר... איז זעהר גרויס... איך בין זיך בעגאַנגען נישט, ווי אַ אשה כשרה... זיי מיר... מוחל... איך האָב זיך געלאָזט אָנרעדען...

— וואָס זאָגסטו?...

— ניט צולייב מיר, „זיי" — האָט זי אַוועקגעטהון מיט די פֿינגער אויף די קינדער: זיי... נישט...

זי האָט אָבער נישט בעוויזן צו ענדיגן איהר ודוי = און איז אויסגעגאַנגען.

ראובן איז געשטאַנען צוטראָגען און האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען.

א אונרוהיגע נאכט.

בערקי און מאטיל זענען צוויי בחורים, וואס פערברענגען שטענדיג אין אדמו"ר'ס קלויז. שוין דריי יאהר זינט זיי האבען דארט קונה שביתה געווען. דארט זיצען זיי תמיד, לערנען טאג און נאכט „נגלה" און „נסתר". דארט חאפען זיי אויך א דרעמעל ביינאכט אויף א ווײלע, ווארום שלאפענדיג אויף די הארטע בית-מדרש-בענק, איז נישט אזוי שווער אויפצוואכען ביינאכט פון שלאף און נעהמען זיך צום לערנען תורה לשמה. דארט בעקומען זיי אויך צוויי מאל אין טאג עסען פון אדמו"ר'ס קיך, וועלכע געפינט זיך אויפ'ן הויף, רעכטס פון קלויז.

אחוץ דעם אדמו"ר'ס הויף, ווייסען זיי, אז עס איז נאך אויך א מרחץ פארהאן אין שטאדט און א גאס, וואס פיהרט צום מרחץ.

און אין דער גאס איז אויך געוועלבער און הייזער פארהאן, אין וועלכע מענשען וואהנען. בערקי און מאטיל האבען אבער קיין שום שייכות נישט צו אט די געוועלבער און הייזער, דעריבער הייסט עס פאר זיי, גלייך, ווי זיי עקזיסטירען גאר נישט.

ביי מאטיל'ן האט זיך שוין אנגעהויבען שיטען א בערדעל און ביי בערקי'ן האט זיך ערשט אנגעהויבען ווייזען האר אויף דער איבערשטער ליפ. דער דרעהט שטענדיג די האר פון בארד און האט גרויסע צרות, וואס זיי זענען נאך נישט גענוג לאנג, ער זאל זיי שוין קאנען אויף דעם פינגער פערדרעהען, און יענער גרייזעלט זיך שטענדיג די פאות און איז זיך שטארק משמח, וואס וויפיעל ער זאל זיי נישט דרעהען און גרייזלען, בלייבט נאך אלץ איבערע אין זיי א שעור פאה".

און חאטש בערקי איז יונגער פון מאטיל'ען אויף גאנצע צוויי יאהר, פונדעסטוועגען אין נסתר איז ער גרעסער פון דעם חבר.

מאטיל'ס כח איז גרויס נאר אין נגלה.

און דעריבער שטענדיג, ווען זיי לערנען עץ־חיים, האלט בערקי אין איין קוקען אויף מאטי'ען. ער שטעלט אן אויף איהם זיינע צוויי גרויסע און פולע אויגען, גלייך, ווי ער וואלט וועלען אריינדרינגען אין הארץ פון חבר און געוואהר ווערען אויף ריכטיג צי ער האט משיג געווען דעם ענין, ווי געהעריג.

און דאס אייגענע איז אויך, ווען זיי לערנען נגלה, און בריה'ן זיך צו געפינען עפיס א מחלוקת צווישען רש"י און רבינו תם, חאטש אין פלוג ווייזט אויס, אז זיי רעדען ביידע איין זאך און ווענען נישט מחולק — דאמאלס לויפען ארום מאטיל'ס אויגען און שטעלען זיך יעדעס מאל אב אלאנגע ווייל'ע אויף בערקי'ן, גלייך, ווי ער וואלט וועלען ביי איהם דערגעהן, צי ער האט איהם אינגאנצען פערשטאנען.

זיי האבען אבגעגעסען זייער אבענד־ברויט, אבגעלערענט זייער גאנצען שעור און הויבען זיך שוין אן צו חאפען א דרעמעל. די הכנות מאכען זיי, זייענדיג זעהר אויפגעלעגט: איינעם פון זיי האט זיך היינט איינגעגעבען אבפרעגען דעם „פני יהושע" אינ'ם דין פון „שרפת בת כהן", וואס האט מזנה געווען. און דער צווייטער האט היינט עפיס מחדש געווען גאר א נייעס בנוגע צו דער „ספירת־יסוד" און איהר שייכות צו יוסף הצדיק. דערביי איז איהם ערשט ערקלערט געווארען כמה ענינים בנוגע צום יסוד פון זווג צווישען קודשא בריך הוא און דער שכינה.

זיי האבען פאר זיך איינגעריכטעט זייערע געלעגערס: זיי דאבען צוגעריקט איין בענקעל צום צווייטען, אזוי, אז זייער צופיסען זאל נישט אויסקומען אנטקעגען „ארון", האבען אונטערגעלעגט צו קאפענס אלטע, פסול'ע טליתים און יעדער האט זיך געלעגט אויף זיין ארט.

בערקי דרעהט זיך, קעהרט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער און מאטיל הויבט שוין אן איינשלאפען.

— מאטיל! שלאפסט?

— ניין, וואס איז דען?

— איך פֿרעג אַזוי, פּשוט... מאַטיל, ווי איז דײַן מיינונג וועגן... למשל... „חטאת נעורים?“...

— אַנטקעגן וואָס איז עפּעס די שאלה?

— פּשוט, איך פֿרעג דײַן מיינונג: צי מע האָט אונז שוין מוחל געווען אונזערע „חטאת נעורים“?

— איך ווייס? איך רעכן, אַז מע האָט שוין מוחל געווען. לערנען מיר דאָך תּורה לשמה! געפֿינען מיר זיך דאָך אונטער דעם אַדמו"ר'ס דאַך!... היינט וויפֿיעל תּקונים האָבען מיר שוין געמאַכט, אַז מיר זאָלען מתקן זײַן, דאָס, וואָס מיר האָבען פּוגם געווען מיט יענעם ענין.

— און איך — מיר ציטערט דאָס האַרץ זעהר.

פֿאַר וואָס?

— פֿאַר וואָס?! איך האָב אַ סימן.

— וואָס פֿאַר אַ סימן?

— וואָס פֿאַר אַ סימן!? עס איז, למשל, אַ דבר ידוע, אַז אַ אָדם כשר קאָן קײַן יצר־הרע נישט האָבען צו אַ צדיק'ס אַ פֿרוי... און איך...

יענער האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ און פֿון דער פֿינסטער האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין חבר'ס פּנים.

— וואָס רעדסטו? „כלי שנשתמש בו קודש?!“

— חס ושלום! נישט צו איהר תּחיה, נאָר... צו דער יונגסטער טאָכטער... צו ריבעלען.

— דאָס איז נאָך קײַן ראיה נישט. אַדרבה! פֿערקעהרט. איך האָב ליעב אַלסדינג, וואָס האָט אַ שייכות צום אַדמו"ר שליט"א, אַפֿילו די אַלטע פּאַסי, וואָס קאָכט אונז מיטאָג, איז מיר אויך ליעב.

— יאָ, נאָר פֿונדעסטוועגען האָב איך מורא. איך בין זיך חושד, אַז איך האָב חס ושלום אַ פּניה דערבײַ און עס איז מעשה יצר־הרע, והא ראיה, אויף דער „אַדמו"רית שליט"א האָב איך ליעב צו קוקען דוקא, ווען זי פֿערשטעלט דאָס פּנים מיט די הענד און בענטשט ליכט, אָדער דאַמאָלס, ווען זי לויפֿט אײַלענדיג זיך אין דער ווײַבערשער שוהל, דאַמאָלסט איז זי ווירקליך, אַ וואונדערבאַר מענש, ממש, אַ חצי צדיק; דערקענסט אין איהר, אַז זי ווייסט צו וועמען זי געהט און וואוהין זי געהט... אויף איהר אָבער...

איף ריבעלען, האב איך ליעב צו קוקען דוקא נאר אין אנדערע מאמענטען... דאס איז שוין ביי מיר פון יענעם פריהמארגען אן, אין וועלכען איך בין איפגעשטאנען גאנץ פריה, ווי מיין מנהג איז שטענדיג, און בין פון קלויז ארויסגעגאנגען און זי האט אין יענעם מאמענט איפגעפענט דעם פענסטער פון איהר שלאף־צימער און האט ראשה ורובה אריבערגעבויגען.

מאטיל?

— איך הער.

— אט, למשל, וויים איך, אז די אדמו״רית שליט״א איז א ביסעל א גרינגליכע, און אז די באקען איהרע זענען איינגעפאלענע און זי איז א צדקת גדולה, מעהר אבער נישט.

און בנוגע צו ריבעלען קאן איך דיר זאגען גענוי די מאס פון איהר נאז אפילו. איך וויים נישט נאר די פארב פון איהרע אויגען, וואס איז ענהליך צו אמת׳ע תכלת, איך וויים אויך אלע בעוועגונגען פון איהרע אויגען, זייער ארומלויפען און ווארפען זיך, די בתעהמען איהרע וואלט איך דערקאנט אפילו אהן איהר פנים.

ווען איך זאג „שיר השירים״ ערב שבת און קום צו „מציץ מן החרכים״, דערזעה איך באלד דאס שמאלע שפעלטעל, האס צווישען איהרע ליפען, ווען זי שמייכעלט.

נעכטען האב איך זיך מתעמק געווען אין די הלכות פון „דופן עקומה״, האב איך זיך דערמאהנט אין דער משופעקייט פון איהר ברוסט, פון האלז ביז צום הארץ.

איך לערען מיין שעור „המשמיע קול בשבת״, און עס ווייזט זיך מיר אוים, אז איך הער דאס קויל פון איהר געלעכטער, וואס פוהלט אן דעם גאנצען חלל פון הויף, הויב איך אויך אן לאכען, און פון געלעכטער געה איך אריבער צו געוויין, איך רעכען, אז דאס געוויין נעהמט זיך מיר, וויל איך האב דאמאלס א „הרהור תשובה״.

בערקים קול ווערט דאמאלס צארט, ווייך, און יעדעס מאל ווערט עס איבערגעריסען און עס שניידט דורך דאס פינסטערניש פון קלויז.

מאטיל האט זיך איפגעזעצט, האט אנגעשפארט די הענד איף די קניהען, דעם פאס ארייגעלעגט צווישען די הענד און

האָט אויסגעאַרכט מיט רחמנות און מיטלייד דעם חבר׳ס ודאי.

און איך ווייס, ווי דער ענין איז שטאַרק האַרב, אחוץ דעם, וואָס די הרהורים פאַר זיך זענען נאָך ערגער פון דער עבירה, רחמנא ליצלן — בין איך דאָך נאָך אַ „מועל בקדשים", און פאַר אַזאַ זאַך זענען דאָך די „אצילי בני ישראל" און נדב ואביהו געשטראָפט געוואָרען אויף דעם באַרג סיני. און איינמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזען אין חלום, אַז איך נעהם־אַרום אַ ספר־תורה, וואָס האָט פונקט ריבקעס צורה, און ווי איך האַלט זי אָט אַזוי אַרומגענומען, איז זי פון מיינע הענד אַרויסגעפאַלען און אַלע שמות קדושים זענען פון איהר אַרויסגעפלויגען.

דאָס אַלעס, ווייס איך אַליין. איך קאָן אָבער נישט פערטרייבען די הרהורים פון האַרץ, בפרט, ווען איך זעה זי בחוש. פערשטעהסט, ווען איך זעה זי מיט מיינע גשמיות׳דיגע אויגען, דאַמאָלס פערגעס איך אַלעס, דאַמאָלס זעה איך נאָר איהר.

און אַמאָל זאָגט מיר דער יצר־הרע, אַז איך האָב נישט, וואָס צו מורא האָבען פאַר דינו של גהינום, וואָרום דאָס איז נישט קיין אשה פשוטה, פערשטעהסט, אַ אשה צו זינדיגען, און אַז אַליץ, וואָס איך האָב ליעב אין איהר, איז נאָר דער הייליגער ניצוץ, דער געטליכער ניצוץ, וועלכער מוז אודאי האָבען אַ שייכות צו מיין שורש נשמה, און דעריבער ציהט עס מיר אַזוי צו איהר. וואָס רעכענסטו וועגען דעם?

— מאַטיל!

— דאָס איז אַ נסיון — ענטפערט איהם צורודערט זיין חבר — איך זאָג דיר, אַז עס איז אַ נסיון. דו דאַרפסט זיך שטאַרקען, ווי אַ לייב, בערקע, דו וועסט האָבען פיעל שכר.

— יאָ — בעשליסט בערקע, פיהלענדיג זיך אַ ביסעל געשטאַרקט דורך דעם חבר׳ס רעד. מע בעדאַרף גובר זיין דעם יצר־הרע.

בערקע האָט באַלד גענומען זיך צו מלחמה האַלטען מיט דעם יצר הרע, פערטרייבען פון האַרץ די הרהורים, פערטיעפט זיך אין עפיס אַ מהרמ״ס־שיף־קשיא און איז אַזוי איינגעשלאָפען עוסקדייענדיג אין דברי תורה.

נאָר מאַטיל דרעהט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער.

— בערקע? בערקע? דו שלאָפסט בערקע?

— ניין, איך האָב ערשט איינגעדרעמעלט. וואָס איז דען?

— אוי, נפשוט; איך קאן נישט איינשלאפען, הרהורים רעים.

— פערטרייב זיי פון הארץ.

— זיי קומען אבער נישט פון דרויסען, זיי געהען ארויס פון הארץ.

— נו, א, איך טאר נישט רעדען, איך האב שוין געזאגט „המפיל“.

געפלאצט דאס געדולד

מנחם-מענדיל „מקובל" און ישכר-בער דער „חוקר" זענען געבליבען די לעצטע אין קלויז נאכ'ן דאווענען. דער ערשטער האט נאך בעדארפט ענדיגען זיין „שעור" אין „חוק" און דער צווייטער האט אויסגעטהון רבינו תם'ס תפילין, רעדענדיג בשעת מעשה וועגען וועלט-זאכען.

מנחם-מענדיל האט זיך פערטהון ראשו ורבו אין חוק, וואס האט שטענדיג געדיענט פאר א סימן מובהק, אז באמת איז ער כלל נישט אזוי שטארק פערטיעפט אין שעור, און ער קאן אויס-הערען, וואס מע רעדט צו איהם; און ישכר-בער רעדט מיט הפסקות, אבגעהאקטע ווערטער. יעדעס מאל איז ער מפסיק און קוקט זיך גוט צו צו די „כריכות" פון די רצועות אויף די תפילין, זיי זאלען גוט צודריקען דעם קשר און זאלען פונקטליך אויסזעהען, ווי „כנפי יונה" — הערט אויף זיך מתעסק צו זיין מיט די „כריכות" און קעהרט זיך ווידער צום אנגעהויבענעם שמועס.

„אלע זענען מודה, אז זיי זענען די „רשעים שבדור"; פיעל-פיעל גוטס ברענגען זיי אבער פאר דער וועלט! די חכמות זייערע איז א דבר גדול: זאג אליין: איז דען נישט בעסער צו פאהרען צום אדמו"ר שליט"א מיט זייער באהן איידער אויסגעריסען ווערען אין ישמעידה'ן שכור'ס עגלה גאנצע צוויי טעג מיט א נאכט נאך דערצו?

און אז דו פיהרסט דעם זוהן צום פדיון, וואלסטו דען געקאנט פינקטליך אויסרעכענען די רגע אין וועלכער... זיי בע-טראכטען איהם, און מודיע זיין איהם, שליט"א, ווען זיי וואלטען נישט געווען ממציא זיין דעם טעלעגראף!"

מנחם-מענדיל האט זיך א דרעה געטהון, ארויפגעלעגט די

האַנד איפֿין שטערען און האָט נאָך מעהר אַראָבגעלאָזט די אויגען אין אָפֿענעם ספר. ער האָט אויסגעזעהען, ווי איינער, וואָס געהט איבּער אַ צוּבּראָכענעם בּריק, וועלכער טאַפּט מיט די הענד און זוכט עטוואָס, אין וועלכען ער זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרען.

ישכר־בּער האָט נישט ווילענדיג, אָנגערירט זיך נאָך אין נישט פֿערהיילטע וואונדען. פֿריהער מיט דריי יאָהר, ווען די בּאַהן איז נאָך דורך זיי נישט געגאַנגען — איז מנחם־מענדיל געפֿאָהרען צום רבּין און שמעיהו שכּור׳ס עגלה, האָט געטראָפֿען אַנ׳אומגליק און די פֿורה האָט זיך איבּערגעקעהרט און מנחם־מענדיל האָט זיך שיעור קיין האַנד נישט אויסגעבּראָכען. אַ מיחוש איז איהם געבּליבען אין יענער האַנד נאָך עד היום.

און פֿריהער מיט פֿיער טעג, ווען דער טעלעגראַף איז נאָך בּיי זיי אין שטאָדט נישט געוועזען און ער האָט געפֿיהרט זיין זוהן צום פּריזיוו, און תּאַמש, ער יחיה, האָט איהם שוין, ווי כּמעט מבטיח געוועזען, האָט אָבּער מצליח געוועזען מעשה שטן, און די לעצטע בּקשה איז אָנגעקומען אין דער הייליגער האַנד פֿון איהם יחיה מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען עס איז שוין געוועזען לאחר המעשה.

„ווער ווייסט, וואָס זיי וועלען נאָך מחדש זיין? — פֿילאָזאָ־פֿירט יענער: אפשר טאַקי אין אמת׳ן, ווען אונזערע קינדער וועלען דאַרפֿען פֿאָהרען צום אַדמו״ר שליט״א, וועלען זיי שוין גאָר פֿליהען אין דער לופֿטען, ווי אָדלער!

מנחם־מענדיל האָט זיך שוין מעהר נישט געקאָנט איינהאַל־טען, האָט אַוועקגערוקט פֿון זיך דעם ספר און איז אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט.

„פּוסטער יונג איינער! — האָט ער אויף איהם אָנגעהויבּען צו שרייען: אַלץ, וואָס דו רעדסט איז שטותים — און מעהר גאָר נישט! דער עיקר איז די אמונה! אויבּ עס איז דאָ אמונה — איז אַלץ דאָ, און אויבּ עס איז קיין אמונה נישטאָ, איז גאָר נישטאָ. אמונה איז דער נצוץ פֿון קודשא בּריך הוא, וואָס איז משפּיע לעבּען און אַלץ, וואָס געפֿינט זיך אויף דער וועלט, און דאָס איז דער סוד פֿון שותּפֿות, וואָס דער מענש ווערט, כּביכול, אַ שותּף צום איבּער־״שטען אין „מעשה בּראשית״. וואָרום יעדע זאַך, וואָס דו זעהסט, זעהסטו נאָר מיט דעם כּח פֿון אמונה, און מיט דעם כּח פֿון אמונה האָט עס אַ קיום. אויבּ דו גלויבּסט אַליין נישט, אַז דו זעהסט פֿאַר

זײַדאַ עולם מלא, איז דאָך אַלץ בטל ומבוטל כעפרא דארעא. וואָרום אין אמת'ן, פון וואַנען ווייסטו טאַקי, אַז עס איז דאָ עפּיס במציאות? אפשר איז גאָר אַ נעכטיגער טאָג, אפשר איז דאָס גאָר אַ חלום! די אמונה איז אַלץ! די אמונה איז דער סוד הבריאה; און אָט, וואָס פאַר אַ סוד איך וועל דיר מגלה זײַן, אַז אפילו דער שטן בר-מינן האַלט זיך אויך אויף אמונה; און אפילו די אפּיקורסים ימח שמם, דאַלטען זיך אויך נאָר מיט דעם כח פון אמונה, אַלץ, זאָג איך דיר"...

ישכר-בער האָט אויסגעהאָרכט דעם חבר'ס רעד אַ ביסעלע פערװאונדערט. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דער חבר ענטפערט איהם עפּיס נישט צו דער זאַך, און אַז ער רעדט עפּיס מיט צופיעל קפּדנות. ער האָט איהם נישט אָבגעענטפערט. ער האָט איהם אַ שאָקעל געטהון מיט דעם קאָפּ, אַ קרעכץ געטהון, צונויפגעלעגט דעם טלית, אַ קוש געטהון דעם פּרוכת און די מזוזה — און איז זיך אַרויסגעגאַנגען פון בית-מדרש.

פאליטיק.

ווען דער אלטער ירוחם פלעגט נאר דערהערען, ווי די חסידים אין קלויז הויבען אן עוסק צו זיין אין פאליטיק און רעדען וועגען די מלחמות, וועלכע שטעהען פאר, ווען ער פלעגט נאר דערזעהען ווי די יונגעלייטלעך הויבען אן אויסדרינגען מיט ראיות ברורות פון די „גאזעטען", אז עס מוז פארקומען א מלחמה — פלעגט ער באלד שטארק אריין אין דער הקפדה און אנהויבען ליארעמען: „שוטים! טפשים! ווי קאן איך גאר עולה על דעת זיין, אז דער מיניסטער איינער ווייסט היינט, אז מארגען וועט ער געהן מלחמה האלטען? און אז ער געהט שוין מלחמה האלטען, געהט ער עס דערפאר, וואס ער וויל, און ווייסט צוליעב וואס ער טהוט עס? אויב איהר רעכענט, אז אזוי איז דאס טאקי, זענט איהר במחילה, אמת'ע שוטים, און זענט ניט קלאר אין די דאזיגע ענינים, ממש איהר ווייסט ניט, וואס עס טהוט זיך מיט אייך... אט וועל איך אייך א משל געבען למה הדבר דומה, צו וואס איז דאס גלייך: אט האט איהר א בוים... א פראסטער בוים... האט דער בויםווארצלען, צווייגען, בלעטלעך, פרוכטען און דעם שומר פון די פרוכטען, וואס מען רופט שאלעכץ... געפינען זיך מענשען שוטים, וואס זאגען, אז דער עיקר פון בוים זענען די צווייגען און בלעטלעך, היות דורך זיי ווערט ער דער שאטען פון בוים... און זיי שיצען ארום זיך... און איך זאג: אדרבה! דאס איז דאך טאקי א סימן, אז זיי זענען נישט דער עיקר און זיי זענען בעשאפען געווארען נאר, כדי א שאטען צו בילדען... קליגען זיך אנדערע אין זאגען, אז דער עקר איז דער שורש פון בוים, היות ווען ניט דער שורש, וואלטען אויך די צווייגען און פרוכטען נישט געווען... שוטים אייגע! זיי הערען זיך נישט איין מיט זייערע אויערען, וואס זיי רעדען ארום מיט

זייער מויל: קומט דאָך אַרויס אפילו פון זייערע רעד אַליין, אַז דער שורש איז ניט דער עיקר, און ער איז נאָר בעשאַפען געוואָרען, כדי ער זאָל צווייגען און פרוכטען פון זיך אַרויסגעבען; און נאָך מעהר, אפילו די פרוכטען זענען נישט דער עיקר, און אפילו דער תוך זייערער איז נישט דער עיקר, היות זיי זענען בעשאַפען געוואָרען, עס זאָלען אַרויסוואַקסען פון זיי נייע בוימער. דער עיקר קאָן זיין נאָר דאָס, וואָס דיענט נישט קיין אַנדערע זאַך, אַחוץ זיך אַליין. והדברים עתיקים... און דאָס זעלבע איז אויך בנוגע צו דעם ענין, וועגען וועלכען מיר רעדען: זיי מיינען, אַז דער עיקר פון'ם גאַנצען ענין איז דאָס, וואָס זיי ווילען געהן מלחמה האַלטען, אין אמת'ן אָבער איז דער ענין נישט אַזוי. און אַלס ביישפיעל וועל איך אייך אַ מעשה דערצעהלען, וועט איהר שוין ווייסען נאָך דעם, פאַר וואָס געדט מען עס מלחמה האַלטען...

און דאַן פלעגט ער אויסרעניגען די לולקע זיינע, אָנפיהלען מיט טאַבאַק און פערויכערען ביים פייער פון „נר תמיד“, וואָס האָט שטענדיג געברענט אין דער אַלטער קלויז, און האָט זיך צוריק אומגעקעהרט אויף זיין אָרט; און די יונגלייטלעך האָבען צונויפגערוקט און האָבען זיך געדיכטליך אַרום איהם אַרומגעזעצט. ירוחם האָט זיך איינגעקוקט עפּיס אין אַ פינטעלע אין וואַנד און איז בעדעקט געוואָרען מיט גאַנצע מחנות וואָלקען פון רויך, און האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

„עס איז ידוע, אַז ביים ריזשינער צדיק זכרונו לברכה איז געווען אַ דאָקטאָר, גאָרדאָן האָט מען איהם גערופען, וועלכער האָט אויסגענומען מיט איהם, זכרונו לברכה אַ תנאי, אַז ער זאָל איהם היילען רפואת הנפש, און ער וועט איהם זכרונו לברכה, היילען רפואת הגוף; ניט אַלע ווייסען אָבער די מעשה, ווי אַזוי זע־נען נתגלגלו הדברים געוואָרען און צוגעקומען דערצו.

„בימי ריזשינער צדיק איז געווען אַ מקורב — שמואל שותק. ער איז געווען אַ ירא ושלם, און האָט נאָך געגעסען קעסט ביים שווער; און דער שווער זיינער איז געווען פון די אַפּטער חסידים. האָט ער געהאָרכט, ווי מען האָט איינמאָל חוזק געמאַכט, רחמנא ליצלן ביים שווער אין שטוב פון ריזשינער צדיק; האָט ער גע־וואָלט דוקא אָפּענטפערען, עס איז אָבער געווען שבת, און ער האָט אויף זיך גענומען, נישט רעדען דברי חול בשבת; און אין

לשון קודש איז ער ניט געווען קיין איבעריג גרויסער ידען, האט ער געהארכט און געשוויגען.

„און דעריבער האט ער א עונש בעקומען און דער זוהן זיינער איז אויפגעוואקסען געווארען אין געפענקעניש צו איינעם א פוילישען גראף. און דער זוהן איז דארט אויסגעוואקסען און האט אן אלץ פערגעסען און איז יצא לתרבות רעה געווארען, רחמנא ליצלן, און איז געווארען יענעם גראפ'ס דאקטאר. פלעגט שמואל שותק אלע מאל ווידער דערקוטשען דעם צדיק און פלעגט איהם בעטען דערויף, און ער, זכרונו לברכה פלעגט אקרעכץ געבען און מבטיח זיין איהם זרע של קימא.

נאך דעם שותק'ס פטירה אבער, פרייטאג צו נאכט, בשעת קידוש, האט ער ממש אנגענומען דעם צדיק ביי דער פאלע און האט איהם געזאגט: „איך וועל אייך נישט אבלאזען, רבי, ביז איהר וועט מיר נישט מבטיח זיין אויף געוויס, אז דער זוהן מיינער וועט חוזר בתשובה זיין". אוי ער, זכרונו לברכה, האט מבטיח געווען.

און דאס איז אייך ידוע, אז ווען דער בעל־שם טוב פלעגט בעדארפען מציל זיין פערבלאנדזעטע נפשות, רחמנא ליצלן, פלעגט ער נסיעות מאכען מיט דעם בעוואוסטען „אלעקסיי"; דער ריזשינער אבער, ווען ער האט בעדארפט אזא זאך טהון, פלעגט נישט פאהרען. ער איז אין שטוב געזעסען, און עס פלעגט נתגלגלו הדברים ווערען און מע פלעגט צו איהם קומען.

יענעם שבת האט ער, זכרונו לברכה, געזאגט תורה אויף דעם פסוק „על כן יאמר בספר מלחמות" און האט סודות עמוקים מגלה געווען, וואס דער אויער קאן זיי גאר נישט אויסהערען.

„און פלוצלונג איז א רוח שטות אריין אט אין יענעם פוילישען גראף, און האט צונויפגענומען איינגאנצען זיין חיל, און איז געגאנגען מלחמה האלטען עפיס מיט אן אנדער גראף. און, אז ער איז דורך ריזשין דורכגעגאנגען האט ער זיך דארט געשטעלט אפרוהען און איבערנעכטיגען דארט א לינת לילה.

און אין יענעם טאג האט ער, זכרונו לברכה, אנגעהויבען קלאגען זיך אויף בריאת־הגוף, און האט געזאגט, אז ער בעדארף האבען א שטענדיגען דאקטאר, וואס זאל שטענדיג ביי איהם זיין אין שטוב. און נאכדעם, האט ער דעם משמש זיינעם געשיקט, רופען דעם דאקטאר, וואס איז געקומען אהער מיט דעם גראף.

„און דער גראף האט געעצה'ט דעם דאקטאר זיינעם, אז ער זאל געהן מקבל תענית זיין צוועהענדיג די יסורים פון יודישען הבין. דער דאקטאר אבער האט געזאגט: „איך וויל נישט דעם פערגעניגען און איך וויל נישט דעם פנים זיינעם אנקוקען!“ און האט נישט געוואלט געהן.

און שבת איז געווען יענער טאג. אבענד, מוצאי-שבת-קודש, נאכדעם, ווי ער האט אבגעמאכט הבדלה, כמנהגו, האט ער פלוצלונג א פרעג געטהון זיינע מקורבים, צי זיי ווייסען איך וואס איז ממונה דער מלאך „פורה“.

„די מקורבים האבען זיך דערשראקען און געקוקט איינער דעם צווייטען אין פנים אריין, און האבען גאר נישט געענטפערט.

„דאן האט ער אליין זיין הייליג מויל געעפענט און געזאגט:

„פורה“ איז דער שר של שכחה... בשעת, דער מענש שלאפט גיסט ער איהם איין טראפען אין מויל אריין, און דאן פערגעסט דער מענש, וואס עס איז מיט איהם פארגעקומען אינ'ם משך פונ'ם טאג, און אז ער גיעסט איהם צוויי טראפען אריין, פערגעסט ער צוויי טעג, און אזוי ווייטער... וויפיעל טראפען ער גיעסט אריין, אזוי פיעל טעג פערגעסט דער מענש. האט מען איהם שוין לאנג געוואלט אויפ'ן הימעל אריינווארפען אין חרם... האט מען אבער איינגעפונען, אז אמאל ברענגט ער זעהר פיעל גוטס פאר דער וועלט... זאג איך אייך, אז די שכחה איז זעהר א מדה טובה צייטענווייז“. —

„און וואס רעכענט איהר? איך מארגען האט זיך אויפגעכאפט יענער דאקטאר פון שלאף אין פאלאץ פון גראף, און האט אין אלעם פערגעסען; און עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער שלאפט ביי זיין פאטער אין שטוב; און אז ער האט געזעהען, אז ער האט קיין יארמאלקע נישט אויפ'ן קאפ, האט ער זיך אנגעהויבען מצער זיין, וואס ער געהט בגלוי הראש און האט געזוכט מיט דער האנד אויפ'ן בעט, אפשר וועט ער זי געפינען.

„און דערווייל איז אויך דער גראף פון שלאף אויפגעשטאנען, און האט געשיקט זיין קנעכט, ער זאל רופען דעם דאקטאר; דער דאקטאר ריהרט זיך אבער נישט פון ארט, הווית ער האט נאך קיין נעגעל-וואסער נישט אבגעגאסען. „וואסער, וואסער!“ שרייט ער: „נו, א, וואסער!“.

„דער קנעכט פערשטעהט אבער נישט קיין יודיש, קוקט ער איהם אן.

„און אז ער האט דערצעהלט די מעשה דעם גראף, האט ער ביי זיך אטראכט געטהון: דער דאקטאר האט געמוזט אודאי משוגע ווערען — און האט געהייסען איהם פון פאלאץ ארויסטרייבען.

„און אז דער דאקטאר איז געבליבען שטעהן אין דרויסען בגלוי הראש, האט ער גענומען דעם עק פון זיין בגד און האט מיט איהם דעם קאפ געוואלט צודעקען, נאר האלטענדיג איהם, האט ער בעמערקט „שעטנז" אין בגד, איז ער דערציטערט געווארען און האט איהם צוריסען אויף זיך.

„און אז די אנשי העיה פון די יודען האבען דאס דערזעהען, און האבען איהם געפרעגט, מה זה ועל מה זה? האט ער אנגעהויבען וויינען, און האט געפרעגט: „וואו זענען טאטע מאמע מיינע?"

„און זיי האבען איהם א היטעל און בגדים געגעבען, און האבען איהם געזאגט, אז ער איז אין רייסין.

„אז ער האט דערהערט דעם נאמען „רייסין" האט ער אנגעהויבען טאנצען פאר גרויס שמחה, און האט זיך געבעטען רחמים ביי די מענשען, זיי זאלען איהם אנווייזען די וואהנונג פונ'ם הייליגען צדיק.

„און באלד האבען זיי דערצעהלט שכנא דעם לאנגען, דעם רבינ'ס גבאי, און ער האט עס איהם, זכרונו לברכה מודיע געווען.

„ און ווען ער, זכרונו לברכה האט די מעשה דערהערט, האט זיך א שמייכעל אויף זיינע ליפען בעוויזען, און האט געהייסען, מע זאל איהם אריינלאזען.

„און דער דאקטאר איז אריינגעגאנגען און האט אנגעהויבען וויינען: „רבי, איך וויים נישט, וואס מיט מיר האט אזוינס געטראפען... איך האב נעכטען קריאת שמע אויפ'ן בעט געליינט, און ברכת „המפיל" געזאגט און בין איינגעשלאפען, און ווען איך בין היינט אין דער פריה פון שלאף אויפגעשטאנען, זעה איך, אז איך געפין זיך גאר אין א פאלאץ צווישען ערלים... איך וויים נישט, וואו דער טאטע איז, וואו די מאמע איז... מע האט אויך פון מיר די קליידער מיינע מיט דעם טלית-קטן מיט דער יארמאלקע אוועק-

געגנבֿעט, און מע האָט מיר „שעטנז" איבערגעלאָזט אויף זייער אָרט".

„און ער, זכרונו לברכה, האָט איהם אַ פֿראַגע געטהון: און אַז די קליידער — וואו האָסט דו גענומען?

„און דער דאָקטאָר האָט געענטפֿערט: גוטע מענשען האָבען איף מיר רחמנות געהאַט און האָבען מיר די מלבושים געגעבען.

„און דאַן האָט ער, זכרונו לברכה, איהם ווידער געפֿרעגט: און וואָס זשע ווייִנסט דו? האָסט דו דאָך כשר'ע מלבושים! זיי האָבען זיי דיר געגעבען במתנה גמורה, נישט אויף צוריק צו נעהמען!

„און דער דאָקטאָר האָט געענטפֿערט: מלבושים האָב איך, וואו זשע זענען אָבער מיין טאַטע און מיין מאַמע? — און נאָך אַ מאָל האָט ער אָנגעהויבען וויינען און יאָמערען.

„און דאַן האָט ער, זכרונו לברכה, איהם געענטפֿערט: ווען איך וואָלט דיר ווייזען דיין פֿאָטער, און ער איז יצא לתרבות רעה, און איז מחלל שבת, און טרינקט יין נסך, און די מוטער — פֿערשייט, געהט מיט אייגענע האָר — וואָס וואָלסט דו טהון דאַמאָלס?

„דאַן האָט ער נאָך מעהר אָנגעהויבען וויינען, און האָט געזאָגט: בעסער זאָל איך קיין פֿאָטער און מוטער נישט האָבען, איידער איך זאָל זיי אין אַזאַ אופן זעהען.

„דאַן האָט ער, זכרונו לברכה, מיט זיין הייליגער האַנד איבער זיין פּנים אַ מאַך געטהון, און באַלד האָט זיך צו איהם דער זכרון אומגעקעהרט און האָט זיך אָן אַלעם, וואָס מיט איהם איז פֿאָרגעקומען דערמאָהנט. איז ער מיט דעם פּנים צו דער ערד געפֿאַלען און האָט אָנגעהויבען שרייען פֿון טיעפֿען האַרצען: אוי, רבי! איך האָב טריפֿות געגעסען! איך האָב יין נסך געטרונקען! ווי פֿיעל שבתים האָב איך מחלל געווען!

„ער האָט זיך דערמאָהנט אין אַלע עבירות, וואָס ער האָט געטהון אינים משך פֿון אַלע יאָהרען, און האָט זיך מתודה געווען אויף זיי, און האָט אַ גאַנצען טאָג געוויינט און געוויינט! און ער, זכרונו לברכה, האָט גאָר נישט געזאָגט. ער איז נאָר געשטאַנען און געשוויגען, און פֿאַר מנחה־צייט, האָט ער, זכרונו לברכה אַ קרעכץ געטהון און האָט איהם דערמאָהנט אָן דעם, אַז שער־

תשובה זענען ניט פערשלאָסען געוואָרען, און אז קיין שום זאך קאָן זיך קעגען תשובה-טהון נישט שטעלען.

„דער דאָקטאָר האָט נאָך אָבער אַלץ געוויינט און געענט-פערט: רבי, די נשמה מיינע איז דאָך איינגעזונקען אין אזא טיעפער בלאָטע פון עונות און פשעים, אַסברא, אז זי קאָן נאָך א „תקנה“ האָבען?

„ איך וועל דיר דיין נשמה רפואת הנפש היילען, האָט ער, זכרונו לברכה איהם מודיע געווען, און, הלואי, וואָלסט דו מיר אַזוי קאָנען היילען רפואת הגוף!

און פון דאַמאָלס איז יענער דאָקטאָר געבליבען ביים רבי'ן, און איז געוואָרען אַבעל תשובה גמור, וואָס צדיקים, וועלכע זענען נישט פונ'ם ריזשינער גזע קאָנען אין זיין מחיצה נישט שטעהען.

„איצט ווייסט איהר שוין, שוטים, פאַר וואָס עס קומען פאָר אַמאָל מלחמות אויף דער וועלט?“ — מיט די ווערטער פלעגט דער אַלטער ירוחם ענדיגען זיין ערצעהלונג און אָנשטעלען זיינע אויגען אויף זיינע צוהערער.

און די צוהערער פלעגען קרעכצען און מודה זיין בשתיקה אויף זיינע רעד, און דער אַברך יהושע-העשיל, דעם גבירים איידעם, פלעגט זיך אַלאַנגע צייט שעמען צו ברענגען די „גאַזעטען“ אין קלויז און פלעגט זיך בכלל אָבהאַלטען פון צו שמועסען וועגען פאָליטיק און נביאות צו זאָגען וועגען מלחמות, ווי זיין שטייגער פלעגט שטענדיג זיין.

מיט וואס?

אליעזר דער שוחט איז שוין אן אלטער מאן, ער שטעהט שוין אין די זעכציגער יאהרען, די הרגשה זיינע איז נאך אבער זעהר שארף, און קיינער פון די חרדים שבחרדים צווייפעלט נישט אין זיין „השחזה"; אדרבה, אלע ווילען קויפען פלייש דוקא פון זיין שחיטה.

נאכט-ביי-נאכט שטעהט ער אויף „בראש אשמורות", גרינג, ווי איין אדלער און דרייסט, ווי א טיגער און שטארקט זיך, ווי א לייב, מאכט ריין די הענד און דעם „חומר זיינעם"... און זעצט זיך צו תיקון-חצות און קלאגט אויף גלות השכינה.

אין יענער נאכט האט ער זיך טועה געווען און איז אויפגעשטאנען איף גאנצע צוויי שעה פריהער, ווי כנהוג; און חאטש ביי זיין זוהן אין צימער, וואס איז אפען אין זיין צימער אריין, געפינט זיך א „וועקער", מיט וועלכען ער וואלט זיך איך געקאנט בענוצען; ער האט אבער נישט ליעב בענוצען זיך מיט די אלע נייע המצאות פונים היינטיגען דור הפלגה — אין „עניני שמים".

און נאך מעהר, ווען ער פאהרט אפילו צום „תם" — צום רבי'ן, און ברויכט העלפט וועג צו פאהרען מיט דער באהן — איז איהם די גאנצע נסיעה על אפו ועל חמתו און כמו שכפאו שד; חאטש ער ווייסט, אז בדיעבד און בשעת הדחק מעג מען נהנה זיין פון מעשי רשעים איף דער וועלט, און דעם איז דאך דער סוד: „רשע יכין וצדיק ילבש", דאך יעדעם מאל, ווען ער פאהרט אט מיט דער ווילדער „מאשינעריע", פיהלט ער עפיס אין הארצען א מין געפיהל פון בושה... א געפיהל פון התבטלות...

און האָט מורא, אַז ער איז עובר אויף התקרבות, חס ושלום, צום „חלק הרע“...

על כל פנים, בעסער איז געווען, ווען ער פֿלעגט פֿאָהרען מיט וואָלף דעם בעל־עגלה, וואָרום דאַמאָלס פֿלעגט ער פֿאָהרען פֿון אין דער פֿריה ביז דאַוונען צײַט. נאָכ׳ן דאַוונען האָבען זיי דאָס האַרץ איבערגעכאַפּט און ווײַטער געפֿאָהרען, און אַזוי האָבען זיי זיך אויך מאָרגען און איבערמאָרגען נוהג געווען. אַפילו אין „איהם“, יחיה, האָט ער דאַמאָלס אַ בעסערען טעם געפֿיהלט און איהם גאָר אַנדערש „משיג“ געווען.

„און אויפ׳ן אָרט פֿון זײַערע זייגערס, וועלכע זענען „מרעיש עולמות“, פֿלעגט שמאי דער מכריז אויפֿשטעהען פֿאַרטאָג, ווען אַחוץ דעם איבערשטען, וואָס נאָר ער איז וואַך און איז מוריד דמעות, כביכול, שלאָפֿען נאָך אַלע און זענען פֿערחלומ׳ט אין הבלי עולם הזה; און דאַן פֿלעגט ער, שמאי אַרומשפּאַנען מיט זײַן שטעקען איבער די פּוסטע גאַסען און פֿלעגט שרײַען מיט אַ קול, וואָס איז געווען פֿול מיט געוויין און התעוררות:

„קומו קומו לעבודת הבורא, כי לכך נוצרת!“

און דאָס קול הילכט און שנײַדט דורך דאָס פֿינסטערניש, עס דרעהט זיך אַרום איבער דעם חלל פֿון גאַס און דרינגט אַרײַן אין די אויערען און אין האַרץ.

און ווי קאָן דער, וואָס האָט נאָר האַרץ און אויערען און הערט דעם גרויסען אויפֿרוף, נישט פֿון שלאָף אויפֿוואַכען און זיך נישט מתגבר זײַן אויף דעם חומר עכור, וואָס אין איהם, און נישט פֿערלאָזען די זינדיגע בעט און נישט אויפֿשטעהן לעבודת הבורא?!

„יעצט אָבער, קרעכצט אליעזר דער שוחט אין געדאַנק, איז דער דור זעהר פֿערשײַט, בעוונותינו הרבים! נײַע קינדער און נײַע מנהגים... וואָס פֿאַר אַ גרויסער אונטערשיעד איז פֿאַרהאַן, למשל, צווישען ה׳ חיים־דוד עליו השלום און צווישען די קינדער זײַנע! אויף איהם פֿלעגט מען זאָגען, אַז אין זײַן אייגענער שטוב האָט ער נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך, און אַז ער פֿלעגט שלאָפֿען גרינג און וועניג, ווי אַ פֿערד — און די קינדער זײַנע? עס טרעפֿט, אַז זיי וואַכען אויף אַ גאַנצע נאַכט, זיי פֿערברענגען אָבער דיָ

נעכט אין די טעאַטערען און צירקען און אין קאָרטען-שפּיעלען, רחמנא ליצלן!"

„צי וואָס טויג מיר אָבער זוכען חטאים ביי אַנדערע? מיין זוהן אַליין דער סורר ומורה!"

ער דרעהט איום דעם קאָפּ צו דער אָפענער טהיר פון זיין זוהנ'ס צימער און קוקט אַריין אַהין...

„דאַכט זיך, אַז ער איז נאָך נישט געקומען!"

ער שטעהט אויף און הויבט אָן אַרומשפּאַנען איבער'ן צימער מיט דער כונה צו געהן צו דער טהיר... און שטעקט געשווינד אַריין זיין קאָפּ אין צימער...

„ניין, ער האָט זיך נאָך נישט צוריקגעקעהרט!" — ענדיגט ער מיט אַ קרעכץ.

„נאַ דיר אַ „בעל-דרשן!" שוין די דריטע נאַכט דרשנ'ט ער וועגען ציון! אָך און וועה איז צו ציון, אַז דאָס זענען די בעלי דרשנים איהרע!"

ער האָט גענומען אַ פולע האַנד אַש, אַראָבגענומען פאַר-זיכטיג די יאַרמאָלקע פון קאָפּ, ער זאָל נישט בלייבען גלוי הראש, אַרויפגעלעגט אַש אויפ'ן אָרט פון די תפלין און שעפּטשעט מיט די ליפּען:

„לשום לאבלי ציון, לתת להם פאר תחת אפר

און קרעכצט מיט גרויס כונה און ציהט אַראָב די שיך, און זעצט זיך אויפ'דער'ערד, נאָהענט צו דער מזוזה.

„אשמנו, בגדנו, גזלנו"...

„איך נשיר את שיר ה' על אדמת נכר... אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני... אם לא אזכרכי!"...

„און אָט די פריהערע און פריהערטע שרייען, אַז זיי זענען עס די, וואָס געדענקען ירושלים כסדר! מיט וואָס? מיט חלול שבת?! מיט די טרפה'נע אסיפות זייערע?!"

„אלהים באו גוים בנחלתך, טמאו את היכל קדשך".

„מזמור לאסף?! קינה לאסף — וואָלט בעדאַרפט זיין" — לויפט איהם דורך דורכ'ן מוח די אַלטע קשיה.

נאָר יעדענפאַלס איז בעסער, אַז גויים זאָלען זיצען אין אונזער נחלה, איידער אָט די „חצופים" זאָלען קומען מטמא זיין

דאָס לאַנד: דערפאַר שטײט טאַקע נישט „קינה לאסף!“ נאָר „מזמור לאסף“!

„און צו װאָס עס דערהרגעט דאָס עזות פון אַט דער חברה! עזות? נײן נאַרישקײט!! קײנער טהוט קײן עבירה, נישט נאָר סײדען עס גײט אין איהם פריהער אַ רוח שטות אַרײן!“

„שוין יובלות מיט יאָהרען! דעם רבונו של עולם'ס גאַנצע צײט טעג בעװײנען מיר די גרויסע שריפה, מיט װעלכער גאָט האָט אונז געשטראָפט, מיר װאַלגערען זיך אין מיסט, מיר זענען מתפלל אויף ציון, אויף בנין ירושלים, אויף החזרת עבודה, אויף גאולת השכינה — און זײ האָבען געגעסען טריפות די גאַנצע צײט, געטרונקען יין־נסך, מחלל־שבת געװען, מיט גויות געטאַנצט, טאָג און נאַכט אין די טעאַטערען און אין קאָרטען פערבראַכט — און יעצט װילען זײ דעם בעסטען ביסען אויסחאַפען! זײ װילען משיח'ן ברענגען אָהן אונז!... עזות־פנים'ער!... שוטים!... עבריינים!“

„זכור ה' מה היה לנו... עבדים משלו בנו... על הר ציון ששמם... שועלים הלכו בו“...

ער פיהלט װי עפּיס װאַקסט איהם... ער פערמאַכט די אויגען און װיל װײנען... די ערשטע טרעהרען געהען שװער... ער װײנט — און פרעהט זיך, װאָס עס האָט זיך איהם אײנגעגעבען צו מקיים זײן די מצוה פון װײנען אויף דעם חורבן... ער פאַלט אַרײן אין עקסטאַז און זאָגט די קינות מיט אַ טרויעריגע בנעימות'קײט, און בעמיהט זיך, װאָס מעהר צו װײנען, און איז מכון אין הארץ, אַז דאָס געװײן איז אויך אויף גלות השכינה, דער עיקר — אויף גלות השכינה.

„כי אם מאוס מאסתנו — קצפת עלינו מאד“... און די טרעהרען רינען — רינען.

„השיבנו“... ער האַלט שוין מעהר נישט אײן די טרעהרען און װײנט שוין בײ דעם פסוק אויך.

„כה אמר ה' קול ברמה נשמע“...

און עס דאַכט זיך איהם, אַז ער הערט דאָס קול... אַ װײך און אַ דרינגענד קול — װאָס דרינגט טיעף אין הארצען אַרײן — רחל בעװײנט איהרע קינדער... אויף דעם װעג קײן אפרת... און דאָס קול שפאַלט הימלען... און אַלע מקטרגים זענען שטום געבליבען און די מלאכים האָבען פון זײער זינגען מפסיק געװען

און געוויינט... די „עולמות העליונים" און די „עולמות התחתונים"... אַלץ וויינט... די מערת המכפלה ציטערט... דער שר של עשו בויגט די הויך זיינע איין.

און דער „עתיק יומין" וואַכט אויף פון זיין שטוהל, וואַרפט איהם אום, כביכול... ערגערט זיך שטאַרק, וואָס דעם בית־המקדש האָט ער חרוב געמאַכט... און דער שר של עשו פאַלט... און צוויי טרעהרען לאָזט דער רבונו של עולם אַרויס פון די אויגען...

ער קאָן זיך נישט איינהאַלטען, ער זאָל נישט וויינען, איבערגעהאַקט, איבערגעריסען קומען ביי איהם די ווערטער פון טויל אַרויס:

„על אלה אני בוכיה, עיני עיני יורדה מי..."
„הקבצו ושמעו בני י... כי בפשעכם שלחה אמ...!"
„אנא הלך דודך? תרקיע עמו לשח...!"
„שכינה, מה אומרת? קלני מרא...!"
„המדבר הייתי לישראל, אם ארץ מאפל...?"
„ידענו ה׳ רשענו".

„אוי לרשעתנו ולעוונותינו!" — ווערט געשריען אויף אונזערע רשעות און אויף אונזערע זינד! — האָט געכליפּעט אליעזר דער שוחט און האָט זיך פערהוסט פאַר גרויס אויפרעגונג.

„אמרו לבת ציון — כה אמר אדוניך, תחת היותך עזובה יכלוך בניך".

ער האָט געוויינט, ווי אַ קאַפּריזנע קינד, וואָס וויל בשום אופן נישט גלויבען אין די הבטחות פון די עלטערען ביז זיי וועלען איהם נישט געבען בעין...

און אליעזר שוחט וויינט, וויינט, אַזוי, אַז ער האָט גאָר נישט געהאָרכט, ווי אין דער מינוט איז זיין זוהן אריינגעגאַנגען.

שמואל, אליעזר דעם שוחט׳ס זוהן איז אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר אַכט און צוואַנציג. ער איז אויפגעצויגען געוואָרען, געוועהנליך, אינם חסידישען גייסט און האָט אין זיך קולט געוועזען אַלע מדות פון חסידות — צווישען זיי אויך די מדה לייכטזיניגקייט, וועלכע געפינט זיך גאָר אין דער פולער מאָס ביי די חסידישע קינדער. יונגערהייד האָט ער געלערענט אויף „רב", און האָט שוין אויך סמיכה פון די גדולי הרבנים געהאַט, האָט ער אָבער אָנגעהויבען

קוקען אין די „ספרים חצונים“ און איז קאליע געווארען, און איז אריין צווישען די „האלבע משכלים“.

די השכלה זיינע, פערשטעהט זיך, האט אוועקגענומען ביי איהם יעדע מעגליכקייט צו געפינען א וועלכע עס איז קהלה, וועלכע זאל איהם פאר א רב צו זיך נעהמען; און דעריבער, ווען עס האט זיך אנגעהויבען די עמיגראציע קיין ארגענטינא, האט ער נאכגעוואלט א קאמפאניע עמיגראנטען, וואס זאל איהם מיטנעהמען מיט זיך פאר א רב און שוחט. דאמאלס איז ער געוועזען א ברענענדיגער ארגענטינעץ און די גאנצע ישועה פאר יודען האט ער געזעהען נאר אין ארגענטינא פאהרען. אין די וכוחים זיינע, וואס ער האט געפיהרט דאמאלס מיט די חסידים, האט ער זיי בעוויזען מיט ראיות ברורות פון זוהר און פון „חזון דניאל“, אז נאר אזוי דארף עס זיין, און אז ארגענטינא איז אט יענע ארץ-ישראל, וואס די חכמים ז"ל זאגען, אז זי וועט זיך מתפשט זיין איבער אלע לענדער, און האט כסדר אין בוזים ארומגעטראגען בריעף פון גרויסע צדיקים, וועלכע זענען כלומרשט מסכים אויף דעם רעיון. נאר מיט דער אייגענער לייכטזיניגקייט, מיט וועלכער ער האט בעקומען התפעלות דאמאלס, ווען ער האט געלייענט די ארטיקלען פון די שרייבער, וואס זענען געוועזען אנהענגער פון ארגענטינא, מיט דער אייגענער לייכטזיניגקייט האט ער יעצט בעקומען התפעלות פון דער ערשטער דרשה, וואס ער האט געהערט פון א ציוניסטישען מטיף, וואס איז געקומען אין שטאדט — און ער איז געווארען א פייערדיגער ציוניסט מיט אלע זיבען און זיבציג תגין.

יעצט איז ער פון בית מדרש געקומען, וואו ער האט געהערט דעם מטיף חוזק מאכען פון די איינגעקשנ'טע חסידים, וואס סטארען זיך ארויסברענגען משיח'ן דוקא מיט זיצען אויף ד'ערד, מיט אש און מיט קינות.

„ושבו בנים לגבולם... און די קינדער וועלען זיך צוריקקעהרען אין זייער לאנד... און עס איז צוגעגרייט שכר פון זייערט וועגען... ווען? בפעולתך! אז דו וועסט אליין אויך עפיס טהון!“ — קלינגען אין זיינע אויערען די רעד פונ'ם מטיף: טהו, ישראליק, זאגט גאט, דאן וועל איך דיר העלפען! אין דיר איז די הילף דיינע! העלף זיך אליין, וועל איך דיר אויך העלפען!“

און ער שטעהט יעצט אויף דער שוועל פון זיין צימער און קוקט ברוגז אויף דעם גרויז־גרויען פּאָטער, וואָס זיצט אויף דער ערד און וויינט.

ווען וועט שוין קומען אַ סוף צו אָט דעם עקשנות?! — טראַכט שמואל ביי זיך אין האַרצען. ער האָט אָבער נישט קיין דרייסט־קייט אַרויסצוזאָגען עס מיט'ן מויל, צוזעהענדיג די טרעהרען, וואָס רינען אויף די צעקנייטשטע באַקען פון'ם אַלטען פּאָטער: — מיט וואָס ווילט איהר עס, עקשנים, מנצח זיין דעם שונא? מיט טרעהרען? מיט אַש? מיט זיצען אויף דער ערד?

„מיט וואָס? מיט וואָס? — מורמעלט דער פּאָטער גלייך, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין רעדען: — מיט אכילת טריפות? מיט חלול שבת? מיט הולטייאישע דרשות? מיט עמי־האַרצישע אַסיפות?“

און די צוויי אונצופריעדענע פון צוויי באַזונדערע און וויי־טע וועלטען האָבען זיך אָבגעשיעד איינער פון צווייטען: דער איז אויפגעשטאַנען צו געהן אין קלויז אַריין און יענער האָט זיך אָנ־געהויבען אויסטהון צו לעגען זיך שלאָפען.

דער האָט געפרעגט און דער האָט געפרעגט:

מיט וואָס? מיט וואָס? מיט זיצען אויף דער ערד?

מיט וואָס? מיט וואָס? מיט פוסטע און עמי־האַרצישע אַסיפות?

זי מוז שווייגען,

זי נעהמט זיך כלל נישט איבער דער מיט, וואס זי איז די איינציגע קענערקע און מלומדת צווישען אלע איהרע שכנות, און יעדען שבת „קלייבען זיי זיך צונויף צו איהר הערען פון איהר א „יודיש ווארט"; אדרבה, עס טרעפט, אז זי איז זיי מקנא, וואס זיי זענען ניט געלערענט און ווייסען פון גארנישט...

„וואס מעהר עס ווייסט דאס הארץ, אלץ גרעסער איז זיין שמערץ" — דאס האט שלמה המלך געשריבען נאר פון איהרעט וועגען.

און זי שעמט זיך כלל נישט, ווען אליקום ליץ — איינער פון איהר מאנ'ס אנשי שלומו, וועלכער בעזוכט שטענדיג איהר שטוב — וויצעלט זיך איבער איהר און רופט איהר: „חצי-זכר"! אדרבה, זי מאכט דאמאלס א פרעהליך פנים — און דאס איז אפשר דער איינציגער פאל, וואס זי ווייזט א מאנסביל א פרעהליך פנים — און טראכט זיך בשעת מעשה: „גוט חאטש, וואס ער איז א מודה במקצת!"

און זי איז זיך אויך כלל נישט מצער, וואס דער מאן איהרער איז א גאנ'אמת'ער הדיוט קעגען איהר, און מעהר פון הדיוט'ישע חסידות פערמאגט ער אין זיך גאר נישט. אדרבה, עס איז איהר שווער אפילו פארצושטעלען זיך, אז זי זאל זיך קאנען געפינען אונטער איין דאך מיט א מאנסביל, וואס איז מעהר בר-מעלה און וויסענד פאר איהר.

פון שלמה המלך האלט זי גאר א „עולם ומלואה", און עס דאכט זיך איהר, אז זי נעהמט דורך די גאנצע טיעפקייט פונ'ם ענין; זי קאן איהם אבער בשום אופן נישט מוחל זיין דעם פסוק „ואשה בכל אלה לא מצאתי", און זאגט ביי זיך אין געדאנק ארויס

איהר השערת, אז דעם פסוק האט ער געמוזט זאגען נאכדעם. ווען ער האט גענומען „בת פרעה“.

זי איז זעהר א רעליגיעזע, און האט ליעב שטארק די חכמי ישראל, נאר א ביסעל פערדרוס האט זי אויף זיי אין הארץ דער־פאר, וואס זיי האבען געזאגט: „אשה – מעשה ידיה לבעלה“, א אשה, וואס זי פערדיענט, געהער צום מאן.

אליץ, וואס זי קאן אליין טהון פאר זיך – טהוט זי: זי מאכט קידוש פרייטאג צו־נאכטס, וואשט זיך צום עסען, דאווענט דריי מאל א טאג – ווי אנ׳אמת׳ער מאנסביל.

נאר דאך, ווען עס קומט די נעכט פון פסח, גרייט זי צו אליץ, אפילו די קערה איז זי מסדר – און אברילטען דעם סדר – ריכט „ער“ אב.

יעדען שבת נאכ׳ן עסען פערהערט זי די קינדער דאס, וואס זיי האבען געלערענט א גאנצע וואך; די „פיער קשיות“ אבער, פרעגען זיי דעם פאטער!

פיעל פערגעניגען פיהלט זי, ווען ער פרעגט א מאל בנוגע צום חשבון פון „ז׳ שלמים“, צי ער האט נאך צייט צו מקדש זיין די לבנה, ווארום ער איז נישט קיין גרויסער בקי אין די ענינים; אויך גרויסען צער פיהלט זי אבער, ווען נאך דעם ריכטיגען חשבון, מרעט זי איהם אב די מצוה, און ער געהט טאנצען אנטקעגען דער לבנה, און קעהרט זיך אום א היים און ווינשט איהר א „גוטען חודש“ – און די איינציגע ארבייט איהרע איז נאר צו ענטפערען „אמן“.

עס מאכט זיך א מאל ערב שבת, ווען זי איז פערנומען מיט קאכען און באקען, דערמאהנט זי זיך פלוצלונג אן דער נישטיגער צאהל מצוות, וואס זענען פאר דער פרוי אבגעגרענעצט געווארען אין פון וואס פאר א ארט זיי זענען, דאן ווערט זי שטארק אין כעס, און פון כעס לעגט זי זיך אין בעט אריין און מאכט זיך שלאף, און הייסט איהם, ער זאל הייגט חלה נעהמען אויף איהר ארט; און זי קוקט אויף איהם פון דערווייטענס, ווי ער פארעט זיך דארט מיט דעם טייג און לאכט – שטילערהייד.

בכלל געוועלטיגט זי איבער איהם, און מאכט איהם שטענדיג א ברוגז פנים, האטש זי קאן איהם, אז ער איז א כשר׳ער יוד, זעהר א גוטהערציגער, און נאך מעהר – א גוטער מאן, וואס האט

ליעב און האַלט בכבוד זיין ווייב, ווי אַנ'אמת'ער תלמיד חכם, און שלעפּט זיך איהר נאָך אין אַלסדינג, ווי אַנ'אמת'ער עם הארץ; און עס טרעפט, אַז זי ווערט מלא רחמים אויף איהם, אַז זי דער־מאַהנט זיך, וואָס פאַר אַ יסורים און צער ער ליידט פון איהר אויס. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אַז עס זאָל עפּעס אַ וואַרעם, ווייך וואָרט אַרויס פון איהר מויל. ער האָט נאָך קיינ־מאָל אין איהרע אויגען ניט בעמערקט אַפילו קיין איין קוק, פון יענע קוקען, וואָס פיהרען זיך צווישען מאַן און ווייב — אין די עת־רצון מאָמענטען. ער איז ביי איהר תמיד אין דער מדרגה פון אַ „פערזינדיגטען". אויב זי האָט נישט קיין שום זאַך, אַ דאַנק וועלכען זי זאָל קאָנען שרייען אויף איהם, שווייגט זי שוין גאָר איינגאַנצען און פערגעסט לחלוטין אָן איהם, גלייך ווי ער וואָלט גאָר אין שטוב נישט זיין! שווער און ביטער מוז זיין דאָס לעבען זיינס — אַזוי טראַכט זי ביי זיך אין יענע מאָמענטען.

נאָר באַלד איז זי זיך מתנצל פאַר זיך אַליין, אַז אַנדערש קאָן זי „בכלל" מיט קיין מאַנסבילען נישט רעדען! אַפילו מיט די זיהן איהרע בעגעהט זי זיך ערגער, ווי מיט איהרע טעכטער. פאַר די טעכטער איז זי אַ גוטע מוטער, פערשווייגט זיי שטענדיג און איז זיי מוחל אַלעס; מיט די זיהן אָבער איז זי מדקדק כחוט השערה, און שרייט אויף די טעכטער, ווען זיי בעדינען אַ מאָל זייערע ברידער און דערלאַנגען זיי, וואָס זיי בעדאַרפען.

„גענוג פאַר אייך צו זיין פּריצים", זאָגט זי דאַמאָלס צו די זיהן, „אַז איהר וועט גרעסער ווערען, וועט איהר זיך נעהמען ווייבער, זיי זאָלען דינסטען ביי אייך זיין".

אין צדקה, און הכנסת אורחים־זאַכען איז זי אַ ביסעל איינ־געהאַלטען, האָטש אין אמת'ען איז זי גאָר נישט אַזאַ שלעכטע; זי האָט זיך אָבער איהר טעם דערביי, וואָס צייטענווייז זאָגט זי איהם אויך פאַר די שכנות איהרע אַרויס: איך בעדאַרף נישט און וויל נישט פערגרעסערען דעם שכר „ווייערען" אין גן־עדן! גענוג פאַר זיי דאָס, וואָס זיי האָבען!

מיט גרויס מיה ערלויבט זי איהם אַ מאָל פערבעטען די אנשי שלומו זיינע אויף „שלש סעודות", אָדער אויף „מלוה מלכה"; און דאַן איז זי זיך נוהג צוגרייטען בראָנפען גאָר אין דער פולער מאָס, און האָט גרויס פערגעניגען צו קוקען, ווי זיי ווערען מגושם

און פראָסט אָנ'שכור'ענדיג זיך.

קיינמאָל האָט זיך איהם אָבער נישט איינגעגעבען, אַז זי זאָל איהם ערלויבען פערבעטען זיי אויף „חנוכה“, האָטש איינער פון די חנוכה-טעג האָט באמת געקאָנט הייסען זיינער: זיין טאַטענס יאָהרצייט קומט-אוים „זאת חנוכה“.

בכלל איז זי עפּעס אַ גאַנץ חנוכה תמיד ברוגז, אפילו די שכנות איהרע, וואָס קומען רעדען מיט איהר וועגען שבח פונ'ם יום-טוב — קאָן זי נישט סובל זיין!

זי ענטפערט זיי אויף אַלע זייערע פראַגען מיט אָבגעהאַקטע ווערטער און מיט כעס:

— אודאי זענען דאָרט געווען נסים, מע ווייסט אָבער נאָך נישט אין וועמענס זכות! אין די מענערס זכות — אודאי נישט!

— אודאי אין די ווייבערס זכות, שטימט איין מיט איהר מיינונג איינע פון איהרע מיטשפּרעכענדע: אָט איז דאָך יהודית...

און דאָ פּלאַצט שוין איהר געדולד:

— יהודית, יהודית, אָן וועמען דער נאַר האָט זיך עס אָנגעטשעפּעט!

די שכנות הערען אין קרעכצען דרך ארצ'דיג, גלייך, ווי זיי זענען מצדיק אויף זיך עפּעס אַ דין קשה; נאָר זי קאָן שוין נישט ענטשווייגען ווערען, ווי בעלד זי האָט נאָר דאָס מויל געעפענט: און נאָך מעהר, זיי לויבען און הויבען זי און בערימען זיך מיט איהר און ווילען נאָך סעודות פון איהר כבוד וועגען! גלייך, ווי אַלעס איז כשר וישר! אַלעס איז כדאי — אַבי זיי זאָל נאָר אַ נוץ פון דעם אַרויסקומען!

און דבורה? און מרים? און חולדה? איז דען אויף אַזאַ דרך האָבען זיי די יודען געהאָלפען? — און אָט די שאלה ברענגט איהר ווידער צו אַנדערע שאלות:

„היתכן, אַז אָט די אַלע גרויסע פרויען האָבען אין זייער גאַנצען לעבען נישט אָנגעשריבען דברי חכמה און מוסר, פונקט, ווי שלמה המלך, למשל!?“.

און זי איז נוטה צו גלויבען דאַמאָלס, אַז אַ גרויסער חלק פון דער חכמה, וואָס די פריהערדיגע דורות האָבען איבערגעלאָזט פאַר די שפּעטערדיגע — דער חלק פון די נשים חכמניות — פעהלט יעצט, וואָרום מען האָט איהם אַרויסגעוואָרפען.

און זי וואָלט זעהר וועלען אַרויסזאָגען, אַז די ספקות איהרע פאַר איהרע שכנות, פאַר אַז די נאַרישע ווייבער — נאָר זי ווייסט אָבער, אַז דאָס איז אַ חטא נורא, אַ מין חטא פון „מסית ומדיח“, און בית דין פלעגט הרג׳נען פאַר אַזאַ חטא, ווען די יודען האָבען און זייער לאַנד געוואָהנט. זי האָט מורא פאַר׳ן גיהנום. אַפילו דעם גיהנום און גן עדן האָבען זיי פאַר זיך אויסגעכאַפּט און פון איהם אַ רשות היחיד פאַר זיך געמאַכט!

ווי גרוים דער כעס זאָל אין איהר נישט זיין — מוז זי שווייגען.

יהודה שטיינבערג.

אין יענע צייטען.

(זכרונות פון א קאנטאניסט)

איבערזעצט דורך

ב. ק—י.

I

ווען ס'איז געקומען די צייט פאַר שמואל שמש, אָוועקצושיקען זיין זוהן אויפ „סלוזשבע“, איז ער אַליין אַרויס אין גאַס, האָט געקויפט עטליכע „העמדלעך“, אַ רייזע-זאַק און נאָך פערשיידענע קלייניגקייטען, וועלכע זענען נויטיג פאַר אַ סאָלדאַט, און האָט נישט פערגעסען דערביי אויך דעם עיקר: ער האָט זיך אַ האַפ געטהון און געקויפט אַ „מאָנאָפאָלקע“. קומענדיג צוריק אין שטוב, האָט ער, אין דער געגענוואַרט פון די שכנים, צווישען וועלכע איך האָב אויך געהאַט די זכיה מיך צו געפינען, געטרונקען „לחיים“ און אָנגעגאָסען אַ צווייט גלעזיל פאַר זיין ווייב רבקה.

— טרינק, מחותנת'טע! — האָט ער זיך לוסטיג געמאַכט און געזאָגט.

אין אַנ'אַנדער צייט וואָלט איהם רבקה די דאָזיגע בעליידיגונג נישט מוחל געווען. און איצט אויך האָט זי פערקרימט אויפ איהם די נאָז, ווי זי וואָלט איהם וועלן פרעגען: „אַ סך מאָל האָסטו מיך שוין געזעהן טרינקענדיג?“ נאָר דאָס מאָל, ביים געזעגנען זיך מיט'ן זוהן, איז זי נישט אויפגעלעגט געווען, זיך צו קריגען, און שווייגענדיג האָט זי זיך אָבגעזאָגט פון טרינקען.

— אידענע! — האָט שמואל אויפ איהר אַ געשריי געטאָן. — מ'זאָגט דאָך דיר: טרינק!

רבקה אָבער האָט זיך גאַנץ ווייניג דערשראָקען פאַר זיינע געשרייען: אין דער אמת'ן איז ער דאָך אַ גוטער „מאַן“; און דאָס, וואָס ער טוט אַמאָל אַ געשריי, איז נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַזוי איינגעוועהנט פון די צייטען, ווען ער האָט „געדיענט“: צו שרייען אויפ קלענערע פון זיך און צו האַפען אַ „פאָרציע“ פון גרעסערע שרייער'ס פון איהם.

— אַזוי זענען זיי שוין, אַט די אַלע שרייער'ס: — ערקלערט

אָפּט רבקה אירע שכנות, — זי לאָזען אוים זייער גאַנצען כּעס אין די געשרייען, און דערנאָך — האַטש נעהם און רייס אויף זיי!

און דעם בּראָנפען האָט זי נאָך אַליין נישט געוואָלט טרינקען. דאַן האָט שמואל ווייכער געמאַכט זיין שטימע און זיך געווענדעט צו איהר:

— וואָס דאגה'סטו אַזוי? אידענע! ער געהט דאָך נישט, חס ושלום, צום שמד!

ווי רבקה האָט געהערט דעם וואָרט „שמד", האָט זי אָנגעהויבּען וויינען. נישט ווילענדיג האָט ער דאָ אָנגערירט איינעם פון אירע וואונדען: מ'מורמעלט אין שטאָדט, אַז אין איהר משפּחה איז פאַראַן אַ „פּגימה".

— אַז דו ווייִנסט, — האָט שמואל אויסגעלאָזען זיין גאַנצען כּעס — בּיזטו דאָך פּשוט אַ נאַר! לאַנגע האָר און קורצען שכל. ווייִנט, קניכעט, און פרעג: וואָס?

ער האָט זיך געווענדעט צו אונז און אָנגעהויבען פאַרלעגען זיינע טענות:

— קוקט נאָר אָן דער „קלאָגמוטער"! פינף מאָל אין איהר לעבּען האָט זי מיר פערשריִען די וועלט מיט איהר „טראָגען" און „האָבּען"; און בּיי יעדעם מאָל האָט זי געבּוירען אַ פוסטען פענכער: אַ מיידעל. פון זעקסטען מאָל אָן האָט זי זוכה געווען און אָנגעהויבען „האָבּען" זיהן, ווי ס'דאַרף צו זיין. דריי זיהן האָט זי מיר געבּוירען צו די עלטערע יאָהרען. איצט דאַרף זי מאַכען „שהחיינו", וואָס זי האָט זוכה געווען אויפצוהאָדעווען אַ זוהן אַ סאָלדאַט — ווייִנט זי גאָר! דערוויילע, דאַכט זיך, געהט דיין זוהן אַליין דיענען, און איך אין מיינע צייטען — האַ-האַ! מיך האָט מען געהאַפּט, ווען איך בּין נאָך פון דער ערד נישט אויסגעוואַקסען!

דער אַלטער האָט געענדיגט זיין רעכנונג מיט דער „מאַנאָפּאָל-קע" און גאַכדעם, ווי ער האָט זיך געזעגענט מיט דעם וויינענדיגען ווייב און מיט זיינע גוטע שכנים, איז ער אַרויף מיט זיין זוהן אויפ'ן וואָגען, וואָס איז געשטאַנען גרייט פאַר'ן טהיר, זיי אַוועק-צופיהרען אין דער שטאָדט ה., וואו עס איז געזעסען די מיליטערישע קאָמיסיע.

מיר איז אַ בּעזונדער זכות בּייגעשטאַנען, וואָס איך בּין אויך

געמאהרען מיט דעם זעלבען פוהר און אין דער זעלביגער שטאדט, און האב געהאט דעם פערגניגען אויסצוהערען פון אנהויב ביז'ן סוף די ביאגראפיע פון דעם אלטען שמואל שמש.

די צייט איז געווען א רעגענדיגע; דער וועג איז געווען בלאטיג און די פערד האבען זיך קוים געשלעפט; דער בעל-עגלה האט זיך אלע מאל „צוגעשטעלט" און ביי יעדען שטיקעל בערגעל אונז מרמז געווען, מיר זאלען זיך מטריח זיין אראבקריכען פון וואגען און נאכגעהן פון הינטען צו-פוס. די נאסקייט האט אנגעהויבען אריינדרינגען אין לייב, און א שוידער האט דורכגעטרייסעלט דעם קערפער. דאס ביסעל ווארעמקייט, וואס מיר האבען מיטגענומען מיט זיך פון שטוב, איז אויסגעצויגען געווארען און צוזאמען מיט איהר איז פערשוואונדען געווארען אויך די לעבעדיגקייט פון דעם פרעהליכען אלטען, וועלכער האט אנגעהויבען אנקוקען דעם זוהן, וואס איז געזעסען איהם אנטקעגען, אנקוקען אפט, פון אונטען ארויף. „דער מאן דער חכם", וואס אין שטוב האט ער געוואלט קלוג מאכען אויך זיין ווייב און העלפען איהר בענשען „שהחיינו" אויף דעם, וואס זי האט זוכה געווען צו געבען א זוהן פאר א סאלדאט — האט נישט אויסגעהאלטען דעם נסיון: איהם האט שוין ארומגענומען א שטארקע בענקעניש, און שווער איז איהם געווען צו טראכטען וועגען מארגענדיגען טאג, ווען ער וועט דארפען זיך שיידען מיט זיין זוהן. ער איז געזעסען איינגעבויגען און האט געשוויגען. ס'האט אויסגעזעהן, אז ער האט מפקיר געווען זיין קאפ און זיין הארץ און זיי איבערגעגעבען אינגאנצען אינ'ם רשות פון דער מאסע געדאנקען און מחשבות, וואס האבען זיך דארט איבער געוואלט אריינגעריסען.

איך האב זיך אוועקגעזעצט איהם אנטקעגען, אום צו קענען שמועסען מיט איהם.

— איהר געדענקט נאך אלץ, וואס ס'איז פארגעקומען מיט אייך פון דאמאלס אן? — וויל איך איהם אריינציהען אין א שמועס.

ער האט זיך, ווי ס'האט אויסגעזעהן, דערפרעהט מיט מיין שאלה. אין יענער שווערער מינוט האט דער אלטער געדארפט האבען אימיצען, פאר וועמען אויסצוגיסען זיין הארץ; ער האט געדארפט צוריק איבערגעהן אין געדאנק די אלע עטאפען, וואס ער האט דורכגעמאכט אין זיין לעבען, און צוקומען ביז דעם פעריאד,

צו וועלכען ער פיהרט איצט זיין זוהן.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע זיין קליינע לולקע, וואָס איז איהם געווען בעזונדער טייער: ער האָט זי אַ מתנה געקריגען פון זיין אָפיציער און זי דיענט איהם, ווי ער דערצעהלט, פון דאַמאָלס אָן ביז היינט. ער האָט אָנגעשטאָפּט אין איהר טאַבאַק, אָנגעצונדען אויף איהר אַ שוועבעלע און איז איינגעהילט געוואָרען אין רויך.

II

דו פרעגסט מיך, צי איך געדענק נאָך אַלץ? — האָט ער אָנגעהויבען רעדען צו מיר פון רויך אַרויס — ביי מיר איז דאָס אַלץ נאָך אַזוי קלאָר, ריכטיג ווי ווען דאָס וואָלט נעכטין פאָרגעקומען. איך ווייס נישט גענוי, וויפיעל איך בין דאַמאָלס אַלט געווען. איך געדענק נאָר דאָס, אַז שלמה, מיין עלטערער ברודער, איז אין יענער צייט בר־מצוה געוואָרען. צווישען מיר און שלמה׳ן איז געווען ביי אונז נאָך אַ ברודער, — דודיל האָט ער געהייסען — וועלכער האָט זיך מקדים געווען און איז געשטאָרבען. בין איך, הייסט עס, דאַמאָלס אַלט געווען אַ יאָהר עלף. האָבען די מאַמע׳ס אָנגעהויבען צו זאָרגען און געזאָגט: אַ „חאַפּער" דאַרף אָנקומען אין שטאָדט; און אַנדערע האָבען געזאָגט: ער איז שוין געקומען. אין חדר האָבען יונגלעך דערצעהלט, אַז דער „חאַפּער" איז אַזאַ מין בעשעפעניש, וואָס חאַפּט קינדער, מאַכט זיי פאַר סאָלדאַטען און גיט זיי אַוועק דעם קיסר אָנשטאָט די גרויסע יודען, וועלכע ווילען נישט און קאָנען נישט זיין קיין סאָלדאַטען. און פערשיעדען זענען געווען די יונגלעך אין זייערע מיינונגען: איינער האָט געזאָגט, אַז דער „חאַפּער" איז אַ שד, פון יענע, וועלכע זענען בעשאַפען געוואָרען פרייטאָג פאַר נאַכט; אַנ׳אַנדערער, — אַז ער איז פשוט אַ גוי און נאָך איינער — אַז ער איז אַ משומד; און נאָך זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען גאָר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ יוד אַ רשע, און נישט נאָר אַ יוד אַליין נאָר אפילו אויך אַ בן־תורה, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ ברייטען גאַרטיל און אַ גרויסען „טלית־קטן" אויף זיך, און דעריבער האָט איבער איהם די קללה פון די צדיקים קיין שליטה נישט. און דערצעהלט האָבען זיי, אַז ער טיילט יודישע קינדער ניס און צוקערקעס, און ווי

נאר דו נעהמסט עפּעס פון איהם, קאנסטו דיך שוין נישט ריהרען פון ארט אזוי לאנג, ביז ער לעגט נישט ארויף אויף דיר די האנד און „האפּט" דיך נישט.

פון א שמועס צווישען דעם טאטען מיט דער מאמע'ן, וואס איך האב איינמאל אונטערגעהאפּט, בין איך געוואהר געווארען, אז איך דארף מיך נישט אזוי שטארק שרעקען פאר'ן „האפּער". דאס איז געווען דעם שבת־צונאכטס, וואס איז אויסגעפאלען אין די „שלשים" נאך דעם טוידט פון דוד'לען, דעם ברודער, וואס איז עלטער געווען פון מיר מיט א יאהר. די מאמע האט גארנישט געקאנט צו זיך קומען פאר צער: דאס איז געווען איהר „שענער עפּעלע". דריי ברידער האב איך געהאט. דער בכור — שמחה, עליו־השלום — איז שוין געווען דאמאלס א „בעווייבטער", א יונגער שוחט אין שטאדט מיט „סמיכות" אויף רבנות. גרעסער פון איהם אין לערנען איז געווען שלמה, עליו השלום, האטש ער איז נאך א יונגעל געווען. אט דער דוד'ל אבער, ווען ער וואלט נישט שטארבען, וואלט זיי ביידען איבערגעגאנגען. אזוי איז שוין דער שטייגער פונ'ם מלאך המות: ער קלייבט זיך אויס דאס בעסטע.

איך בין געווען... וואס זאל איך דא לייקענען? — א פּראסטע כלי! מיין נשמה איז נישט געווען אזוי שטארק מסוגל צו'ם לעהרנען; און די מאמע האט געהאט פּרעטענזיעס צו גאט און פלעגט שטענדיג וויינען. זיי זענען אלע גרויסע בריה'ס אין וויינען. איך האב שוין איינגעזעהן: די פיש זענען בעשאפען געווארען פון בלאטע, און די ווייבער — פון טרערען; דער טאטע פלעגט שרייען אויף איהר, זי פלעגט איהם אבער נישט הערען. מיט איהר דוד'לען האט זי הימלען איינגעריסען: „ווער האט עס געגעבען דעם מלאך המות א שליטה איבער איהם?"

און אין יענעם שבת־צו־נאכטס, נאכדעם ווי דער טאטע האט איינגעטונקט דעם פייער פון דער הבדלה־ליכט אין די שירים פונ'ם כוס, האט ער זיך געווענדעט צו דער מאמע'ן און געזאגט:

— זעהסטו שוין: א מענש, א ילוד אשה, בלייבט דעם גאנצען לעבען א נאר! זינדיגט פאר גאט־ברוך־הוא און ווייס נישט צו דאנקען איהם פאר דאס שלעכטס, וואס האט אין זיך אין דער אמת'ן א טייל פון זיין גוטסקייט; געבענשט איז זיין ליעבער נאמען!

האָט די מאַמע נישט פֿערשטאַנען, וואָס ער רעדט און האָט אויסגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר פֿערוואונדערטע אויגען.

— דער „האַפּער" איז געקומען אין שטאָדט — האָט דער טאַטע מודיע געווען.

דער „האַפּער"?! — האָט זיך די מאַמע אַ צאַפּעל געטהון.

— ער האַפּט אָבער נאָר פֿון די „פֿיערטערלעך" אָן.

„פֿיערטערלעך", „פֿינפֿטעלעך" און אַזוי ווייטער פֿלעגט מען רופֿען די פֿאַמיליעס, וואָס האָבען געהאַט צו פֿיער זיהן, צו פֿינף, און אַזוי כסדר.

— אונזער שטוב איז איצט אַ „דריטעל"! די הערסט, יודענע? אונז זענען איבערגעבליבען דריי זיהן! מיר זענען שוין פּטור פֿון געבען אַ סאָלדאַט. איצט זעהסטו שוין, יודענע, די חסדים פֿון גאָט־ברוך־הוא? די האָסט נאָך טענות צו איהם?!

אַזוי איז אין דער אמת'ן געווען דער מנהג דאַמאָלס: יעדער יודישע קהלה האָט געדאַרפֿט געבען דער מלוכה אַ בעשטימטע צאָהל סאָלדאַטען. די דאָזיגע צאָהל פֿלעגט צוזאַמענגענומען ווערען פֿון די משפּחות, וועלכע פֿלעגען צוזאַמענגעהמען דעם טייל סאָלדאַטען פֿון זייערע געזינדלעך; נאָר נישט יעדעס געזינדעל איז מחויב געווען צו געבען אַ סאָלדאַט. די געזינדלעך, וואָס האָבען געהאַט אַ סך זיהן, די „פֿינפֿטעלעך" למשל, האָבען געפּטר'ט די „פֿיערטלעך", די „פֿיערטלעך" האָבען געפּטר'ט די דריטלעך און אַזוי ווייטער.

די מאַמע האָט געקוקט אויף אונז, ווי אַ נשר'ה, וואָס קוקט אויף די אָבגעראַטעוועטע באַלקענס, און שטילע טרערען האָבען זיך געגאָסען פֿון איהרע אויגען. דאָס זענען אָבער געווען די לעצטע טרערען אויף דוד'ל'ס קבר. דער טאַטע האָט זיך נישט געבייזערט אויף איהר פֿאַר די דאָזיגע טרערען. מיר האָבען אַלע געפֿיהלט, אַז דוד'ל איז געווען אַ צדיק תמים: ער איז געשטאָרבען, אום אויסצולעזען זיינע ברידער פֿון דעם האַפּער'ס הענד. מיר האָט זיך דאַמאָלס געדאַכט, אַז דוד'לס נשמה שוועבט אַרום אין צימער, הערט אַלץ, ווייס, אַז מיר פֿרעהען זיך מיט זיין טוידט — און איך האָב זיך געשעמט.

אויף צומאָרגען'ס בין איך געגאַנגען אין חדר מיט אַ געפֿיהל פֿון גרויסקייט. איך האָב זיך בערימט פֿאַר מיינע חברים, אַז

איך בין א „דריטעל". די „פירטעלעך" האבען מיר מקנא געווען; די פינפטלעך האבען מקנא געווען די „פירטעלעך" און מיר אלע האבען מקנא געווען די צווייטלעך און די איינציגע. קליינע יונגלעך, קינדער, וואס זענען נאך פון דר'ערד נישט אויפגעוואקסען, האבען שוין געוואוסט דערפון, אז ברידער פון איין טאטען קאנען זיין א אונגליק און א פלאג איינער פאר'ן אנדערן.

דאס איז געווען אין אנהויב זומער. די מלמדים האבען אויף אונז גוזר געווען, אז מיר זאלען זיצען פערשפארט אין חדר און זיך נישט ארומדרעהען צופיעל אין גאס ביי אזא געפעהרליכער צייט. דאס איז אבער געווען א גזרה, וואס אזעלכע קינדער ווי מיר, האבען נישט געקאנט ביישטעהן געגען איהר אין אזעלכע שענע זומער-טעג.

דערווייל איז אנגעקומען אין שטאדט דער „האפער" און האט געווארפען א נ'אויג אויף אברהמ'יל הורוויץ — דעם יונגען איידימעל פונ'ם גביר ר' יאסיל, עליו השלום. דאס איז געווען א זיידענער יונגער מאן, א בריליאנט, וואס איז אנטלאפען פון פוילען און איז געקומען צו אונז אין שטעדטיל, וואו ער איז געזעסען און געלערענט תורה אין קלויז. א סך געלד האט דער גביר ר' יאסיל, עליו השלום, אויסגעגעבען ביז ער האט זוכה געווען איהם צו קריגען פאר א נ'איידים.

איז געקומען דער „האפער" פון יענעם שטעדטיל אין פוילען צו נעהמען אברהמ'לען אויף דעם רעכנונג פון דער דארטיגער פא-מיליע הורוויץ. ווי אבער ער האט געפרובט אויף איהם א האנד ארויפלעגען, האט זיך די גאנצע שטאדט א הויב געטהון. דער רב אליין האט געשיקט רופען דעם „האפער" און האט איהם צו-געזאגט, צו געבען איהם „מיט גוטען" א נ'אנדער סאלדאט אויף אברהמ'ילס ארט. האט מען אנגעהויבען זוכען א געזינדעל מיט דעם פאמיליען-נאמען הורוויץ, און מ'האט געפונען דעם טאטען. ביז דאמאלס האב איך גארנישט געוואוסט, אז דער טאטע האט א פאמיל-יען-נאמען. די זאך איז דערווייל געבליבען ביי זיי א בעהאלטענע סוד. געגען דעם איינפאל פון א מאמען איז אבער קיין שום סוד נישט פערהאן. זי האט דערשמעקט די מעשה, און נעהמענדיג מיך — איך וויים נישט, פארוואס עפעס גראד מיך — איז זי אריינגעפא-לען צום רב אין שטוב און האט איהם מכבד געווען מיט א פייער-דיגער דרשה:

— אַזוי איז דאָס דער יושר, רבי? צוליעב דעם האָב איך דאָס מיין קינד געבוירען און אויסגעהאָדעוועט, אום עס זאָל איצט זיין אַ כפרה פאַר וועלכען ס'איז אַברהמ'לען?

האָט דער רב געזיפצט, געקוקט אויף דר'ערד און איהר ערקלערט, אַז אַט דער אַברהמ'יל איז נישט קיין אַבי־ווער, אַז ער איז אַ תכשיט, אַ למדן מופלג, אַ ירא־שמים, אַ צוקינפטיגער גדול־בישראל; אַז עס איז נישט קיין יושר מפקיר צו זיין אַזאַ תכשיט, אין דער צייט, ווען אַן אַנדערער קען פערטרעטען זיין פלאַץ; און דערצו האָט ער נאָך צוגעגעבען נאָך אַ טענה: אַברהמ'יל איז שוין אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע פון אַ קינד אין וויעג.
„היינט וואו איז דער יושר?" — פרעגט ער איהר. זי האָט אָבער געטענה'ט, אַז מ'ווייס נאָך נישט, צי איהרע קינדער וועלען נישט זיין קיין תכשיטים, ווען זיי וועלען אויסוואַקסען; און נאָך האָט זי געטענה'ט, אַז זי שניידט אויך אָב חלה, צינדט אויך אָן ליכט שבת און איז אויך אַזוי אָפגעהיט אין אַלע מצוות, ווי אַברהמ'ילס מאַמע, און נאָך טענות, און נאָך אַ געוויין אָהן טענות, אַזוי לאַנג — ביז דער רב איז ווייכער געוואָרען. ער האָט נישט געקאָנט ביי־שטעהן געגען אַ יודענע.

זי האָט גענומען מיך מיט מיין ברודער שלמה'ן, האָט אונז בעהאַלטען אויפ'ן בוידעם, און אָנגעזאָגט, מיר זאָלען נישט וואַגען אַראָבצוגעהן אין דרויסען.

דער אַלטער האָט איבערגעריסען זיין ערצעהלונג מיט אַ לייכטען זיפץ; דערנאָך האָט ער צוגעגעבען און געזאָגט:

— אַ סך בין איך אַליין שולדיג געווען: איך בין געווען ווילד און האָב נישט געפאָלגט דער מאַמען. אין דעם געסיל, וואו מיר האָבען געוואוינט, אין אונזער שכונה, האָט געוואוינט אַ יוד אַ שענקער — בענדעט האָט מען איהם גערופען. ביי איהם אין קעלער האָבען זיך גוטע וויינען געפונען, און דעריבער פלעגען צו איהם קומען „שררות" און „פריצים". ער איז געווען אַ שטיקעל חשוב ביי זיי, און גענוג איז דיר דאָס, אַז האָטש ער האָט געוואוינט אין אַ הינטער־געסיל, פלעגען זיך די דאָזיגע בעלי־גאוות נישט שעמען אַריינצוקומען צו איהם.

און דער בענדעט האָט אַ בת־יחידה געהאַט; מ'זאָגט אויף איהר, אַז זי איז געווען אַ גרויסע יפת־תואר און אַ געלערנטע.

אײַך האָב איהר נישט געקענט, און אין מײַנע צײַטען האָט מען װעגען איהר דערצעהלט נישט קײן שײנע מעשים. מסתּמא האָט איהר דער טאַטע ליעב געהאַט. ס'איז דען פֿערהאַן אַ טאַטע װאָס האָט נישט ליעב זײַנע קינדער? און דער־צו נאָך אַזאַ טאָכטער, װאָס איז אַלעמען געפֿעלען געװאָרען. און אין אײן שענעם טאָג — איך געדענק דאָס נישט, נאָר מ'דערצעהלט אַזוי — איז זי אױפֿגעשטאַנען און אַנטלאָפֿען פֿון טאַטען און זיך געשמד'ט, נישט פֿאַר אונז געדאַכט.

אין אַ סך יאָהרען אַרום, װען דער טאַטע איהרער איז געשטאָרבען, איז זי געקומען אין אונזער שטעדטיל אָבנעהמען איהר ירושה. דאָס איז געװען אין דעם זעלביגען טאָג, װען מיר זענען געלעגען בעהאַלטען אױפ'ן בױדעם.

אין שטעדטיל איז אַ איבערקעהרעניש געװאָרען: פֿון אַלע גאַסען איז מען געלאָפֿען אין אונזער שכונה אָנקוקען דער משומדת, װאָס איז געקומען ירשה'נען דעם יודישען טאַטען. דער טומעל איז צוגעקומען אױך צו אונז, אין אונזער בעהעלטעניש. מיר האָט דאַמאָלס אָנגעשפּאַרט אַ װילדע תּאװה אַרױסצוגעהן און אַ קוק צו טהון אױף איהר. שילטען איהר, שפּײַען איהר אין פּנים האָט זיך מיר געװאָלט. איך האָב פֿערגעסען אינגאַנצען אָן דער סכּנה, װאָס מיר איז פֿאַרגעשטאַנען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קלײן יודעלע, טראָג אױף זיך די ערבֿות פֿאַר דער מרשעת.

איך האָב מיר נישט געקאָנט אײַנהאַלטען און בין אַראָבגעגאַנגען; און װען איך בין שױן געװען אין גאַס איז אױף מיר אָנגעפֿאַלען דער פּחד פֿאַר'ן „האַפּער". אױף יעדען פֿרעמדען מענשען, װאָס איך האָב געטראָפֿען, האָב איך אַלץ געמײנט, — אַז ער איז עס דער „האַפּער". איך האָב מיך אײנגעצױגען אינגאַנצען, האָב זיך געדרעהט אין די זײַטען און נישט געװאױסט, װאו זיך צו בעהאַלטען.

פּלוצלונג האָט מיך בעגעגענט אַ מענש. זײַן לאַנגע באָרד און די געקרײַזעלטע פּאות האָבען מיר עדות געזאָגט אױף איהם, אַז ער איז אַ עהרליכער יוד. איך האָב אָנגעהױבען קוקען אױף איהם מיט אַ רחמנות'דיגען פּנים.

— װאָס איז דיר, יונגעלע? — האָט ער מיר געפֿרעגט מיט אַ װײכער שטימע.

מיר האָט פערקוועטשט דאָס האַרץ און וויינענדיג האָב איך אַרויסגערעדט: „איך האָב מורא פאַר'ן „האַפּער"!

— וועמענ'ס ביזטו? — האָט ער מיר ווידער געפרעגט.

איך האָב איהם געזאָגט.

— קום מיט מיר וועל איך דיך בעהאַלטען, קינד, דאַרפסט נישט קיין מורא. איך בין דאָך דיין פעטער. דו קאָנסט מיך דען נישט?

ער האָט מיך געהאַלטען פאַר'ן האַנד און איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך איהם.

איך האָב געזעהן, אַז די יונגלעך פון גאַס קוקען מיר נאָך צוטומעלטע, דערשראָקענע... דער מאַמע'ס שכנות, וועלכע האָבען אונז בעגעגענט, האָבען פערבראָכען די הענד און זיך פונאַנדערגעוויינט...

— וואָס וויינען זיי? — האָב איך מיך געוואונדערט.

דער יוד האָט זיך איינגעבויגען צו מיר און געזאָגט:

— דו ווילסט צוקערקעס? דער פעטער האָט אַ סך! דיר טוהען אפשר וועה די פיס, קום וועט דיך דער פעטער נעהמען אויף די הענד!

ווי נאָר איך האָב געהערט „צוקערקעס" האָב איך שוין דערפיהלט, אַז דאָס איז דער „האַפּער" און געוואָלט אַנטלויפען; דער פעטער אָבער האָט מיך שוין פעסט געהאַלטען פאַר'ן האַנד. איך האָב אָנגעהויבען שרייען; ס'איז געווען נישט ווייט פון אונזער שטוב, און די איינוואוינער פון דעם געסיל זענען זיך צוזאַמענגעלאָפען: ווער — מיט אַ געוואַלד, ווער — מיט אַ שטעקען און ווער — מיט געשרייען. צווישען די געשרייען האָב איך דערקענט דער מאַמע'ס קול און בין אַ לעבעדיגער געוואָרען. דער קול פון אַ מאַמען האָט אַ מאָדנע ווירקונג אויף די קינדער: ווען אפילו אַ שווערד ליגט דיר אויפ'ן האַלז — ווי דו דערהערסט איהר קול, ווערסטו פול מיט האָפנונג און מוט.

זי האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך אַלעמען און איז אָנגעפאַלען אויפ'ן „האַפּער", ווי אַ חיה־רעה: האָט איהם געשלאָגען, געביסען, געקניפּט, געריסען,—ער האָט מיך אָבער פעסט געהאַלטען נישט אָבגעלאָזען. וואָס'רע ווערט האָט עס דאָס שלאָגען פון אַ יודענע? ווי גאָרנישט! עס זענען צו איהר צוגעשטאַנען די שכנות:

איינע, צוויי, דריי, און האבען איהר געהאלפען א„ [illegible] מיך פון זיינע הענד. וואס זענען אבער דריי ווייבער אנטקעגען איין שטארקען מאנספערזאן? דריי מאל גארנישט.

דאס איז געווען ארום מיטאגצייט. איז געפאלען אויף א שכל איינע פון אונזערע שכנות, וועלכע האט אפילו נישט איבריג ליעב געהאט נישט מיך און נישט דער מאמע'ן: זיי פלעגען זיך שטענדיג ארומקריעגען; און דעריבער אפשר איז זי טאקע מעהר פעהיג געווען, צו פאלען אויף א עצה אין אזא שווערער מינוט, ווייל איהר הארץ איז נישט געווען אזוי שטארק דערשראקען. זי איז אריינגעגאנגען אין שטוב, האט מיט איין האנד ארא‌בגענומען פון פייער דעם טאפ אבגעשיילטע ארבעס, וואס איז געשטאנען גרייט צו'ם מיטאג, און אין דער אנדערער האנד האט זי גענומען א טאפ מיט קאכעדיגע וואסער. דאן האט זי זיך שטילערהייד צוגע־גנב'עט צו'ם „האפער", האט א שאט געטהון די ברענענדיגע ארבעס אויף דער האנד, מיט וועלכער ער האט מיך געהאלטען, און באלד נאכדעם האט זי ארויפגעגאסען אויף זיי דעם טאפ קאכעדיגען וואסער. א ווילדער געשריי האט זיך ארויסגעריסען פונ'ם האפער'ס האלז, — און איך בין פריי געווארען! — —

ס'איז אויסגעגאנגען דער טאבאק אין ליולקע, — און דער אלטער האט אויפגעהערט רעדען. אזוי איז שוין די נאטור פון שמואל שמש: ער קאן נישט דערצעהלען אנדערש, ווי פון רויך ארויס, אזוי אז ער זאל נישט זעהן זיינע הערער, און זיינע הערער'ס — איהם. אין אזא פאזע איז איהם גרינגער זיך צו זעהן אלס קינד אין דער יוגענד און צו שעפען פון דארט ערא־נערונגען.

דערווייל האבען די פערד אויפגעהערט צו געהן און אונז דערמאהנט, אז דא צידט זיך פאר אונז א לאנגער, הויכער בארג און אז ס'איז געקומען די צייט, מיר זאלען זיך אביסעל דורכ־שפאצירען אין בלאטע. מיר האבען געמוזט מבטל זיין אונזערע ווילען פאר דעם ווילען פון די בעלי חיים, און מיר זענען ארא‌ב־געגאנגען פון וואגען.

III

מיר זענען געגאנגען ביי'ן זייט פון וואגען צו־פוס. דער אלטער האט צורעכט געמאכט זיין ליולקע, איז ווידער איינגעהילט גע־

מאַרעַן אין רויך און האָט זיך אומגעקערט צו זיין ערצעהלונג.

— איך ווייס נישט, וואָס ס'איז געשעהען מיט מיר אין יענער מינוט. ווער ס'האָט מיך „געחאַפּט"? וואו אַהין מ'האָט מיך געפיהרט? מיר דאַכט זיך, אַז איך בין די גאַנצע צייט געווען אַזוי ווי פערזונקען אין אַ טיעפער התפעלות, און ווען איך האָב מיך אויפגעהאַפּט, האָב איך זיך געפונען אויף אַ לאַנקע ביים וואַלד, צווישען אַ סטאַדע שעפּסען. נעבען מיר איז געשטאַנען מיין ברודער שלמה, וואָס איך האָב איהם קוים דערקענט, ווייל ער איז געווען אָנגעטהון, ווי אַ קליין שגצ'ל: אַ ווייסע העמדעל מיט פאַלדען אויף לייווענטענע הויזען און אַרומגעוויקעלט מיט אַ רויטען גאַרטעל. איך קוק אָן מיין ברודער, און מיין ברודער — מיך; מסתמא האָט ער מיך אויך נישט אַזוי לייכט דערקענט, ווייל איך בין אויך אַזוי געווען אָנגעטהון. נעבען אונז איז געשטאַנען אַ יונגעל און האָט געלאַכט צו אונז מיט אַ שמייכעלדיגען פּנים, ווי אַ מכנים-אורח. דאָס איז געווען אַ קליין פאַסטוכעל, וואָס אַ גאַנצען ווינטער האָט ער געדיענט אין דער יודישער שכונה אויף אַיינצוהייצען די הייוענס שבת, און דעריבער האָט ער געפּלאַפּעלט אַביסעל יודיש; און זומער האָט ער געפּאַשעט די סטאַדעם שעפּסען פון דעם אַרומיגען דאָרף.

די מאַמע איז געשטאַנען איבער אונז און האָט אונז געקושט מיט טרערען אין די אויגען. זי האָט אונז איבערגעלאָזען ברויט און זאַלץ, און געשריען אויף אונז: למען השם, איהר זאָלט נישט רעדען קיין יודיש, כדי מען זאָל אייך נישט דערקענען! דאָ זאָלט איהר זיך בעהאַלטען ביז דער „האַפּער" וועט אַוועק פון שטאָדט. איהר הערט?"

איהר איז גרינג געווען אָנצוזאָגען: „רעדט נישט קיין יודיש!" מיר האָבען דען געקאָנט רעדען אויף אַן אַנדער שפּראַך?

איך האָב פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ מין בעהעלטעניש, אונטערן אָפענעם הימעל!... איך בין אַנטלאָפען פון די הייזער, פון די בוידעמער און די קעלערס, זיך צו בעהאַלטען אין דעם גרויסען דרויסען, צווישען דעם הימעל און דער ערד! איך בין אַנטלאָפען פון דער פערבאָרגענער פינסטערניש, זיך צו בעהאַלטען אין דער אָפענער ליכטיגקייט. און אין דער אמת'ן, האָב איך דען מורא געהאַט פאַר דער ליכטיגקייט? פאַר דער זון מיט דער לבנה?

פאַר די שעפּסען פון סטאַדע? איך בין אַנטלאָפען פון מענשען, פאַר מענשען.

די מאַמע האָט זיך געזעגענט מיט אונז און האָט אונז איבערגעלאָזען אונטער דער אויפזיכט פון דעם קליינעם פאַסטוכעל. און דער פאַסטוך איז אַוואויל שגציל געווען. ער האָט אונז עהרליך געהיט, און ביי יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזעהן אַ פרעמדען מענשען צוגעהענדיג צו אונז, האָט ער זיך מקדים געווען און אויסגעשריען:

— די יונגלעך זענען נישט קיין יודען; אויף מיין וואָרט — זיי הויבען גאָרנישט אָן צו זיין יודען.

און דער פרעמדער מענש, וואָס איז צוגעקומען נעהנטער צו אונז, איז נישט געווען דער האַפער, ווי מיר האָבען געמיינט; דאָס איז געווען אַ קצב, וואָס איז געקומען קויפען שעפּסען צום שחט'ן.

ס'איז געוואָרען פינסטער. שווער איז אונז געווען צו נעכטיגען דאָס ערשטע מאָל אונטערן פרייען הימעל, וואו ס'איז קיין מזוזה נישטאָ. איך האָב אַריינגעשטעקט די האַנד אונטער די שעטנזקליידער, וואָס איך האָב געטראָגען, און האָב אָנגעטאַפּט די ציצית. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי בעהאַלטען זיך אויך: זיי האָבען מיר געציטערט אין די הענד.

אַ פינסטערער הימעל איז געלעגען אויסגעשפּרייט איבער אונזערע קעפּ. די שטערען'ס זענען ביי מיר אין די אויגען פערוואַנדעלט געוואָרען אין פערשידענע אותיות און רמזים, וואָס איך האָב נישט פערשטאַנען זייער פירוש; נאָר געפיהלט האָב איך, אַז זיי האָבען אין זיך עפּיס שלעכטס, ביטערס. אַ ברומען און אַ זשומען הערט זיך מיר אין די אויערען, און איך ווייס נישט, פון וואַנען דאָס קומט... פונקען זעה איך. אין אָנהויב האָב איך געמיינט, אַז דאָס זענען נאָר די שטערען'ס, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם נאָהנטען טייך; דערנאָך אָבער האָב איך זיך איינגערעדט, אַז דאָ זענען נישטאָ נישט קיין שטערען'ס און נישט קיין טייך: דער גלאַנץ פון טייך איז גאָר דאָס שמייכעל פון ליעגענדיגען ריזען, און די דאָזיגע פונקען זענען די וואונקען פון זיינע אויגען. איך קוק אויף דער סטאַדע און מיר דאַכט זיך אויס, אַז נישט קיין שעפּסען שטעהען דאָרט, נאָר עפּעס מאָדנע בעשעפינעשין. זיי געהען און פערפלאָנ-

טערען זיך, געהען און דרעהען זיך, נעהמען זיך צוזאַמען און צושניידען זיך... מיר שטעלט זיך פאָר, אַז די אַלע זענען ריזען, וועלכע זענען פערשאָלטען געוואָרען אויסצוזעהן ביי טאָג, ווי שעפּסען און ביינאַכט ווידער צו ווערען ריזען. און איך ווייס, אַז הינטער מיר איז אַ וואַלד; און וואָס געפינסטו נישט אין וואַלד? איז דען פערהאַן עפּעס אַזאַ רוחדהטומאה, וואָס זאָל נישט זיין אין וואַלד?

— ז ז ז! — הער איך פּלוצלונג אַ זשומעריי.

איך האָב אָנגעהויבען וויינען.

— פאַרוואָס דו נישט שלאָפסט? — פרעגט מיך דער קליינער פּאַסטוך, אויף זיין גוי'שען יודיש.

— איך האָב מורא — ענטפער איך איהם.

— פאַר וועמען?

— פאַר... פאַר'ן וואַלד.

— היי! דו מעהר נישט אָב מורא — טרייסט מיך דער פּאַסטוך — גוטע הינד דאָ אין סטאַדע.

דער שגץ אַ פּייף געטהון מיט די ליפּען, און די גאַנצע סטאַדע איז אַ פערציטערטע געוואָרען, ווי ווען די ערד וואָלט זיך שפּאַלטען און אַרויסלאָזען מחנות הינד פון גיהנם. זי האָבען פערטויבט די אויערען מיט זייער בילען, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האַלטען מלחמה מיט די רוחות פון וואַלד און פערטרייבען זיי פון דאַנען.

דאָס בילען פון די הינד האָט אַביסעל קלענער געמאַכט מיין פּחד. ווענינגסטענס בין איך האָטש ניצל געוואָרען פון דער שרעקליכער שטילקייט, וואָס האָט דאָרטען געהערשט. די קולות פון די הינד האָבען בעלעבט דער נאַכט און געמאַכט רעדען איבער מיר דער שטילקייט. איך אַליין פאַר זיך, איז מיר גאַנץ אַנגענעהם געוועזען דאָס בילען פון די הינד, ווייל איך האָב פאַר הינד בכלל קיין מורא נישט געהאַט. אַדרבה, איך אַליין האָב געהאָדעוועט אַ הונד בעהאַלטענערהייד, דער טאַטע זאָל נישט וויסען; אָבער מיין ברודער שלמה! שטעל דיך פאָר: אַ יודישער יונגעל, וואָס האָט מורא פאַר הינד אימת־מות, דאַרף זיך זוכען אַ שוץ אין — דער בילעריי פון הינד!

אַזוי זענען מיר אָבגעזעסען עטליכע טאָג בעהאַלטען אונטער'ן אָפענעם הימעל און איינגעוויקעלט אין שעטנז. סוף כל סוף אָבער איז

געקומען פאר מיין מאמען די צייט, זי זאל פערשטעהן דאס, וואס זי האט נישט געוואלט פערשטעהן, ווען דער רב האט געהייסען מיך אפגעבען פאר אַ זעלנער אנשטאט אברהמ'לי -דעם תכשיט: מ'האט גענומען מיין עלטסטען ברודער, שמחה, עליו השלום; דער דאזיגער ברודער מיינער, אויסער דעם, וואס ער איז געווען אַ בעל-עבּ-טער שוחט אין שטאדט און אַ למדן מופלג — האט געהאט נאך דעם בעזונדער זכות, וואס ער איז שוין געווען אַ מאן פון אַ ווייב און אַ טאטע פון פיער קינדער. און דאמאלס, ווייזט אויס, האט שוין די מאמע פערשטאנען, ווי ס'האט פערשטאנען דער רב אין זיין צייט, אז ס'איז נישט קיין יושר, מיין ברודער זאל אפגעגעבען ווערען פאר אַ זעלנער, און איך, דער מזיק, דער פראסטער יונג, וואס שפּיעלט זיך מיט הינד, זאל בלייבען אין שטוב.

אין עטליכע טעג ארום איז זי געקומען און האט אונז גע-נומען אין שטוב צוריק.

דאס איבריגע האבען שוין אנדערע געטהון.

דער אַלטער האט איבערגעריסען זיין ערצעהלונג. ער האט זיך פערמאטערט קריכענדיג אויפ'ן בארג און האט שווער געאטעמט. ווען ער איז צוגעקומען צום שפּיץ בארג, האט ער זיך אומגעקעהרט מיט'ן פנים צו דער ניעדער און אויסגעשטעלט זיך אינגאנצען.

— דאס איז אַ סגולה בדוקה, — האט ער מיר געגעבען אַ עצה טובה — ווען דיר ווערט שווער צו קריכען ארויף, קעהר דיך אום מיט'ן פנים און טהו אַ קוק אַיין מאל אראב, וועסט ווידער קריגען דיינע כחות.

IV.

דאס פוהר איז אונז געבליבען שטעהן פון הינטען און מיר זענען געשטאנען און האבען געווארט, זי זאל צוקומען צו אונז. איך האב דערווייל אראפגעקוקט אין דער ניעדער און האב געזעהן, אַז דארט איז אַ ים פון לייס מיט בלאטע. די פוהערן, וואס זענען אונז נאכגעפאהרען פון הינטען, זינקען אין דעם ים און פון דער-ווייטענס האט זיך מיר געדאכט, אַז זיי שטעהען אויף איין ארט. די אונטערגעהענדע זון צושטרייט אויף זיי אַ סך צובראכענע פונקען, וואס בעלייכטען זייער זינקען און גיעבען אַ שענעם גלאנץ דעם שטח פון דער בלאטע אנטקעגען הימעל. מיר אבער, שטעהענ-

דיג אויפ׳ן שפּיץ באַרג, שיקט די זון פונקען, ליכטיגע, גלאַנציגע, וואָס זאָגען צו נאָך אַ לאַנגע שטיק טאָג.

דער אַלטער האָט אָבגעצויגען דעם אָטהעם און האָט ווייטער דערצעהלט אָבגעהאַקטערהייד:

— מ׳האָט מיך אין תפיסה געבראַכט. איך בין דאָרטען נישט אַליין געווען: קינדער, אַ סך יונגע יונגלעך זענען דאָרט געווען; אַנדערע האָבען געוויינט, אַנדערע האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערען פערוואונדערט. מ׳האָט אונז דערצעהלט, אַז מאָרגען וועט מען אונז אַרויסנעהמען און אַוועקפיהרען ערגעץ.

און נאָך האָט מען אונז דערצעהלט, אַז דער רב האָט געוואָלט אַריינגעהן צו אונז נאָר מ׳האָט איהם נישט געלאָזען.

אַ עהרליכער, פרומער יוד איז געווען דער דאָזיגער רב, עליו השלום. אַ איש תם, ווען ער מוז זאָגען אַ ליגען, וועט געגען איהם נישט בייסטעהן קיין ליגנער און קיין מערדער. וואָס האָט ער געטהון? ער האָט זיך אָנגעטהון ווי אַ גוי, איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און איז געגאַנגען זיך וואַרפענדיג, פאַלענדיג פון די פיס, ווי אַ שכור׳ער. האָבען איהם אָנגעטראָפען די נאַכט-שומרים, פערהאַלטען איהם און געפרעגט:

— ווער ביזטו?

האָט דער רב געענטפערט:

— אַ גנב בין איך.

האָבען גענומען די שומרים און איהם אַריינגעזעצט אין תפיסה.

די גאַנצע נאַכט איז דער רב געשטאַנען און געוויינט און האָט גערעדט צו אונז אין דער פינסטער.

ער האָט אונז דערצעהלט, אַז ווען יעקב׳ס זיהן האָבען פערקויפט זייער ברודער, יוסף הצדיק, האָבען זיי עס נישט געטהון מיט זייער גוטען ווילען, נאָר פון הימעל האָט מען זיי געבראַכט דערצו, כדי יוסף זאָל קומען אין מצרים און לעהרנען די מצרים, אַז ס׳איז פערהאַן אַ גאָט אויף דער וועלט און אַ יודיש פאָלק.

ער האָט אונז אויסגעפרובט, צי מיר קאָנען אויסוועניג זאָגען „מודה אני" און „שמע ישראל", און האָט אונז מודיע געווען, אַז מ׳וועט אונז אַוועקפיהרען אין אַ ווייטען-ווייטען אָרט, און מיר וועלען דאָרטען אָבזיין אַ סך יאָהרען, און ווען מיר וועלען דערוואַקסען ווערען וועלען מיר זיין סאָלדאַטען.

ער האָט אונז אָנגעזאָגט, מיר זאָלען נישט עסען קיין נבלות וטרפות, מיר זאָלען נישט פערגעסען גאָט׳ס נאָמען און דעם פאָלק פון אונזערע עלטערן, אַפילו ווען מ׳וועט אונז צוליעב דעם אָנטהון די שרעקליכסטע יסורים.

ער האָט אונז דערצעהלט מעשיות פון די „עשרה הרוגי מלכות״, וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געווען אויף קדוש השם; פון דער מאַמע׳ן מיט איהרע זיבען זיהן, וועלכע זענען גע־הרג׳עט געוואָרען דערפאַר, וואָס זיי האָבען נישט געוואָלט זיך בוקען צו דער עבודה־זרה, און נאָך אַזעלכע מעשיות. און ער־קלערט האָט ער אונז, אַז די דאָזיגע אַלע קדושים זיצען אין גן־עדן צוזאַמען מיט גאָט־ברוך־הוא און שעפּען נחת פון דער לויטערע שכינה!

אין יענער נאַכט האָב איך שרעקליך מקנא געווען די דאָ־זיגע צדיקים, און געטראַכט זיך אין האַרצען: הלואי זאָל מען מיך אויך צווינגען צו דינען די עבודה־זרה און איך וועל ביי־שטעהן דעם נסיון וועל איך דאָך נאָך מיין טוידט אויך אַזוי פיעל פערגניגען האָבען פון דער הייליגער שכינה!

און דער רב האָט אונז אַליץ דערצעהלט און דערצעהלט פערשידענע מעשיות, און אָנגעזאָגט פערשידענע זאַכען, און געלויבט אונז אין הימעל אַריין אַזוי לאַנג, ביז איך האָב אָנגעהויבען מיינען, אַז איך בין אין דער אמת׳ן עפּעס אַ „פּנחס בן אלעזר״, אַ מיוחס ביי׳ם רבונו־של־עולם, וועלכער האָט מיך אויסגעקליבען פון אַלע מיינע חברים אַוועקצושטעלען ביי אַ נסיון.

ס׳איז געוואָרען טאָג און דער שומר פון תפיסה איז אַריינגע־קומען. דאַן האָט זיך דער רב געווענדעט צו אונז און געזאָגט:

— הייליגע יודישע קינדערלעך! מיר וועלען זיך איצט צו־שיידען. מיך וועט מען שלאָגען „מלקיות״ און פערזעצען אין תפיסה, דערפאַר, וואָס איך בין אַריינגעגאַנגען צו אייך אָהן רשות; און איהר וועט אַוועק אין גלות און אויסשטעהן שווערע נסיונות, איך וויים נישט, צי איך וועל נאָך זוכה זיין צו דערלעבען ביז איהר וועט צוריקקומען; דאָרט אָבער, אויפ׳ן עולם האמת, וועלען מיר זיך געווים בעגעגנען! קינדערלעך מיינע! הלואי זאָל איך מיך נישט דאַרפען שעמען מיט אייך פאַר דער פמליא של מעלה!

די ווערטער זענען אונז טיעף אַריין אין האַרצען — און אַזוי האָבען מיר זיך צושיידט.

מ'האָט אונז אָנגעהויבען אַרויפזעצען אויף פֿוהרען. אַ סך פֿון די איינגעשעקשנטע קינדער, וועלכע האָבען געפרובט זיך אַנט־קעגען שטעלען און אַנטלויפען, האָט מען אַרויפגעלעגט אויפ'ן וואָגען געבונדערנערהייד.

מיר האָבען אַלע געשריען. איך האָב נישט געהערט נישט מיין קול און נישט דעם קול פֿון מיינע חברים. אונזערע אַלע קולות זענען פערשלונגען געוואָרען אין איין שרעקליכען געשריי. אין איין שרעקליכען יאָמער.

מענער און ווייבער זענען אונז נאָכגעגאַנגען. דאָס זענען געווען טאַטעס מיט מאַמעס. מסתמא האָבען זיי אויך געוויינט, נאָר מיר האָבען זייער קול נישט געהערט. די שטאָדט, דאָס פעלד, דער הימעל און די ערד האָבען אונז נאָכגעוויינט און נאָכגעקלאָגט.

איך האָב געזעהן מיינע עלטערן — און מיין האַרץ איז פול געוואָרען מיט אַ מין שנאה צו זיי, ווייל איך האָב געפיהלט דעם „בייט", וואָס זיי האָבען מיט מיר געמאַכט. מיין מאַמע איז צווישען די אַנדערע מאַמעס צוגעגאַנגען נעהנטער צום וואָגען, האָט מיך אָנגעקוקט און, ווי ס'ווייזט אויס, האָט זי פערשטאַנען, וואָס איך טראַכט וועגען איהר.

זי איז אומגעפאַלען אויף דר'ערד און האָט גע'חלש'ט.

איהר חלש'ן האָט געבראַכט דערצו, אַז אונזער פֿוהר האָט זיך דערווייטערט פֿון דער לויה. אַלע האָבען זיך אָבגעשטעלט נעבען דער מאַמען, איהר אָבצומינטערן, און מיין האַרץ איז פול געווען מיט כעס, רחמנות און ציטערניש צוזאַמען.

און אָט אַזוי, זייענדיג פול מיט כעס, רחמנות און ציטערניש, בין איך אַוועק פֿון מיינע עלטערן.

מיר האָבען געוויינט און געוויינט אַזוי לאַנג ביז מיר זענען מיעד געוואָרען און שטום געבליבען.

אין וועג האָבען זיך דערטראָגען צו אונז פֿון הינטען נייע יאָמער-געשרייען, ענליך צו די געוויינען פֿון קינדער. מיר האָבען משער געווען, אַז דאָס איז נאָך אַ וואָגען מיט געכאַפטע קינדער פֿון אַן אַנדער שטאָדט, און האָבען פונ'ם ניי אָנגעהויבען וויינען.

באַלד אָבער האָבען מיר איינגעזעהן אונזער טעות: דאָס איז גאָר געווען אַ וואָגען מיט שעפסען, וואָס זענען געקויפט און געפיהרט געוואָרען צו דער שחיטה.

יענעם גאַנצען טאָג האָבען מיר, פֿערשטעהט זיך, נישט אָנגעהויבען עסען, האָטש די מאַמעס האָבען אונז פֿערזאָרגט און צוגעבראַכט עסען צו׳ם וואָגען.

מיר האָבען געוויינט און די זון איז דערווייל אונטערגעגאַנגען — ס׳איז געוואָרען נאַכט. די אייגגע׳עקשנ׳טע קינדער, וועלכע זענען אַרויפגעלעגט געוואָרען אויפ׳ן וואָגען געבונדענערהייד — האָט דער „פֿיהרער" אויפגעבונדען. ער איז שוין איצט זיכער געווען, אַז זיי וועלען נישט אַנטלויפֿען.

מיר זענען אַנדרעמעלט געוואָרען, נאָר אַלע מאָל האָט זיך אַנ׳אַנדערער פֿון אונזער עולם אויפגעהאַפּט מיט אַ פֿערשטיקטען געוויין — פֿריהער וויין און שטיל און דערנאָך מיט קולי-קולות. נאָך איידער דער האָט געענדיגט, האָט שוין אָנגעהויבען דער אַנדערער, דער דריטער, דער פֿירטער און ווידער האָבען זיך אונזערע קולות צוזאַמענגעגאָסען אין איין שרעקליכען יאָמער. מיר האָבען אויף דער נאַכט אַליין אַ שרעק אָנגעוואָרפֿען. אַפֿילו דער „פֿיהרער" האָט נישט געקאָנט בײַשטעהן געגען אונזערע געוויינערײַען און ער האָט זיך געוואָרפֿען אויף אונז מיט געשרייען און מיט׳ן קאַנטשיק. דאָס דאָזיגע געוויין איז געווען טאַקע, ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: „בכה תבכה בלילה! (וויינען וועסטו טהון וויינען בײַנאַכט).

ווען ס׳איז טאָג געוואָרען זענען מיר אַלע וואַכענדיג געווען. אַלע זענען מיר געזעסען און האָבען אָבגעוואַרט דעם פֿריהמאָרגען: מיר האָבען געגלויבט, אַז ער וועט אונז אויסלייזען, אַז מלאכים פֿון הימעל וועלען אַראָבניעדערען, אַזוי ווי זיי האָבען אַראָבגעניעדערט צו יעקב אָבינו, און וועלען זיך פֿאַר אונז אין די אויגען נוקם זײַן אָן אונזער „פֿיהרער" און אונז בעפֿרײַען פֿון זײַנע הענד. ווי די זון אָבער איז אַרויס האָט זי אָנגעבראַכט אויף אונז דעם הונגער; און פֿון יענער מינוט אָן האָט יעדער איינציגער פֿון אונז אָנגעהויבען צו זיפֿצען פֿאַר זיך. אונזער געוויין האָט זיך שוין איצט נישט צוזאַמענגעגאָסען און האָט זיך שוין נישט געהערט אַפֿילו, ווי דאָס קראַקען פֿון קראָהען און ווי דאָס בילען פֿון הינד, — דאָס איז די קראַפֿט פֿון הונגער. און ווען דער „פֿיהרער" האָט אונז אויסגעטיילט אונזערע פּאָרציעס, האָבען מיר געגעסען מיט אַפּעטיט און זענען זאַט געוואָרען; און דאַן האָבען מיר שוין אָנגעהויבען

פיהלען אויף די ענגשאפט, וואס מיר מאכען זיך אן איינער דעם אנדערן זיצענדיג צוזאמענגעפרעסט אין וואגען. איך האב אנגעהויבען זיך קלאגען אויף מיין שכן, וואס איז געזעסען מיר אויף די פיס; יענער ווידער האט זיך געקלאגט אויף מיר דערפאר, וואס איך שטויס איהם מיט'ן אקסעל, און אלע האבען מיר זיך געווענדעט מיט אונזערע בליקען צום „פיהרער". דאס איז געווען א שטומע בקשה צו איהם: „ראטעווע מיך פון מיין ברודער!"

אין יענעם קלאגענדיגען טאג איז מיר בעשערט געווען צו לאכען: איך האב מיך אומגעקוקט אויף הינטען, ערשט איך זעה מיין הונט „בילער" לויפט נאך נאכ'ן וואגען.

— וועה צו דיר, נארישער הונט! — האב איך געשמייכעלט צו איהם מיט א וועהטאג אין הארצען: — דו מיינסט, אז מ'פיהרט מיך דא אויף א סעודה? אין גלות פיהרט מען מיך — און דו לויפסט מיך נאך?! —

און א קינדערשער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף דעם געזיכט פונ'ם אלטען שמש; אט, ווי ווען די זאך וואלט איצט ערשט פארגעקומען, און ווי ווען עס וואלט אין דער אמת'ן געווען דערפ'ן, וואס צו לאכען.

דערווייל איז אונזער פוהר ארויף אויפ'ן שפיץ בארג. מיר האבען זיך ארויסגעזעצט אויפ'ן וואגען און אנגעהויבען דריקען און קוועטשען איינער דעם אנדערן.

דער אלטער האט א בליק געווארפען אויף זיין זוהן, וואס איז איהם געזעסען אנטקעגען, א בליק פול מיט ווייכקייט און מיטלייד, וואס האט זיך ארויסגעוויזען פון אונטער לאנגע פערפלאנטערטע ברעמען. שען האט זיך אבגעשפיגעלט דער מילדער בליק אויף דעם הארטען געזיכט: דאס האט א הארטער טאטע געקוקט מיט די אויגען פון א מילדער מאמען.

ער האט זיך צורעכטגעמאכט זיין געזעס, האט זיך געמאכט בעקוועם און איז אנטשוויגען געווארען.

V.

— איך לאז דיר דורך די אלע טעג, וואס זענען אריבערגעגאנגען ביז מיר זענען צוגעקומען צו א בעשטימטען ארט, —

האָט דער אַלטער ווידער אָנגעהויבען — די אַלע טעג, וועלכע זענען אַריבער אין פאָהרען... שטעהן... און ווידער פאָהרען.. און געהן צו־פוס... און געשוואָלענע פיס — דאָס אַלץ געהערט נישט צום ענין. אַמאָל פלעגט דער „פיהרער“ ווערען אויף אונז מלא חמה; דאַן פלעגט ער אונז שילטען און הרמ'ען און שלאָגען מיט'ן קאַנטשיק, שרייענדיג דערביי: „פערשאָלטענע זשידעס! וואָס בין איך שולדיג, פאַרוואָס דאַרף איך מיך עם אָנליידען פון אייך אַזוי פיעל?“ אַביסעל איז ער טאַקע געווען גערעכט. ווילענדיג אָדער נישט ווילענדיג — צרות האָבען מיר דאָך איהם פערשאַפט. ווען מיר וואָלטען, למשל, געווען געשטאָרבען מיט אַ יאָהר פריהער אָדער אפילו דאָ באַלד — וואָלט ער גלייך אויסגעלייזט געוואָרען פון דער דאָזיגער צרה און וואָלט נישט גערדאַרפט מעהר פיהרען קיין האַלב־שטומע קינדער און וואָלט נישט גערדאַרפט אויסשטעהן די אַלע ענוים פון דער וועג און וואָלט נישט גערדאַרפט פיהלען דעם שרעקליכען פיין פון יענעם, וואָס ס'איז נגזר געוואָרען אויף איהם, צו הערען שטענדיג דאָס ביטערע וויינען פון קליינע קינדער, וועלכע זענען אַרויסגעריסען געוואָרען פון די אָרעמס פון זייערע עלטערן. דו מיינסט, אַז ס'איז אַזאַ לייכטע זאַך צו זיין שטענדיג אַ זינדיגער און אַנאַכזר אין די אויגען פון קליינע קינדער? — ווען איך בין עלטער געוואָרען און מיר איז אויסגעקומען אויף „סלוזשבע“ אַכטונג צו געבען אויף קלענערע און ניעדריגערע פון מיר, האָב איך געשפירט די פערביטערטקייט פון יענעם „פיהרער“ אונזערען.

איצט, ווען איך האָב שוין אַסך דורכגעלעבט, ווען איך בין שוין געווען, ווי מ'זאָגט, „אין פייער און אין וואַסער“, מוז איך דיר מודה זיין, אַז איך טראָג נישט אין האַרצען קיין שנאה צו יענע אַלע, וואָס איך האָב געליטען פון זיי. דו האָסט דיר אַסך, למשל, פון די „געהאַפטע“, וואָס קלאָגען זיך אויף די „ריטער“. דאָס איז אמת: פאַר יעדער קלייניגקייט, פאַר יעדען נישטפאָלגען, סיי דו האָסט נישט געוואָלט בעטען פאַר'ן צלם, סיי דו האָסט נישט געוואָלט עסען קיין „חזיר“, סיי מ'האָט דיך געטראָפען זאָגענדיג אַ יודישע תפלה אָדער רעדענדיג אויף יודיש — פלעגט מען דיך שמייסען מיט די דאָזיגע ריטער: צוואַנציג שמיץ... דרייסיג... פיערציג... און אַמאָל פלעגסטו טאַקע אַריינכאַפּען די גאַנצע פופציג. אָבער בערעכען דיך אַליין: זיי האָבען דען געקאָנט מיט אונז

זיך אנדערש בעגעהן? מ'גיט איבער הונדערטער יודישע קינדער, וועלכע קאנען אפילו א ווארט רוסיש נישט אויסרעדען, אין די הענד פון א רוסישען „טשינאווניק“, וואס פערשטעהט נישט אפילו א האלבען יודישען ווארט. דער זאגט איהם: „ציה מיר אראב די שטיוועל“! און יענער געהט זיך אבוואשען די הענד. ווי בהמות, ווי שעפסען זענען מיר געווען! נאר די ריטער האבען מיר גוט פערשטאנען. די ריטער האבען אונז אויסגעלערנט פערשטעהן דעם בעפעהל פון אונזערע הערשער מיט'ן וואונק, מיט דעם מינדעסטען קעהר פון זייערע אויגען.

דאס זעלבע ווידער קלאגען זיך א סך פון די געוועזענע קאנטאניסטען (געהאפטע) אויף דער שרעקליכער באד, וואס מ'פלעגט זי רופען „גיהנם“. אין פלוג איז דאס טאקי געווען א שרעקליכע זאך: מ'האט אויסגעקליבען יענע „געהאפטע“ קינדער, וואס האבען געהאט אויפ'ן לייב וועלכען ס'איז ריין אדער געשוויר'ל, מ'האט זיי אויסגעשמירט מיט סמאלע און ארויפגעפיהרט אויף דער אויבערשטער באנק פון באד, און אונטען אוועקגעשטעלט — א שורה סאלדאטען מיט ריטער אין די הענד. דער קעסעל קאכט, די שטיינער גליהען, דער בעדער שעפט אן עמער'ס קאכעדיגען וואסער און גיעסט אויף די שטיינער אהן א אויפהער. די היץ ווערט שטארקער, זעצט ארויף אין דער הויך, דרינגט ארונטער אונטערן לייב און שטעכט, שטעכט און ברענט. שרעקליך איז דער וועהטאג. דער אטעם ווערט פערהאפט. עס בריהט... עס ברענט... דער אטעם ווערט פערשטיקט... וואס — דו ווילסט זיך אראבקולערען אונטען? מיט ריטער וועט מען דיך צוריק ארויפיאגען!

דאס אלץ איז טאקע אמת; אבער זיי האבען עס דען געטאן פון אכזריות? די זאך איז גאנץ איינפאך: מיר זענען יודישע קינדער געווען; פון דער מאמע'ס הענד האט מען אונז צוגענומען; מיר זענען געוועהנט געווען, די מאמע זאל אונז יעדען פרייטאג ארומוואשען, ריין מאכען, אויסצוואגען, וועש איבערטאן און ריינע שבת'דיגע מלבושים. און פלוצלונג האט מען אונז פערטריבען! טעג, וואכען, חדשים גאנצע האבען מיר זיך ארומגעוואלגערט אינ'ם שטויב פון וועג, פערטרונקען אין שוויים און בלאטע און זענען געשלאפען ערגעץ אויף דר'ערד; קיין וועש האבען מיר נישט איבערגעטאן, קיין שפריץ וואסער איז אויף אונזער לייב נישט געקומען, מיר זענען קרעציג

געוואָרען און האָבען געמוזט דורכגעהן יענע באָד, וואָס מ'האָט איהר גערופען: „גיהנם“.

פון דעם קענסטו דיר שוין פאָרשטעלען דאָס איבריגע.

בקצור וועל איך דיר דערצעהלען:

אַ סך פון אונז האָט מען צושיקט אין פערשידענע ערטער; אַ סך זענען קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען אין וועג, אַ סך זענען איינגעטיילט געוואָרען אין די דערפער צווישען די פויערן. זיי זאָלען זיי אויסהאָדעווען ביז זיי וועלען פעהיג זיין צום „דינסט“. איך בין געוועזען פון די לעצטע. נאָך אַ סך וואַנדערונגען און גלגולים פון שטאָדט צו שטאָדט און פון דאָרף צו דאָרף, וואָס איך ווייס נישט, וויפיעל חדשים — און אפשר יאָהרען — זיי האָבען זיך געצויגען, בין איך איבערגעגעבען געוואָרען אינ'ם דאָרף ג. צו פיאָטר סעמיאָנאָוויץ הלאָפּאָוו און זיין ווייב אַנאַ פעטראָוונאַ.

דער דאָזיגער פיאָטר איז געוועזען אַ גוי נישט קיין אַלטער און נישט קיין יונגער, נישט קיין פּראָסטער פויער און קיין וויכטיגעה פּריץ. אַ שרייבער איז ער געוועזען אין דער קאַנצעלאַריע פון דאָרף. אין יענע צייטען איז דאָס געוועזען אַ ריינע און לייכטע מלאכה, וואָס האָט געגעבען הוונה בכבוד.

קיין זיהן האָט ער נישט געהאַט, נאָר איין טאָכטער — מאַריוסע האָט זי געהייכן, אַ מעדעל פון אַ יאָהר דרייצעהן, אָדער פיער־צעהן, אַ שענע, אַ פרעהליכע און אַ זוילדע.

מיר, די קאַנטאָניסטען פון די דערפער, האָבען געדאַרפט יעדען טאָג זיך צוזאַמענקלייבען פאַר'ן שטוב פון אונזער אָפּי־ציער, וואָס האָט געוואוינט אין דעם דאָרף, און אונז צוגעגרייט צו דער „סלוזשבע“. נאָר איך בין פּטור געוועזען דערפון צוליעב דער בקשה פון מיין בעשיצער, הלאָפּאָוו, וועלכער האָט געהאָפט צו געפינען אין מיר אַ שטיקעל שטיצע ביי דער אַרבייט אין פעלד און אין שטוב. פון דעסטוועגען האָב איך געמוזט קומען אויפ'ן פּלאַץ צוזאַמען מיט אַלע איינמאָל אין וואָך.

זכות אבות איז מיר ביי געשטאַנען, וואָס איך בין אַריינגעפאַלען צו די הלאָפּאָוו'ס. פּיאָטר פלעגט גאַנץ וועניג זיין אין דערהיים. דעם גרעסטען טייל פון טאָג פלעגט ער זיצען אין קאַנצעלאַריע ביי דער אַרבייט, און די איבריגע צייט — אין שענק פון דעם איינציגען יודען אין דאָרף, פון „אונזער משה'קע“— אַזוי פלעגען איהם

די הלאָפּאָוו׳ס רופֿען. די עטליכע שעה, וואָס ער פֿלעגט זיין אין שטוב פֿלעגט ער פֿערברענגען מיט מיר און בכלל האָט ער אַרויסגעוויזען בנוגע צו מיר אַ סך פֿריינדליכקייט. בעזונדער פֿלעגט ער עס טאָן דאַמאָלס, ווען ער פֿלעגט קומען פֿון שענק אַביסל מבושם׳דיג; אפשר איז עס געווען דערפֿאַר, וואָס ער האָט קיין זכרים ניט געהאַט, און ער האָט געטראַכט צו מאַכען מיך פֿאַר אַ זוהן. ער פֿלעגט מיר בעליעבט מאַכען די „סלוזשבע״: „אַז דו וועסט אויפֿוואַקסען — פֿלעגט ער מיר זאָגען — וועסטו ווערן אַ אָפֿיציער; און אפשר נאָך גרעסער, ווי אַנ׳אָפֿיציער. אַ שווערד וועסטו טראָגען; סאָלדאַטען וועלען שטעהן פֿאַר דיר גלייך, וועלן דיר אָבגעבען „טשעסט״. דו וועסט ווייזען גבורות אין אַ מלחמה און זוכה זיין צו שטעהן פֿאַר׳ן קיסר״.

און מעשיות האָט ער מיר דערצעהלט, מעשיות פֿון מלחמות אין דער רוסישער שפּראַך, וועלכער איך האָב שוין אָנגעהויבען אַביסל צו פֿערשטעהן. די דאָזיגע מעשיות האָבען מיר אויסגעזעהן שען אויף וויפֿיעל איך האָב זיי פֿערשטאַנען, און נאָך מעהר — אויף וויפֿיעל איך האָב זיי נישט פֿערשטאַנען, ווייל דאַמאָלס האָסטו די מעגליכקייט זיי זיך צו ערקלערן, ווי דו ווילסט אַליין, זיי אויסצופֿילען און צו ענדיגען, ווי דיר געפֿעלט. אויב דו האָסט ליעב מעשיות, פֿאָלג די עצה פֿון אַזאַ אַלטען נאַר, ווי איך: זאָלסט דיך קיינמאָל נישט אומקוקען אויף אַזעלכע מעשיות, וואָס גיעבען דיר אַליץ פֿאַרטיג באַלה אין אָנהויב. דו הויבסט אָן צו לייענען אָדער צו הערען — און דו ווייסט שוין דעם סוף, וואָס מוז קומען, און דו הויבסט אָן געגעצען און אַ שלאָף פֿאַלט אויף דיר אָן. מיינע טעכטער לייענען מיר אַמאָל פֿאָר אַזעלכע מעשיות — און איך ווער גלייך אַנטשלאָפֿען. מעשיות זענען שען נאָר אַזוי, ווי פּיאָטר הלאָפּאָוו פֿלעגט זיי דערצעהלען; דאָס געהערט אָבער נישט צום ענין.

בקצור: ער איז געווען צו מיר זעהר פֿריינדליך.

אַנאַ אָבער איז געווען גאָר אַנ׳אַנדערע; דאָס איז געווען אַ שוויגערין און אַ ווייב אַ מרשעת: זי איז שטענדיג אין שטוב געזעסען. קיינמאָל איז זי נישט אַריינגעגאַנגען צו איהרע שכנות און איהרע שכנות פֿלעגען אויך נאָר גאַנץ זעלטען אַריינקומען צו איהר. מ׳האָט געמורמעלט אויף איהר אין דאָרף, אַז זי האַלט זיך גרויס און איז אַ צבֿוע׳אַטשקע. ניכטערהייד האָט פּיאָטר געציטערט פֿאַר

איהר, ווי פאַר אַ קלפה. די גאַנצע קראַפט איז איהר געלעגען אין די אויגען: פלעגט זי אַ וואָרף טהון אַ קוק אויף דעם דאָזיגען העלד, וואָס האָט אָהן אַ גרענעץ געהערשט איבער דעם גאַנצען דאָרף, — אַזוי פלעגט ער גלייך ווערן אַ שוואַכע, שטילע טיי־בעלע. ס'האָט זיך געדאַכט: אָט נאָך אַ רגע — און פון די אויגען וועט אַרויסשפּרינגען עפּעס אַ רוח און וועט מאַכען אַ איבערקעהר־ רעניש אין שטוב. איהר זענט יונג, איהר האָט נאָך די וועלט נישט געזעהן. אָבער איך זאָג אייך: ס'זענען פערהאַן אַזעלכע אויגען, וואָס אַז דו קוקסט אויף זיי, זענען זיי גאָרנישט; נאָר אַז דו דער־ צערנסט זיי, שפּריצט פון זיי אַרויס אַ העלישעס פייער. דו האָסט געזעהן מיין רבקה'ס אויגען? פאַר אויגען זאָלט איהר וויסען זיך צו היטען.

און אָט די אַנאַ האָט געוואָרפען אויף מיר אַ שלעכט אויג. קיינמאָל האָט זי מיך נישט גערופען מיט'ן נאָמען. „זשידיאָנאָק“— האָט זי מיר כסדר גערופען, און דער נאָמען „זשידיאָנאָק“ פלעגט זיך אַראָבקייקלען פון איהרע ליפּען עפּעס גאָר אויף אַ בעזונדערע אופן, — מיט אַ אָפּענעם שמייכעל און אַ בעהאַלטענער שנאה.

צווישען די פערבאָטען, וואָס מיר האָבען געהאַט צו היטען, האָבען זיך געפונען אויך די: „נישט צו רעדען קיין יודיש, נישט צו זאָגען קיין יודישע תפלות, צו בעטען אַלע טאָג פאַר'ן בילד פון דער היילינגער מוטער און פאַר'ן צלם, און זיך נישט צו היטען פון עסען טרפות“.

די ערשטע פערזאָגען האָט אַנאַ געזעהען, איך זאָל פּינקטליך מקיים זיין; נאָר בנוגע צום לעצטען האָט זי זיך נישט וויסענדיג געמאַכט. זי האָט מיר געשפּייזט אין קיך מיט ברויט און קערנער פּשוט, פאַר קאַרגשאַפט. ס'איז געווען אַמאָל אַ מעשה, אַז זי האָט מיר געגעבען אַ שטיקעל פליישׁ און איך האָב נישט געוואָלט עסען. האָט זי אויסגעגאָסען אויף מיר איהר גאַנצען כעס און געוואָלט געהן זיך קלאָגען אויף מיר פאַר'ן אָפּיציער, נאָר פּיאָטאָר האָט איהר אָבגעהאַלטען פון דער אכזריות. ער האָט אַ שאָקעל געטאָן אויף מיר מיט'ן האַנד און געזאָגט: „ער וועט אונטערוואַקסען וועט ער קליגער ווערען“.

פון דאַמאָלס אָן האָט זי אָנגעהויבען כסדר מיר צו דערלאַנגען פליישיגע מאכלים — און אַזוי ווי איך האָב זיך געהאַלטען ביי מיינס

און נישט געגעסען, האט זי ווידער געוואלט דערצעהלען אויף מיר דער אדמיניסטראציע. גראד איז אין יענער צייט געהאפט געווארען ביי דעם הטא אנ׳אנדער קאנטאניסט פון דעם דארף, וואס איך האב איהם נישט געהאט געקענט ביז אהער — יעקב האט עה געהייסען. זיין בעשיצער האט זיך געקלאגט אויף איהם, אז ער דאווענט אויף יודיש און וויל קיין פלייש נישט עסען. איז ארויס אויף איהם דער גזר, צו קריגען צוואנציג שמיץ, און אלע קאנטאניסטען האבען ערהאלטען דעם בעפעהל, צו קומען זעהען די עקזעקוציע פון דעם דאזיגען פערברעכער.

שפעטער זענען מיר שוין צוגעוועהנט געווען צו אזעלכע מעשיות; דעם ערשטען מאל אבער האט דאס אונז אויסגעזעהן שרעקליך. שטעל דיך פאר: א יונגעל פון פופצעהן יאהר. מ׳טוט איהם אויס נאקעט, מ׳לעגט איהם אוועק מ׳ט׳ן פנים אראב, איינע זעצט זיך איהם אויף די פיס, איינער אויפ׳ן קארג, צוויי שטעהען איבער איהם איינער אנטקעגען אנדערן און האלטען אין די הענד בינדלעך מיט ריטער. צעהן מאל דארפען זיי אויפהויבען און אראבלאזען אויף איהם די ריטער, כדי עס זאל צוזאמען זיין צוואנציג.

איך האב געקוקט אויפ׳ן פנים פונ׳ם ליעגענדען און געזעהען, אז ער איז וויים, ווי קאלך. מיט די ליפען האט ער געשעפטשעט עפעס א לחש; אפשר האט ער געזאגט „והוא רחום״.

ס׳זענען אויפגעהויבען געווארען די ריטער... א שרעקליך געשריי... בלוט... שטיקלעך הויט.. געשריען מ׳צעהלט: איינס, צוויי, דריי... א געשריי... א פלוצלונגע שטילקייט... ווידער א געשריי ווידער שטיל... פיער, פינף... שטעה!

דער אויפזעהער איז געווען אויף אזוי פיעל גוטהערציג, אז ער האט צוטיילט די שטראף אויף צוויי מאל, ווייל דער געשמיסענער האט געחלש׳ט. מ׳האט אוועקגעטראגען יעקב׳ן פון פלאץ אין שפיטאל. ס׳איז פערשריבען געווארען אויף איהם, אז ער דארף קריגען נאך צעהן שמיץ, נאכדעם ווי ער וועט געזונד ווערן און איך בין אוועק אהיים.

ווען אנא וואלט מיר געבען אין יענעם אבענד חזיר־פלייש צו עסען, ווייס איך נישט, וואס איך וואלט געטאן. ביינאכט האב איך געזעהן דעם רב אין חלום. מיר האט זיך געדאכט, אז ער שטעהט פאר מיר מיט אנ׳איינגעבויגענעם קאפ און טרערען פאלען איהם פון די אויגען.

איך געדענק שוין נישט, ווי מאריוסע האט זיך בעצויגען צו מיר אין די ערשטע צייטען. איך געדענק נאר דעם ערשטען בליק, וואס זי האט געווארפען אויף מיר אין דער ערשטער מינוט פון מיין אריינקומען צו זיי אין שטוב. ס'זענען דיר פערהאן א סך נארעשע זאכען, וועלכע דו געדענקסט אויף דור־דורות. דאס איז געווען א פרעהליכער, ווילדער און רעדעוודיגער בליק; א בליק, וואס מ'קען איהם מיט קיין ווערטער נישט איבערגעבען. ס'האט אויסגעזעהן, ווי זי האט געוואלט מיר זאגען: „ברוך הבא! גוט האסטו געטאן, וואס דו ביזט געקומען! איך דארף דיך טאקע האבען — איך האב נישט מיט וועמען צו פערברענגען די לעדיגע שעהען!"

זי האט טאקע געדארפט האבען אזא יונגעל, ווי איך, ווייל מיט די מעדלעך פון דארף האט זי זיך נישט גע'חבר'ט. דאס דאזיגע שעֶנע, פרעהליכע מעדעל — פלעגט אפט אריינפאלען אין א „מרה־שחורה", און ס'האט געריסען ביי'ם הארצען קוקענדיג אויף איהר. בשום אופן האט די מאמע איהרע נישט געקענט דאמאלס ארויסרייסען פון איהר מויל אפילו איין ווארט. איך האב מיך דאן גוט איינגעקוקט אין איהר פנים און מיר האט זיך געדאכט, אז זי איז גאר אינגאנצען אנ'אנדערע. צופיעל איז איהר פנים דאמאלס ענליך געווען צו דעם פנים פון איהר מאמען, אט ווי זי וואלט אין איין מינוט עלטער ווערען מיט א סך יאהרען. אויף איהר געזיכט האט זיך דאמאלס אויסגעגאסען עפעס אזא זאך, וואס האט איהר אנדערש געמאכט פון אלע מענשען, און דעריבער אפשר אויך מיך דערנעהנטערט צו איהר.

איך האב געדארפט אין אזעלכע מינוטען נאר אויפשטעהן און ארויסגעהן — און איך בין שוין זיכער געווען, אז זי וועט אויך ארויסקומען און פערברענגען מיט מיר עטליכע שעה אין קינדערשע שמועסען; און דאמאלס האט איהר ווילדקייט און פרעהליכקייט פאר זיך גאר קיין גרענעץ נישט געהאט. אזוי בין איך ביסלעכווייז איינגעוועהנט געווארען מיט איהר און אין שווערע מינוטען פון בענקשאפט און עלענדקייט, האב איך אליין שוין אויך אנגעהויבען שפירען א ציהעניש צו איהר.

אויף צומארגענס, נאכדעם, ווי איך האב צוגעזעהן די עקזעקוציע איבער יעקב'ן, איז אויף מיר אנגעפאלען עפעס א רוח שגעון, ווי מ'זאגט, „איך האב מיר קיין ארט נישט געפונען". איך האב

געמיינט, אַז דאָס האַרץ ווערט מיר צופּלאַצט. שאלות זענען מיר געבוירען געוואָרען אין קאָפּ: „וואָס טהו איך דאָ? צו וואָס בין איך אַהער געקומען? וואָס זענען פאַר מיר אָט די אַלע בעשעפענישען?"— ריכטיג, ווי ווען איך וואָלט ערשט נעכטין אַהער געקומען און גע־קומען מיט'ן אייגענעם ווילען!...

מאַריוסע האָט מיך אָנגעקוקט. איך ווייס נישט: אפשר האָט זי דערקענט דעם טרויער ביי מיר אויפ'ן פּנים. מיר האָט זיך פערוואָלט אויסגיעסען פאַר איהר דאָס האַרץ, און איך בין אַרויס־געגאַנגען אין גאָרטען הינטערן שטוב. גלייך איז זי מיר נאָכגעקומען. איך האָב פאַר איהר אויסגעווייזט מיין פּיין און דערצעהלט איהר, וואָס איך האָב נעכטין געזעהן. זי האָט געהערט און איז אַ פער־ציטערטע געוואָרען.

— פאַרוואָס האָט מען איהם געשמיסען? — האָט זי געפרעגט און אַ ציטער האָט זיך געהערט אין איהר שטימע.

— ווייל ער האָט גערעדט אויף יודיש און נישט געוואָלט עסען קיין פליישׁ.

— און פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט עסען?

— מ'טאָר נישט.

— מ'טאָר נישט?? פאַרוואָס?

איך האָב געשוויגען.

זי האָט אויך געשוויגען. דערנאָך האָט זי אַרויפגעלעגט אויף מיר איהר האַנד, און מיט איהר געוועהנליכער פרעהליכקייט געזאָגט:

— דיך וועט מען נישט שמייסען.

— פון וואַנען ווייסטו?

— דער אָפיציער איז אונזערער אַ גוטער בעקאַנטער.

— און אויב דיין מאַמע וועט מיך פער'מסר'ן?

— אויב מ'וועט דיך פערמשפּט'ן צום שמייסען, וועל איך געהן אָנשטאָט דיר.

און ביי די ווערטער האָט זי זיך הילכיג פונאַנדערגעלאַכט. דאָס געלעכטער האָט געווירקט אויף מיר אויך. מיר האָבען ביידע געלאַכט, נישט וויסענדיג פון וואָס.

איך בין אַריין אין שטוב — „אַנ'אַנדער מענש". פון דאַמאָלס אָן האָב איך מיך געפיהלט זעהר נאָהנט צו דעם מעדעל.

אין א געוויסען טאג — איך געדענק נישט, אין וועלכע צייט: דער חשבון פון דער צייט איז אין יענע טעג אינגאנצען פערווישט געווארען פון מיין זכרון — נאר דאס געדענק איך, אז איך האב שוין געקענט דאמאלס אויף אזוי פיעל רעדען רוסיש, מיינע הער'ערס זאלען מיר פערשטעהן, אז איך בין שוין פעהיג געוועזען צו א סך ארבייטען אין שטוב און אין פעלד, און האב שוין געקענט מיין בעשיצער צופריעדען שטעלען. און איך געדענק, אז אין יענעם טאג האב איך זיך בעמיהט, צו טאן אלץ נאך זיין געשמאק. איך האב געוואלט האטש איינמאל אויסנעהמען ביי אנא'ן. איך האב געבענקט נאך דעם נחת־שמייכעל פון א מאמע'ן. —

אנא איז אריינגעגאנגען און ארויסגעגאנגען און האט זיך גע־מאכט ריכטיג, ווי זי וואלט מיך גארנישט בעמערקט. איך בין געזעסען אויפ'ן שוועל עלענד, און מיין הונט קוקט אויף מיר מיט אויגען— מיר דאכט, אז טרערען האבען זיך פון זיי געגאסען. איך מוז דיר בעמערקען, אז דער גורל פון מיין הונד איז געוועזען גאר אנ'אנדערער. אין אנהויב, גלייך ווי ער איז אריינגעקומען אין פיאטערס הויף, זענען אויף איהם אנגעפאלען די היימישע הינט און געוואלט איהם אויף שטיקער צורייסען. איז ער אריינגעלאפען זיך בעהאלטען אין קיך — האט מען איהם פון דארטין מיט שטעקענס פערטריבען: „פון וואנען האט ער זיך דא גענומען"? — האט מען זיך געוואונדערט. האט מיין „בילער" געזעהען, אז ער האט נישט דערוויל אויף וועמען צו האפען — און פערלאזענדיג זיך אויף זיינע ציינער האט ער מלחמה געהאלטען מיט די הינט פון הויף און זיי צובלוטיגט. דאן האבען מיינע בעלי־בתים געזעהען זיינע הינטישע פעהיגקייטען און פער־שטאנען, אז ער קען זיי צו־ניץ קומען. האבען זיי איהם מקרב געווען און געגעבען צו עסען.

דער הונט איז געהאלפען געווארען, זיין הילף אבער איז איהם נישט בעקומען: מיט זיין בעזונדער הויש האט דער הונט גע־פיהלט, אז איך, זיין גלות־חבר, בין עלענד און אונגליקליך; און דעריבער האט ער נישט געגלויבט זעהר שטארק אויך אין דער דויערהאפטיגקייט פון זיינע רוהיגע טעג. שטענדיג, ווען איך בין געזעסען עלענד און פערזונקען אין אומעטיגקייט, פלעגט ער זיך אויסציהען פאר מיר און מיר אריינקוקען אין די אויגען מיט א זיכערן און פערוואונדערטען בליק. איך גלויב, אז ער האט מיך גע־וואלט פרעגען:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס ווערסטו דאָ אויך נישט אַזאַ תּושב, ווי איך?

אַנאַ איז ווידער אַרויסגעגאַנגען און האָט אַ וואָרף געטאָן אויף מיר אַ בליק:

— פוילער זשידעק! זיצט זיך לעדיג און די גאַנצע אַרבייט, גרייט איהם אָן צום פרעסען, און ער וועט קומען צום גרייטען.

איך בין אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָב אָנגעהויבען זיך אַרומקוקען אין אַלע זייטען, כדי צו געפינען זיך עפּיס אַנ׳אַרבייט.

— גאַנצע האַפּ אָן דעם קליינעם הזיר׳ל און ברענג איהם אַהער — האָט זי מיר בעפעהלען.

די אַרבייט האָט מיר נישט געשמעקט; איך האָב שוין נעכטין נאָך געהערט אַנאַ׳ן רעדענדיג וועגען דעם, אַז מ׳דאַרף קוילען דעם קליינעם הזיר׳ל, און איך האָב איהם רחמנות געהאַט: אמת טאַקי אַ הזיר, אָבער ס׳איז דאָך פאָרט אויפגעהאָדעוועט געוואָרען דאָ.

מיר איז שווער געווען ווערן אַ שותּף צו דער דאָזיגער אַרבייט; ס׳איז אָבער גענוג געווען איין געשריי פון אַנאַ׳ס מויל — און מיין האַנד איז שוין געלעגען אויף דאָס קליינע בעשעפעניש, וואָס איז געווען צוגעוועהנט צו מיר און האָט געהאַט צוטרוי צו מיר. אַנאַ האָט מיר געגעבען אַ שטריק איהם צו בינדען און איך האָב איהר געפאָלגט. דאָס קליינע בעשעפעניש האָט שרעקליך געשריען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס שרייט: „זשידעק! מיר טוסטו עס אַזוי?! —

אַנאַ האָט מיר געגעבען אַ מעסער אין האַנד, האָט מיר אָנגעוויזען דעם אָרט, וואו צו שניידען... דאָס הזיר׳ל האָט זיך בעגאָסען מיט בלוט און אָנגעהויבען האָרחלען מיט׳ן האַלז.

אַנאַ האָט מיר געהייסען ברענגען האָלץ, אָנלעגען אַ פייער און אַרויפלעגען אויף איהם דעם הזיר׳ל. איך האָב אַלץ געטאָן.

מיין הונט זשעט, קוקט אויף מיר און וואונדערט זיך. און דאָס הזיר׳ל האָרחעלט מיט׳ן האַלז... און דאָס פייער פלאַמט אויף און סמאַליעט עס אַרום — דער הונט פערדרייסט דעם קאָפּ און בילט.

ביינאַכט האָט זיך מיר געדאַכט אין חלום, אַז איך און מיין ברודער דער שוחט שטעהען אויפ׳ן הימעל פאַר׳ן מדת־הדין, און פערשידענע בעשעפענישען שטעהען און קלאָגען זיך אויף אונז; אויף איהם קלאָגען זיך גענז, טויבען און נאָך כשר׳ע עופות

אויף לשון-קודש: „האסטו עפּעס אַ סך הנאה געהאַט פון די אַלע, וואָס דו האָסט אויסגעשאָכטען?!"... און אויף מיר האָרהעלט אַ הדרה מיט אַזעלכע הריקערייען און געשרייען, וואָס קיין מענש פערשטעהט זיי נישט.

אויף צו מאָרגענס איז אַנאַ אויפגעשטאַנען פריה, האָט מיך אוועקגעשטעלט פאַר דער „הייליגער מוטער" און פאָרגעזאָגט מיר „איהר ברכה"; און צו מיטאָג האָט זי מיר אוועקגעזעצט בײַם טיש געבען פּיאָטר'ן, האָט מיר דערלאַנגט אַ געבראָטען שטיקעל חזיר און פון דעם די אויגען נישט אַראָבגענומען.

איך גלויב, אַז די אַלע הכנות האָט זי געמאַכט נאָר, אום מיך צו ברענגען דערצו. איך האָב געזעהען, אַז זי וויל אָנרייצען אויף מיר דעם מבושם'דיגען פּיאָטער'ן, האָב איך זיך דערשראָקען און אָנגעהויבען עסען. איך קײַ, און הער דאָס הריקען פון אַ חזיר... פון זיך אינווענייג הער איך דעם קול... און וואונדער זיך אויף די דערבײַאיגע מענשען, וועלכע הערען נישט דאָס הריקען און קײַען רוהיג דעם ביסען אין מויל... עפּעס אַ שטיק האָט זיך מיר אוועק-געשטעלט אין האלז... עס שטיקט... שטויסט צום ברעכען.. — און דאָ האָט מיר געטראָפען אַ מאוס'ע מעשה: איך האָב פערשמוצט דעם גאַנצען טיש... אַלע האָבען זיך אַ רוק געטאָן אויף הינטען מיט כעס און עקעל. איך האָב בעגעגענט מאַריוס'עס אויגען און זיך געשעמט צו קוקען אין זיי. אַנאַ איז אויפגעשפּרונגען פון טיש אַ צופּרעגעלטע פון כעס, האָט מיך אָנגענומען פאַר די אויערען און אַרויסגעשלעפּט אין דרויסען.

— וואָן אַרויס, זשיד פערשמוצטער! זאָלסט נישט וואַגען נאָכאַ-מאָל אין שטוב אַרײַנצוקומען!

זי האָט מיך אַרויסגעטריבען. פּיאָטר און מאַריוסע האָבען געשוויגען.

אַ בעליידיגטער האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שוועל הינ-טערן שטוב, און מײַן הונט ליגט אויסגעצויגען פאַר מיר און קוקט מיך אָן. איך האָב אָנגעהויבען טענה'ן צו מײַן עלענדען חבר: „דו זעהסט, הונד! מ'טרײַבט אונז אַרויס! עס וואָלט זיך פּאַסען, אַז מיר זענען דאָ אַליין געקומען מיט'ן אייגענעם ווילען; מ'האָט דאָך אונז געבראַכט אַהער איבער געוואַלט — טאָ וואָס טרײַבט מען אונז איצט?" —

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער הונט פערשטעהט מיינע טענות, דאָס אַרויס פון האַלז אַ פערשטיקטען טאָן און שלינגט איהם איין.

און אַ געדאַנק האָט זיך מיר אַריינגעקוועטשט אין קאָפּ: „אפשר איז אין דער אמת'ן געקומען פאַר מיר די צייט צו אַנטלויפען? אויב מ'וועט מיך נאָכיאָגען און האַפּען, וועל איך זיך פערענטפערן און זאָגען, אַז מיין בעשיצער האָט מיך אַרויסגעטריבען פון שטוב. דער דאָזיגער געדאַנק האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, ווי אַ קלפה: „אַהיים! צו דיינע עלטערן!" עס האָט מיר געקלעכערט אין האַרצען דער יתוש: „אויב מ'האָט דיך אַרויסגעטריבען, ביזטו דאָך פריי!" — אָבער זעה, ווי גרויס עס איז די קראַפט פון דער רוט: איך האָב געוואוסט בעשטימט, אַז ביז וואַנען מיין בעשיצער וועט זיך דערוויסען, ביז ער וועט געבען צו וויסען דעם אָפּיציער און ביז יענער וועט שיקען יאָגען נאָך מיר, וועל איך שוין זיין ווייט פון דעם דאָרף. מיינע חושים זענען שוין געווען אַזוי פערהאַרטעוועט, אַז איך האָב שוין נישט מורא געהאַט זיך צו בעהאַלטען אין וועלדער; פאַר קלפות און שדים האָב איך שוין אויך קיין מורא נישט געהאַט, וויַיל איך האָב שוין געהאַט איינגעזעהען, אַז קלפות קענען נישט פייניגען דעם מענשען מעהר, וויפיעל עס פייניגט איהם דער מענש — און פון דעסטוועגען, ווען איך האָב מיך דערמאָנט אָן דער רוט, וואָס הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָב אויפ'ן נאַקעטען לייב; אָן די בלוט-שפּריצען; אָן די שטיקער הויט און אָן די געשרייען, וואָס העלפען נישט — איז אויף מיר אַ פחד אָנגעפאַלען. ניין! דאָס איז נישט געווען קיין פחד. דאָס איז געווען אַ מין הכנעה, אַ מין אונטערטעניגקייט. ווען אַ רוט וואָלט ליגען נעבען מיר אין יענער מינוט, וואָלט איך זי געקושט פון מורא. מיר איז שווער דאָס אייך איבערצוגעבען: איהר, יונגוואַרג, זענט נישט פעהיג דאָס צו פערשטעהן.

בין איך אַזוי געזעסען פערזונקען אין טרויער און כעס, און האָב גאָר נישט געפיהלט, ווי די זון איז דערווייל אונטערגעגאַנגען און ווי ס'איז נאַכט געוואָרען. די פינסטערניש איז געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב נישט געקענט אונטערשיידען מיט'ן אויג דעם הונט, וואָס איז געלעגען פאַר מיר. ערשט פלוצלונג דערפיהל איך עפּעס אַ גלעט און אַ רייהר איבער די האָר... אַט ווי דאָס פאָרכען זיך פון אַ יאַשטשערקע און פון אַ נאַכטפויגעל... איך האָב אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנד,

אזוי ווי וועלנדיג עס אבטרייבען פון זיך. דער פויגעל אבער איז אבגעשפרונגען פון דאנען און האט זיך מיר אוועקגעשטעלט אויפ'ן האלז. איך האב אויסגעצויגען די האנד אנצוהאפען דעם פויגעל, וואס קיצעלט מיר אין האלז, און זי איז אנגעהאפט געווארען פון א ווייכער און ווארעמער הענדטיל. איך בין א פערציטערטער געווארען און אבגעשפרונגען אויף הינטען: פאר מיר איז געשטאנען מאריוסע מיט אנ'אראבגעלאזענעם קאפ. איך האב געוואלט אויסשטעהן, זי אבער האט מיר צוגעהאלטען מיט'ן האנד. זי האט זיך געזעצט נעבען מיר און גערירט מיין האנד מיט איהרע ביידע פויסטען.

— פארוואס זיצטו דא?

— דיין מאמע האט דאך מיר ארויסגעטריבען?

— ס'איז גארנישט! דו קענסט איהר דען נישט? זי איז שוין אזוי!

— שטענדיג פערשעמט זי מיר: זי רופט מיר „זשידיאנאק".

— איז וואס? דו ביזט דען נישט קיין יוד? וואלט איך דען אין כעס געווארען אויף דיר, ווען דו וואלסט מיר גערופען קריסטין?!

איך האב איהר נישט געהאט, וואס צו ענטפערן. איך האב געטראכט אין יענער מינוט: איך פערמאוס זיך דאך אליין, ווען איך געפין זיך בעליידיגט מיט דעם נאמען „זשידיאנאק". אמת, זי מיינט דערמיט מיך צו רייצען און צו בעליידיגען; אבער הענגט דאס דען אב פון איהר?

— און וואס קלערסטו איצט צו טאן?

— איך וויל אנטלויפען.

— אהין מיין ווייסען?

זי האט אויף מיר אנגעשטעלט איהרעביידע אויגען. איך האב מיך געפיהלט דאמאלס, ווי ווען זי וואלט ארויפלאזען אויף מיר צוויי שטראמען ווארעמקייט. מיינע אויגען, וועלכע זענען ביז־ליכוויי צוגעוועהנט געווארען צו דער פינסטערניש, האבען געהאפט יעדע בעוועגונג פון איהר קערפער. דאס לייכטע שמייכעלע פון איהרע ליפען האט פערטריבען פון מיר דעם אומעט. איך האב פלוצלונג דערשפירט, אז איך האב אין דעם הויז א פריינד, א גוטען חבר, א גוטע חבר'טע, א גוטע, שענע חבר'טע. —

איך בין גערירט געווארען און האב אנגעהויבען וויינען,

און זי האָט מיר געגלעט דעם קאָפּ, דאָס האַלז און דעם פּנים. גוט האָט זי געטאָן, וואָס זי האָט מיר געלאָזן וויינען. נאָכ'ן וויינען איז מיר לייכטער געוואָרן. זי האָט געוואָלט אַרויסנעמען איהרע האַנד, איך האָב זי אָבער נישט אָבגעלאָזן!...

— איז וואָס, ווילסטו אַנטלויפען אָהן מיין וויסען?

— ניין — האָב איך געענטפערט פערשטיקט.

און אַז איך וועל דיך רופען „זשידיאָנאָק" וועסטו אין כּעס ווערן אויף מיר?

— ניין.

— און אַז איך וועל דיר געבען חזיר צו עסען?

— סיי ווי סיי האָב איך מיך שוין פערמאוס'ט דעם מויל מיט דעם פלייש.

— בין איך דען פערמאוס'ט דערמיט, וואָס איך עס חזיר?

— ניין — האָב איך געענטפערט אַ בעזיגטער.

— אויב אַזוי ביזטו אַ וואויל יונגעל, האָב איך דיך ליעב.

איך האָב געשפירט אויפ'ן האַלז די בעריהרונג פון וואַרעמע ליפּען, און האָב פערמאַכט די אויגען, כּדי עס זאָלען נישט קוקען אויף מיר דער שוואַרצער הימעל און די פינקלענדע שטערען. ווען איך האָב דערנאָך בערעכענט, וואָס דאָ איז געשעהן, האָב איך מיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

זי איז נעלם געוואָרען און גלייך צוריקגעקומען מיט אַ זעקעלע אין האַנד.

— דער טאַטע האָט געהייסען, דו זאָלסט אַרויסגעהן די נאַכט מיט די פערד אויפ'ן „פּאַשע". דאָ האָסטו דעם זעקעלע. דאָ איז פערהאַן ברויט מיט פלייש. שטעל דיך אויף און געה.

זי האָט גערעדט געשווינד און מיט דעם געוועהנליכען נוסח פון אַלע בעל-הבתי'שע טעכטער, אַזוי ווי ווען דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען פריהער, וואָלט זיין נישט מעהר, ווי אַ חלום.

דאָס געהן ביינאַכט מיט די פערד איז געווען אַ בעזונדערע סאָרט געהן, וואָס דו האָסט געוויס דערפון קיין השגה נישט און איך מוז עס דיר ערקלערן: אַ גאַנצען טאָג אַרבייט די בהמה אין פעלד, און די בעלי-בתים מוזען איהר דעריבער געבען עסען. ביי נאַכט אָבער טוט זי דאָך גאָרנישט, פאַרוואָס זאָלען זיי איהר געבען עסען? געהט מען מיט איהר אין אַ פרעמד פעלד. דער דאָזיגער

פרעמדער האט אויך בהמות; — איהם זענען אויך פערהאן פערד, וואס טהוען גארנישט ביינאכט און האבען נישט פארוואס צו בעקומען עסען. וואס טוט ער? שיקט ער בגנבה זיינע פערד אין דעם פעלד פון זיין שכן. קומט אויס, אז דעמ׳ס בהמות פאשען זיך אינ׳ם שכנ׳ס פעלד; און דעם שכנ׳ס בהמות — אין דעמ׳ס פעלד, און ביידע פרעהען זיך. האפט מען דעם גנב ביי דער גנבה, קריגט ער „שמיץ״. פון דעסטוועגען הייסט עס אבער פארט נישט קיין גנבה: עס פיהרט זיך שוין אזוי פון קדמונים אן. מסתמא האבען די בעלי־בתים באלד פאראויס אויסגערעדט: אויב דו וועסט האפען מיין גנב, בין איך דיר מוחל פאר די קלעפ, וואס דו וועסט אין איהם אריינלעגען; דערפאר זאלסטו מיר מוחל זיין פאר די קלעפ, וואס איך וועל געבען דיין גנב.

און נאך אלעמען האב איך גאנץ ליעב געהאט צו געהן אויף דער „פאשע״. איך האב ליעב געהאט די נעכט אין פעלד ווען די לבנה לייכט גאנץ שוואך. אויסער דיינע ד׳ אמות קענסטו גארנישט אונטערשיידען, און זעהסט נישט קיין זאך, וואס זאל דיר דערמאנען דעם ארט, אין וועלכען דו געפינסט דיך, און בעגרעניצען דיין איינבילדונג. דו האסט ארום זיך נאר דעם געוועלב פון הימעל אויבען, וואס דיין טאטע און דיין מאמע געפינען זיך אויך אונטער איהם; און דו קענסט דיך איינרעדען, אז דער טאטע שטעהט פאר׳ן טהיר און איז גראד איצט מחדש די לבנה; און די מאמע קוקט אויף יענעם בלישצעדיגען שטערן, וואס דו קוקסט אויף איהם — ביידע קוקט איהר אויף דעם זעלביגען פונקט. און הויבסט אן וויינען, און שטעלסט דיך פאר, אז די מאמע וויינט אויך איצט; און עס הערט די נאכט, און עס הערען דיך די שטערענס, די זשאבעס קוואקען. דו ווילסט? קענסטו גלויבען, אז זיי וויינען מיט מיט דיר, אז זיי זיפצען פאר דיר. די אלע זאכען זענען נישט מעהר, ווי נארעשקייטען און איינבילדונגען. אמאל אבער, דאמאלס, ווען דו האסט נישט קיין „ממשות״, האסטו פערגניגען פון די דאזיגע נארעשקייטען; און א שטיל ווינטעל טראגט זיך דורך פערביי דיר דרינגט אריין אין דיר און פרישט דיך אב; און דו הויבסט אן גלויבען, אז נישט אייביג וועסטו געפאנגען זיין, אז ס׳וועט קומען א טאג און דו וועסט בעפרייט ווערן; און דאמאלס, אין אזעלכע מינוטען, ליעג מיט׳ן פנים צום הימעל און שלאף איין. און אויב

עס וועט דיך נישט אויפוועקן די רויטע פּנים בעל־הגית פון פעלד, וועסטו זעהען אזעלכע שיינע חלומות, וואס קיין מויל קאן זיי גאר נישט איבערגעבען.

איך האב גענומען דאס זעקעלע, און בין ארויסגעגאנגען מיט די פערד אינ'ם ברייטען, פרייען פעלד, וואס ציהט זיך און ליגט בערגזונקען אין דער נאכט־פינסטערניש. איך ווייס נישט, צי אויף צו־להכעיס מיין בעל־הבית, צי איך האב עס גלאט אזוי געטאן, נאר דאס מאל בין איך נישט געגאנגען פאשען די פערד אין פרעמדע פעלדער; איך האב מיך אראבגעלאזען טיעף אין דער ניעדער, אין יענעם שטיקעל פעלד, וואס פאטער האט געלאזען אויף צו שניי־דען היי, און האב מיך אויסגעצויגען אויף דער גוטער ערד און אויף איהר ווייכען גראז.

מיר האט זיך פערוואלט ארויפברענגען אין זכרון דעם טאטען מיט דער מאמען, און שמועסען מיט זיי אין געדאנק; דאס מאל אבער האט זיך מיר דאס נישט איינגעגעבען. דאס בילד פון דעם אלטען רב שוועבט מיר פאר די אויגען. מיר דאכט זיך, אז ער קוקט אויף מיר א ברוגז'ער. ער דערצעהלט מיר א מעשה מיט יוסף הצדיק, וועלכער איז געזעסען ביי פוטיפרע'ן אין שטוב און האט געלעבט מיט טרוקענע קערנער.

און ווען איך האב מיך דערמאהנט אן יוסף הצדיק, בין איך שטארק געפאלען געווארען ביי זיך צוליעב דער מעשה מיט מאריו־סען. איך האב נישט געקענט אבלייקענען זיך אליין, אז די דאזיגע יונגע „גויע" געפעלט מיר, און אויב זי וועט מיר געבען הזיר צו עסען אפילו צעהן מאל א טאג, וועל איך איהר אויך נישט פערזאגען און עסען. און אויסער דעם בין איך אליין זיך נאך משתדל מלמד זכות צו זיין אויף איהר. דעם גאנצען הטא נעהם איך אויף זיך; איך בין גרייט צו גלויבען, אז נישט זי איז געקומען צו מיר, נאר איך האב איהר גערופען.

איך האב מיך זעהר זינדיג געפיהלט, און האב אפילו ווייגען נישט געקענט. מיר האט זיך געדאכט, אז דער הימעל איז היינט שווארצער, ווי נעכטען, און די שטערען בלישצען גארנישט היינט, — און א פערזונקענער אין טרויעריגע, טריבע מחשבות בין איך אנטשלא־פען געווארען.

עפּעס א שטימע האט מיך אויפגעוועקט פון שלאף... עפּעס

עהנליך צו אַ געוויין... נישט ווייט פון דאַנען... עס טראָגט זיך די שטימע און שוועבט אינ'ם אַיר פון טהאָל... איך בין אַ דערציטערטער געוואָרען. און די שטימע גערט און גיעסט זיך... קלינגט און ציהט דאָס האַרץ... און גערט אַהער, גלייך צו מיר...

אַ צוצאַפּעלטער בין איך אויפגעשטאַנען און האָב מיך געלאָזען גערן נעהנטער צו דעם אָרט, פון וואַנען די שטימע האָט זיך געטראָגען. און אַרום, און אויבען, און אונטען — איז פינסטער, שטאָק-פינסטער: די לבנה איז שוין פערגאַנגען. איך בין אָבגעגאַנגען עטליכע טריט — און איך דערזעה שוין נישט מיינע פערד. באַלד האָב איך אָנגעהויבען האַפּען ווערטער אין דער שטימע; ווערטער, וואָס פרעסען, פרעסען דאָס האַרץ, ווי מיט צוואַנגען... ווערטער פון תהלים:

„כי יודע יי דרך צדיקים, ודרך רשעים תאבד".

איך האָב אויפגעהערט מיך צו שרעקען, און האָב אָנגעהויבען צו שטוינען: „פון וואַנען קומען די ווערטער דאָ אין גלות?"

איך האָב אָנגעהויבען צווייפלען, צי דאָס איז נישט אינגאַנצען אַ חלום.

„למה רגשו גוים... ולאמים יהגו ריק...?"

דאַן האָב איך אויך אָנגעהויבען אויפ'ן קול:

„יתיצבו מלכי ארץ..."

ס'איז שטיל געוואָרען די שטימע, און איך האָב געהערט טריט.

— ווער איז דאָרט? — פרעגט אַ קול אויף יודיש.

— איך! און ווער איז דאָרט?

— מיר! — ענטפערן אַ סך שטימען פאַר אַ מאָל.

— קאַנטאָניסטען?

— אַ קאַנטאָניסט?

און אין מיטען די שאלות האָבען מיר זיך בעגעגענט.

דאָס זענען געווען דריי קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דאָרף ווייט פון פיאָטער'ס הויז, און איך האָב זיי נישט געקענט. זיי זענען אויך אַרוים ביינאַכט אויף דער „פּאַשע" מיט די בהמות פון זייערע בעלי-בתים און האָבען זיך בעגעגענט אין דעם טהאָל.

מיר איז אַנגענעם זיי אָנצורופען מיט די נעמען: דאָה

גרעסטער פון זיי איז געווען „יעקב", דער, וואס איך האב דיר שוין דערצעהלט פון איהם, און די אנדערע צוויי — סימאן און רובין; דארט אין פעלד אבער האבען זיי זיך אנגערופען מיט זייערע יודישע נעמען, ווי מ'האט זיי גערופען אין דערהיים: יענקעל, שמעו'לע און ראביק.

ווי איך בין דערנאך געוואהר געווארען, האט זיי דער טהאל געדיענט פאר א שטענדיגען פלאץ, זיך צוזאמען צו קומען אלע מאל. דאס איז געווען א בעזונדערע סארט קלויז, וואס מ'האט איהם געקענט רופען „ר' יענקעל'ס קלויז".

ער, יענקיל, איז געווען א יונגעל פון פופצעהן יאהר, וואס מ'האט איהם צוגענומען פון דערהיים, ווען ער איז שוין געווען „אנגעשטאפט" מיט תורה. מיר אלע האבען שוין געהאט פערגעסען דעם חשבון פון די טעג; דער דאזיגער יענקיל אבער האט זיך בערימט, אז ער געדענקט די טעג לויט זייער אויסזעהן און לויט זייער ריח, און בעזונדער — די פרייטאגדיגע טעג. זיינע חברים האבען עדות געזאגט אויף איהם, אז ער נארט נישט אב; און בעריהמט האט ער זיך, אז ער האט אויפ'ן רעכנונג אלע טעג פון יאהר, אזוי אז ער האט קיין איין יום־טוב נישט דורכגעלאזען.

אין די יום־טוב'דיגע נעכט קומען זיי זיך צוזאמען דא, אין דעם טהאל.

לויט יענקיל'ס חשבון איז אין יענער נאכט אויסגעפאלען „תשעה באב" און זיי זענען זיך אהער צוזאמענגעקומען, ווי זייער שטייגער איז געווען.

— אויב אזוי — האב איך זיך געווענדעט צו זיי מיט א שאלה — טא וואס זאגט איהר עפעס תהלים? זאגט בעסער קינות!

— קינות קענען מיר נישט אויסווייניג — האט מיר יענקיל ערקלערט, ווי א נ'עלטערער בעל־הבית, וואס מ'רופט איהם ר' יענ־קיל — מיר קענען אויף אויסווייניג נאר עטליכע קאפיטלען תהלים און זיי זאגען מיר אלע יום־טוב; און אין תוך אריין רעדענדיג, זענען דען די ווערטער דער עיקר? סיי־ווי־סיי זענען דאך די ווערטער לשון־קודש'דיגע! דער עיקר איז די כונה; אזוי האט מיר געלערנט דער טאטע, עליו השלום: „אלץ געהט נאך דער כונה פון הארצען! אויב דו ווילסט, איז דער פשט פון „למה רגשו גוים" — „אתה בחרתנו מכל העמים"; און אויב דו ווילסט — „איכה ישבה בדד"!

דער יודישער לשון, וואס איך האב שוין לאנג נישט גע־האט זיך בענוצט מיט איהם, האט אויף מיר א בעזונדער ווירקונג געמאכט: אט בין איך אין א יודישער סביבה! א יודישער קבוץ, יודען, אזעלכע, ווי דער טאטע און די מאמע. איך האב געפיהלט א שטארקע התבטלות פאר דעם „למדן מופלג“, פאר יענקיל'ען, וואס וויים אלץ, ווי א „תנא“. איך האב געזעהען אין איהם א מין קליינעם „רב“ איבער דער דאזיגער קליינינקער קהלה.

די בעגעגעניש מיט זיי האט נאך מעהר פערשטארקט מיין טרויער. איך האב אויסגעזעהן ביי זיך אין די אויגען, ווי דער רשע פון שטאדט, וואס עסט הזיר און טוט א סך הארבע עבירות. איך טאר זיך גארנישט מצרף זיין צו די דאזיגע פרומע יודען.

דערווייל האט דער קליינער ראובעל'ע א טאפ געטאן מיין זעקעל און געפונען דארט א מציאה.

— קינדער! עסען! — האט דער קליינער אויסגעשריען פון התפעלות.

הברה האט דערהערט עסען, און איז לעבעדיג געווארען, אזוי זענען שוין די קאנטאניסטען געוועהנט געווען, זיך צו דער־פרעהען מיט יעדען עסען אפילו זאטערהייד. נישט שטענדיג אפילו האבען מיר זיך געקענט קלאגען אויף אונזערע בעלי־בתים בנוגע צום שטילען דעם הונגער; אממעהרסטענטייל פלעגען זיי אונז גע־בען עסען צו דער זעט. אזוי אבער ווי זיי פלעגען אונז נישט געבען צום עסען דאמאלס, ווען עס האט זיך אונז געהונגערט, נאר ווען ס'איז אויסגעקומען לויט זייער רעכנונג, האבען מיר זיך צוגעוועהנט צו עסען מיט אפעטיט אפילו אויך דאמאלס, ווען דער בויך איז אונז פול געווען. „עס, ווען דו האסט, וועסטו נישט דארפען הונגערן, ווען דו וועסט נישט האבען!“ — דאס איז געווען א בע־קאנט שפריכווארט ביי אונזערע ברידער.

זיי האבען אנגעהויבען זוכען אין מיין זעקעל, און איך בין אנ־אנגעצינדענער געווארען פון חרפה, וויסענדיג, אז אט באלד וועלן די דאזיגע ערליכע יודען געפינען ביי מיר אין זעקעל — חזיר־פלייש.

איך האב אנגעהויבען וויינען און זיך מתודה זיין אויף מיינע זינד.

— איך בין געשטרויכעלט געווארען — האב איך קוים גע־קענט ארויסרעדען זיפצענדיג — חזיר־פלייש... איך האב נישט גע־קענט ביישטעהן דעם נסיון.

מיר האט זיך געדאכט, אז יענקיל איז מיין „בית־דין", און די צוויי קליינע — מיינע עדות, וואס האבען מיר געחאפט ביי דער עבירה. יענקיל האט אויסגעהערט די אבגעריסענע ווערטער פון מיין ודוי. די עדות האבען איינגעגראבען זייערע פנים'ער אין דר'ערד, ווי זיי האלטען זיין די בעשולדיגטע; און איך — איך וויין און זיפץ.

— הער נאר, קליינער, — האט זיך יענקיל געווענדעט צו מיר — איך ווייס נישט צו דו ביזט דורכגעגאנגען די אלע מדרגות פון גיהנום, וועלכע מיר זענען דורכגעגאנגען. מ'האט דיך אויסגעשמירט מיט סמאלע און ארויפגעפיהרט אויף דער אויבערשטער באנק אין באד, וואו די היץ ברענט און שטיקט? מ'האט דיך געשמיסען מיט ריטער דערפאר, וואס מ'האט דיך געטראפען מורמלענדיג „מודה אני"? מ'האט דיך אוועקגעשטעלט אויף די קניע צווישען שפיציגע שארפע שטיינער, דערפאר, וואס דו האסט נישט געוואלט קושען דעם צלם? מ'האט דיך געטראפען אמאל קושענדיג בגנבה די ציצית פון „ארבע־כנפות" און אבגעמשפ'ט אזוי פיעל ריטער, וויפיעל פעדים ס'זענען פערהאן אין די ציצית? אויב דו האסט עס אליין נישט איבערגעטראגען — טהו א קוק אויף אונזער לייב און צעהל איבער די געשווירען און די בלוטיגע וואונדען, וואס זענען דארט איבערגעבליבען. און דערצו קענסטו צורעכנען אויך די שמיץ, וואס איך דארף נאך קריגען, ווייל מיין קליין קערפעריל האט נישט געקענט אריבערטראגען די גאנצע צאהל שמיץ מיט אמאל. — און נאך דעם אלעמען, איז נאך נישט איבערגעגאנגען קיין איין טאג, מיר זאלען נישט זאגען קיין „מודה אני"; און פון חזיר־פלייש האבען מיר זיך אזוי לאנג אבגעהיט, ביז זיי האבען אינגאנצען אויפגעהערט אונז דערפאר צו שלאגען, נאר, פשוט, נישט געגעבען אונז קיין אנדער זאך צום עסען, אויסער חזיר־פלייש. צוויי גאנצע מעת־לעת האבען מיר געפאסט: נישט קיין ברויט און נישט קיין וואסער איז אין אונזער מויל געקומען. דו זעהסט אט דעם קליינעם שמעו'לען? די גראזען פון דער ערד האט ער דאמאלס געפרובט עסען. און אין דער דריטער נאכט פון אונזער תענית האב איך געזעהן דעם טאטען אין חלום. ער איז געווען אנגעטאן אין זיינע יום־טוב'דיגע מלבושים און אין האנד האט ער געהאלטען אחומש. ער האט אנגעהויבען צו לעדרנען מיט מיר און מיר איינצוחזר'ן דעם פסוק „ונשמרתם

לנפשותיכם". און פּלוצלונג האָט זיך די ערד געעפענט: ס'איז אַרויס דער מלאך-המות... אין דער רעכטער האַנד האָט ער געהאַלטען רײַטער און אין דער לינקער — חזיר-פלייש, און ער האָט עס דער-לאַנגט מיר צום מויל. איך קוק אויפ'ן טאַטען מיט אַ ציטערניש... און ער לאַכט. דאָס גאַנצע אָרט האָט געלויכטען פון זיין געלעכטער, און ער האָט געזאָגט: „דו עסט עס דען מיט'ן גוטען ווילען?" דער טאַטע האָט אָנגעהויבען אַרויפצושוועבען אין דער הויך, און פון דערווייטענס האָט ער צו מיר געשריען: „זאָג דיינע „געהאַפטע" ברידער, אַז זייער שכר איז זעהר גרויס! יעדער איינ-ציגער פון זייערע זיפצען ווערט גערעכענט פאַר אַ תפלה; יעדע גוטע מחשבה ווערט פערערעכענט פאַר אַ מעשה, און אויב איהר וועט אויסגעהן פון הונגער, וועט איהר זיין אין גיהנום". איך האָב מיך אויפגעהאַפּט. און פון דאַמאָלס אָן האָבען מיר אָנגעהויבען עסען חזיר-פלייש און טרפה עסענס. דער עיקר איז, מיר זאָלען בלייבען יודען; איך בין זיכער, אַז גאָט וועט אונז דערפאַר נישט שטראָפען.

אַ שטיין האָט זיך מיר אַראָבגעקוילערט פון האַרצען; איך האָב אָנגעהויבען וויינען פון שמחה. און אַזוי ווי איך האָב שוין אָנגעהויבען דערצעהלען, האָב איך שוין בעשלאָסען צו דערצעהלען איהם מיין אַנדערען חטא אויך. איך האָב געהאָפּט צו קריגען פון איהם אַ היתר אויף מאַריוסען, אָט אַזוי, ווי איך האָב עס גע-קריגען פון איהם אויף חזיר-פלייש.

דערווייל האָט שמעולע אַרויסגענומען פון מיין זעקעל ברויט און פלייש.

— פרעסער! — האָט יענקיל אויף איהם בייז אַ געשריי גע-טאָן — דו האָסט פערגעסען? היינט איז דאָך „תשעה באָב"!

אַ פערשעמטער האָט שמעולע אַלץ צוריק אַריינגעלעגט און איז אָבגעגאַנגען אָן אַ זייט.

איך האָב דערצעהלט יענקלען אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקו-מען צווישען מיר מיט מאַריוסען, און גאָרנישט טראַכטענדיג ווע-גען דעם האָב איך מיר משתדל געווען צו געפינען פאַר איהר אַ זכות. מיר דאַכט, אַז איך האָב דאַמאָלס אַ סך מגזם געווען און ליעגען געזאָגט בנוגע צו דער ליעבע, וואָס זי פיהלט צו יודען.

— און וואָס איז דער סוף געווען? — האָט יענקיל געפרעגט אַ

דערשראָקענער — זי האָט דיך טאַקע ממש געקושט?

יעדערער פון דער קאָמפּאַניע האָט איבערגעפרעגט די זעלביגע שאלה.

איך האָב אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דר׳ערד און — געשוויגן.

— זי איז אַ יפת־תּואר?

איך שווײַג.

— איך האָב פאַרגעסן — ווי רופט מען דיך?

— שמואל.

— הער, שמואל, דאָס איז אַ האַרבער ענין! נאָך האַרבער ווי עס שטעהט בײַ יוסף הצדיק! דו פערשטעהסט? איך ווײס ניט, ווי דאָס דיר צו דערקלערען. ס׳איז אַ סכנה פאַר אונז צו געפינען דאָ... אין גלות... צווישען אונזערע שונאים.. אמת׳ע און ערליכע גוטע פרײַנד.

— פאַרוואָס? — האָב איך מיך געוואונדערט.

— איך ווײס נישט. איך פיהל דאָס. עלענד און געפּײַניגט זענען מיר אַרויסגעגאַנגען, און עלענד און געפּײַניגט מוזען מיר זיך אומקעהרען. די צרות און די גערעכטיגקײט געהערען צו אונז. מיר מוזען זיי היטען, ביז מיר וועלן זיי צוריק ברענגען אַהײם.

— איך פערשטעה נישט.

ער האָט אויסגעשטעלט אויף מיר זײַנע אויגען און געזאָגט:

— זעה, איך זאָג דיר אָן! אַנטלויף פון איהר!

זײַנע ווערטער זענען מיר אַרײַן טיעף אין דער נשמה. איך האָב אַײַנגעבויגען דעם קאָפּ פאַר איהם מיט אונטערטעניגקײט און מורא. דאָס איז געווען זײַן כח נישט נאָר איבער מיר, נאָר אויך איבער אַלע אַנדערע חברים: פלעגט ער אויף אימיצען אַ קוק טאָן, איז שוין יענער געוואָרען זײַן שקלאַף. איהם האָט מען נישט געקענט נישט פאָלגען.

איך בין געוואָרען גאָר אַנ׳אַנדער מענש: אַ משא פון צוויי עבירות איז מיר אַראָפּגענומען געוואָרען פון האַרצען. אויף אײנע האָב איך בעקומען אַ היתר, און אויף דער אַנדערער בין איך געוואָרען אַ בעל־תשובה. מיט אַ פרעהליך האַרץ בין איך צוגעשטאַנען צום עולם, און מיר האָבען ווידער אָנגעהויבען זאָגען די ערשטע קאַפּיטלען פון תהלים, אָנשטאָט קינות. צום סוף האָב איך פאַר־

געלעגט, מיר זאלען זאגען „על נהרות בבל", וואס איך האב געקענט אויף אויסווענינ.

מיין פארשלאג איז אנגענומען געווארען.

א עדה פון פיר קליינע יודעלעך איז געשטאנען אויף פיאטער הלאפאווס לאנקע, בעהאלטען פון די ארומיגע בערג און איינגעהילט אין די שאטענס פון דער נאכט, „גנבים" אויף יענעס רעכנונג און „קלאגערס" אויף דעם אייגענעם רעכנונג — און האבען געשריען פון טיפען הארצען:

„על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון".

מיר האבען געשריען, מיר זענען געזעסען און געוויינט, זיך דערמאהנענדיג, וואס מיר האבען איבערגעלעבט — און וואו מיר געפינען זיך.

דער אלטער שמואל האט זיך א האפ געטאן אין מיטען דערציהלען. ס'איז דונקעל געווארען און ער האט זיך דערמאהנט, אז ער האט נאך קיין מנחה ניט געדאווענט.

ער איז אראפגעגאנגען, האט געוואשען די הענד אינ'ם וואסער פון דער בלאטע, איז צוריק ארויף און פערזונקען געווארען אין דאווענען.

VI

ווען דער אלטער האט געענדיגט דעם דאווענען זיצענדיג אויפ'ן וואגען, האט ער נישט געווארט, איך זאל איהם דערמאהנען: ער האט זיך אליין אומגעקעהרט צו דעם ארט, וואו ער האט זיך אבגעשטעלט, פונקט ווי ער וואלט דארפען אבגעבען מיר דין וחשבון פון אלץ, וואס ער האט איבערגעלעבט. די לעצטע פארנאכטיגע שטראהלען זענען פערלאשען געווארען. א ווינטערדיגער אבענד האט אונז איינגעהילט אין א געדיכטער פינסטערניש.

דער אלטער האט געענדיגט זאגען „עלינו לשבח" און בעטאנט פון דער פינסטערניש ארויס די ווערטער: „לתקן עולם במלכות שדי וכל בני בשר יקראו בשמך... ביום ההוא יהיה אדוני אחד ושמו אחד". די ווערטער האבען זיך געשלענגעלט אין דער נאכט-פינסטערניש, ווי זיי וואלטען וועלן איהר שפאלטען, צושטרייען; זיי זענען אבער איינגעשלינגען געווארען אין איהר און האבען נאך זיך קיין שום סימן נישט איבערגעלאזען.

אין גלות קיין גוט'ס נישט האָבען, און האָב מיט'ן גאַנצען האַרצען הרטה געהאַט אויף דער פערגאַנגענהייט, ביז — איך בין ווידער גע-קומען צו איהר.

— איך רעכען יענעם טאָג, אין וועלכען איך האָב זיך בע-קאַנט מיט יעקב'ן, — האָט דער אַלטער זיך צוגעאײלט און אָנ-געהויבען די פאָרטזעצונג פון זיין ערצעהלונג — פאַר אַנאָנהויב פון אַ נייעם לעבען. איך בין צוגעוועהנט געוואָרען, צו קוקען אויף איהם, ווי אויף אַ גרויסען מענשען, וואָס זיינע מעשים דאַרפען אונז דיענען פאַר אַ ביישפיעל. וואָס יעקב האָט געזאָגט, איז דאָס גע-ווען געזאָגט, נישט ווי קיין השערה און קיין ספק, נאָר ווי אַ בעשטימט אָבגעפסק'ענטע זאַך. דאָרט וואו ער אַליין איז נישט זיכער געווען, האָט איהם דער פאָטער פותר געווען זיינע שאלות אין חלום. מיר האָבען געוואוסט צו פאָלגען נאָך איהם און זיינע חלומות.

איך בין געוועהנט געווען איהם צו זעהן עסענדיג טרפות, מחלל שבת זיין און עובר זייענדיג אויף דער גאַנצער תורה אָהן אַ שום צווייפעל; און פון דעסטוועגען זאָגט ער אונז שטענדיג אָן, מיר זאָלען זיך לאָזען שלאָגען און אויסשטעהן אַלע מיני צרות, אַיידער בוגד צו זיין אין יודישקייט; און דעריבער האָב איך מיר פאָרגע-שטעלט אין געדאַנק, אַז דאָס יודישקייט איז נישט קיין תפלה און נישט קיין אָבגעהיטקייט פון פערשיעדענע מינים עבירות, נאָר עפּעס גאָר אַנאַנדער ענין, וואָס איך ווייס נישט זיין נאָמען און קאָן נישט אָנווייזען אויף איהם מיט'ן פינגער. יעקב — ווייס עס זיכער. איך פיהל דאָס נאָר. אַנאַ פיהלט דאָס אויך: וואָרום ווען נישט, וואָלט זי דאָך מיר נישט גערופען שטענדיג „זשידיאָנאָק" און וואָלט דאָך מיר נישט אַזוי פיינד געהאַט, נאָכדעם, ווי זי האָט שוין געזעהן, אַז איך בין עובר אויף אַלע מצוות פון דער תורה.

אַמאָל פלעגט טרעפען, אַז איך האָב געקוקט אויף זיך און אויף מיינע חברים, ווי אויף די קאָמאַנדירען פון דעם אויבערשטענ'ס סאָלדאַטען. אַליץ, וואָס ער האָט פערבאָטען, האָט ער פערבאָ-טען נאָר די סאָלדאַטען. די סאָלדאַטען זענען פראָסט, זיי דאַרפען שטעהן גלייך און פאָלגען, וואָס מ'הייסט זיי. די קאָמאַנדירען אָבער זענען שוין גאָר אַנאַנדער זאַך. אונז האָט דער אויבערשטער כביכול

מרמז געווען אין יעקב׳ס חלומות: פאַר איך איז פערהאַן אַנ־אַנדער יודישקייט; איהר וועט שוין אַליין פערשטעהן, וואָס און ווען מ׳מעג, וואָס און ווען מ׳טאָר נישט.

מיר האָט זיך אָפּט אויסגעדוכט, אַז איך בין מקיים מיין יודישקייט דערמיט, וואָס איך וועל בייַשטעהן דעם נסיון פון שטן אין דער געשטאַלט פון מאַריוסע׳ן: אויב איך וועל זיך אויף איהר נישט אומקוקען, קויף איך זיך עולם הבא אין איין מינוט.

איך האָב מיך בעוואָפּענט געגען איהר מיט אַלע מיני כלי־זיין, און ביי מיר איז פעסט בעשלאָסען געוואָרען, אַז ווען זי וועט מיר געבען שטילערהייד עפּעס צום עסען, זאָל איך עס איהר אין פּנים אַ שלײַדער טהון; און טאָמער וועט זי אַרויפלעגען אויף מיר די האַנד, וועל איך זי אָבשטויסען פון זיך. איך וועל איהר זאָגען, אַז איך בין אַ יוד, און זי איז — גאָרנישט.

איך האָב געקעמפּפט מיט איהר שאָטען און האָב איהם מנצח געווען, אַזוי לאַנג ווי איך האָב איהר נישט געזעהן; ווי אָבער זי האָט זיך מיר אַ וויַיז געטהון פאַר די אויגען, זענען מייַנע כלי־זיין קאַליע געוואָרען. אַזוי ווי פערשכור׳ט האָט זי מיך. איך האָב נישט געקאָנט בייַשטעהן נישט קעגען דעם פייַער פון איהרע ווילדע אויגען, נישט געגען — איהר אינגאַנצען. אַלץ אין איהר איז געווען עפּעס נישט מעשה־קלפּה, נאָר פּשוט — עס האָט דיר געצויגען, געצויגען אָהן דייַן ווילען. און ווען זי האָט אויף מיר אַרויפגעלעגט איהר ווייכע הענדטעל, האָב איך אייַנגעבויגען דעם קאָפּ און מפקיר געווען זיך אינגאַנצען, זי זאָל טהון מיט מיר, וואָס איהר האַרץ גלוסט; און זי האָט געטהון: — וואו ס׳האָט מיר געפעהלט אַ קנעפּיל — האָט זי צוגענעהט; וואו מייַן בגד איז צוריסען געווען — האָט זי געלעגט אַ לאַטע; אַ קלייַנע מאַמעלע איז זי פאַר מיר געווען, און עסען און גוטע זאַכען האָט זי מיר געבראַכט, און האָט מיר געהייסען עסען, און איך האָב איהר געפאָלגט. זי האָט פון מייַן זכרון אינגאַנצען אויסגעמעקט יעקב׳ן מיט זייַן תורה.

פלעג איך אָבער צוזאַמענקומען זיך מיט יעקב׳ן — פלעג איך אָן איהר פערגעסען, און זייַן תורה זיך אייַנ׳חזר׳ן, אַז מ׳טאָר

צוויי כּחות האָבּען אין מיר מלחמה געהאַלטען.

און מיט יעקבּ'ן פלעג איך זיך טרעפען גאַנץ אָפט; פון יענער נאַכט אָן, וואָס לויט יעקבֿ'ס חשבּון איז עס געווען תשעה-באָבֿ, האָבּען מיר זיך כּמעט אַלע נאַכט געטראָפען אויפ'ן לאָנקע, און ס'איז אַזוי ווייט געקומען, אַז מיר האָבּען זיך שיער נישט צוקריגט: איך האָבּ בשום אופן נישט דערלאָזען, אַז אַלע זאָלען בּרענגען זייערע בהמות אַהער זיי זאָלען אַרומעסען דעם גאַנצען היי פון מיין בעל-הבּית'ס לאָנקע; שמעון און ראובן ווידער האָבּען אויך נישט געלאָזען, אַז איך זאָל בּרענגען מיינע פערד אויף זייערע פעלדער, און עס האָט געהאַלטען דערבּיי, מיר זאָלען אינגאַנצען איבּעררייסען אונזער חבר'שאַפט; דאַן אָבּער האָט זיך יעקבֿ געווענדעט צו אונז מיט זיין בּעפעהלענדער מיינונג:

— „קינדער! איהר דאַרפט וויסען, אַז דאָס „פּאַשען" בּיי-נאַכט איז אינגאַנצען אַ ענין פון גנבה. אמת די גנבה איז נישט אונזערע; קוים אָבּער האָט מען דאָס איבּערגעגעבּען אונז אין די הענד, דאַרפען מיר זיך פיהרען דערבּיי מיט יושר און גערעכטיג-קייט. לאָמיר איבּערצעהלען, וויפיעל פערד יעדערער פון אונז האָט? און לויט דער צאָהל פון די פערד, וועלען מיר איינטיילען די נעכט, און בּייטען די „פּאַשע": ווער עס האָט מעהר פערד, בּיי דעם אויפ'ן פעלד וועט מען מעהר מאָל פּאַשען, און די גנבה וועט האָטש זיין מיט יושר".

דער פּראָיעקט איז אָנגענומען געוואָרען, אַזוי ווי עס זענען אָנגענומען געוואָרען אַלע זיינע פּראָיעקטען, נישט ווי פּראָיעק-טען, נאָר ווי גזרות, ווי בּעפעהלען; און פון דאַמאָלס אָן האָבּען מיר אָנגעהויבּען פּראַווען די „גנבה מיט יושר".

די בּעלי-בּתּים אונזערע זענען זיך געשלאָפען אין דערהיים, האָבּען זיך געפרעהט מיט דער גנבה און ס'האָט זיי נישט געשאַדט; האָט זיך אָבּער איינמאָל מיט אונז מתחבר געווען אַ גוי'שער שגץ, סערגיי איוואַנאָוויטש, דער זוהן פון פּיאָטער הלאָפּאָוו'ס אַ שוואָגער, וועלכער פלעגט אויך אַמאָל געהן אויף דער „פּאַשע". אין אָנ-הויבּ האָט דער דאָזיגער שגץ געמוזט מקבּל זיין אויף זיך יעקבֿ'ס גזרה; נאָר אויף צומאָרגענס האָט ער אויסגעזאָגט די גאַנצע מעשה.

די בּעלי-בּתּים זענען אין כּעס געוואָרען. יעקבֿ האָט גענומען די גאַנצע זאַך אויף זיך, און געקריגען געשלאָגען פאַר אונז אַלע-

מען. און פון דאמאלס אן איז יעקב'ס קלויז פערמאכט געווארען; מ'האט אונז אויפגעהערט צו שיקען ביינאכט אויף דער „פאשע".

צווישען זיך רעדענדיג, זענען זיי אביסעל גערעכט געווען: דורך אונז זענען זיי אבגענארט געווארען. יעדער איינער פון די דאזיגע בעלי־בתים האט געגלויבט, אז זיין פערד ברענגט איהם א געוויסען רווח יעדע נאכט, ד. ה. אזוי פיעל, וויפיעל עס בעטרעפט די פאשע פון א נאכט. זיבען נעכט— זיעבען מאל אזוי פיעל; אין א חודש — דרייסיג מאל אזוי פיעל, פלוצלונג דערוויסען זיי זיך, אז יעדען איינעמ'ס פערד פאשעט זיך אויף דעם רעכענונג פון זיין אייגענעם בעל־הבית — הייסט דאך עס, אז מיר האבען זיי גורם געווען א גרויסען שאדען מיט איין מאל.

אי וואס? א גנבה — ועסטו זאגען? וואס ארט עס דיר, יודישער שנעק? מ'גנב'ט דען דיינ'ס??!

א בעקאנטער קריסט האט מיר אמאל געזאגט: „דאס איז שוין דער אייביגער הסרון פון א יודען, וואס ער רוקט זיך ארײן דארט, וואו מ'בעט איהם גארנישט". און אט דעם דאזיגען הסרון האט דערשמעקט אין אונז אויך סערגיי איוואנאוויטש און ער האט אונז כסדר אויפגעווארפען איהם.

יעקב'ס קלויז איז פערמאכט געווארען; מיר האבען זיך אבער אבגעזוכט אנדערע צייטווייליגע ערטער, און האבען אנגעהויבען אפט ארײנקומען איינער צום אנדערן — אונזערע בעלי־בתים האבען נישט מקפיד געווען אויף דעם.

איך ווייס נישט, ווער עס האט מאריוס'ען איינגערוימט אין אויער, וואס'רע מין נפש אט דער יעקב איז און וואס'רע מיינונג ער האט וועגען איהר? — זי האט פיינד געקריגען גלייך פון דער ערשטער מינוט, וואס ער איז ארײנגעקומען צו מיר: „פרוי־ אדם" האט זי איהם גערופען.

— איך האב נאך קיינמאל נישט געזעהן אזא יודען! — האט זי מיר געזאגט — איך האב פשוט מורא פאר איהם, — פאר זיינע אויגען האב איך מורא, און קאן איהם נישט אנקוקען.

ווען ער איז ארײנגעקומען צו מיר, איז זי ארוים פון צימער און נישט ארײנגעקומען פריהער, ביז ער איז אוועק; און איך בין דערפון צופריעדען געווען: מיר איז פשוט אונמעגליך געווען זיך צו געפינען אין איין צייט אונטער דער השפעה פון זיי ביידע.

אַזוי האָב איך אָבגעלעבט טעג און וואָכען אין מיין נייעה סביבה: פּיאָטער פּלעגט מיר אָפט אַרויסווייזען סימנים פון פריינדשאַפט; אַנאַ האָט מיר פערטיילט ביטערע צרות; מאַריוסע האָט מיר ליעב געהאַט, ווי אַ אייגענעם ברודער און געוואַרעמט מיט דעם גלוט פון איהרע אויגען. יעקב האָט מיר נישט אויפגעהערט צו לערנען, אַז אין גלות טאָר מען די מינדעסטע הנאה נישט האָבען פון אַזאַ, וואָס איז נישט אין גלות, און אַז מיר דאַרפען מלחמה האַלטען פאַר אונזערע יודישקייט. סערגיי איוואַנאָוויטש איז מיר געוואָרען אַ שונא פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט דערצעהלט פאַר אַלעמען, וועגען „דער גנבה מיט יושר", און דער אָפּיציער האָט מיר געלערנט די „סלוזשבע" און האָט געהאַט ערפאָלג.

איך אַליין בין, דאַכט זיך, גאָרנישט געווען.

אַזוי איז אַריבער דער זומער און דער גרעסטער טייל פון ווינטער.

דערווייל איז אָנגעקומען עפּעס אַ יום־טוב'דיגער טאָג ביי די הלאָפּאָווס. איך געדענק נישט, וואָס'רע יום־טוב דאָס איז געווען. די דאָזיגע ערב־יום־טוב'דיגע טעג זענען געווען פאַר אונז אין גלות די סאַמע שרעקליכסטע: ווי אַנאַ פלעגט נאָר אָנהויבען זיך עוסק'ן מיט די הכנות לכבוד יום־טוב, פלעגען מיר אַרויף אויפ'ן רעיון די ערב־שבת'ן אין דערהיים, די שבתים אין קלויז, די יודישע יום־טובים און די אַלע אַנדערע זאַכען, וועלכע זענען אַזוי ליעב יעדען יודישען יונגעל, — און אַ פייערדיגע בענקעניש פלעגט זיך צופלאַקערן ביי מיר אין האַרצען. אין יענע טעג פלעגט מיר נישט העלפען אַפילו מאַריוס'עס נאָהנטקייט און די טרערען פלעגען אויך נישט לעשען דעם דאָזיגען פייער. ווי גליהענדע קויהלען פלעגען זיי זיך מיר אַנלעגען דאָ אויפ'ן האַרצען.. דו האָסט שוין אַמאָל פערזוכט דעם טעם פון אַזאַ מין פייער? דיר ווילט זיך דאַמאָלס ליעגען אויף דר'ערד, זיך וואַלגערן, צודריקען דאָס האַרץ צו עפּעס אַ שווערע זאַך. עס פאַלט דיר פּלוצלונג איין אַ משוגעת אין קאָפּ: טאַנצען, זינגען, זיך שלאָגען, וויינען, לאַכען, — אַפילו שמיץ וואָלסטו דאַמאָלס געוואָלט קריגען, אַבי דו זאָלסט דיר אַרויסשלאָגען יענע זכרונות, יענעם פייער.

הלאָפּאָוו איז אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך געזוימט מעהר, ווי געוועהנליך. מאַריוסע האָט בּיימערקט, אַז זי האָט איהם גע-

זעהן געהענדיג אין שענק.

האט אַנאַ אָנגעהויבען שילטען דעם שענקער — „אונזער משה'קען.

— הער, מאַמע, — האט זיך מאַריוסע אַריינגעמישט — וואס איז דאָ משה'קה שולדיג? ער שלעפּט דען דעם טאַטען מיט געוואַלד? ער נויט איהם דען צו טריקען?

אַנאַ איז אין כעס געוואָרען און האט אָנגעהויבען זידלען דער טאָכטער.

איך ווייס נישט, וואס מיט מיר איז אין יענער מינוט געוואָרען. מיינע פויסטען האָבען זיך צוזאַמענגעבאַלט, דאס בלוט אין מיר האט געקאָכט; איך האָב נישט געקאָנט גלייכגילטיג צוזעהן ווי מ'באַליידיגט מאַריוס'ען. דאס איז געווען אַ געפעהרליכע מינוט — איך האָב געוואָלט אָנפאַלען אויף אַנאַ'ן און איהר ממית'ן, און האָב נישט געוואוסט, אַז מאַריוסע קוקט מיר נאָך, און זעהט, וואס דאָ טהוט זיך מיט מיר.

אין דער מינוט האט זיך געעפענט די טהיר און הלאַפּאַוו איז אַריינגעקומען אמבושם'דיגער. ער האט זיך געוויגט פון איין זייט אין דער אַנדערער און מיט אַ יום־טוב'דיגער פרעהליכקייט אויפ'ן געזיכט איז ער געגאַנגען אונטערשפּרינגענדיג. הלאַפּאַוו, ווען ער איז געוועזען מבוסם'דיג, איז איהם די נשמה אַרויסגעשפּרונגען פון איהר בעהעלטעניש און האט זיך איהם אוועקגעלעגט אויפ'ן פנים. אין יענע מינוטען האט ער קיין אַנדער זאַך נישט געקאָנט טהון, ווי נאר אָדער האַלזען, קושען און וויינען אָדער שילטען, שלאָגען און שמייכלען. נישט אומזיסט האט ער זיך נוהג געווען אַרומצוגאַלען זיך אינגאַנצען פאַר יום־טוב; דאס איז געווען, כדי צו געבען אַ ברייטען און פרייען פּלאַץ זיין ברייטער נשמה. אין דעם ליעגט דער אונטערשיעד צווישען אַ יודישער נשמה און צווישען דער נשמה פון נישט קיין יודען. די נשמה פון אַ יודען איז אינגאַנצען „רוחניות", זי ציהט זיך איין און געפינט זיך אַנ'אָרט אַפילו אויפ'ן שפּיץ נאָז. די נשמה אָבער פון אַ גוי פערנעהמט, כביכול, אַ ברייטען אָרט, אַזוי ווי אַ „גשמיות".

ער האט זיך אָנגעהויבען צו שפּיעלען מיט מיר און מיט מאַריוס'ען, האט אונז געגעבען גוטע זאַכען, אַבי נאר מיר זאָלען טאַנצען מיט איהם.

אַנאַ אָבער האָט אים אויפֿגענומען מיט אַ זויערער מינע.

— שוין ווידער שכּור?

אַנאַ'ס אויגן האָבן אין יענע מינוטן נישט געווירקט אויף חלאָפּאָו'ען.

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט — און חלאָפּאָו האָט זיך נישט געקאָנט מער אײַנהאַלטן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן אויף איר:

— זשידאָווקאַ!

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אַנאַ'ן און האָב געזען, אַז זי איז אַ אָנגעצונדענע געוואָרן; איך האָב געזען, ווי מאַריוסע איז רויט געוואָרן; איך האָב אַ קוק געטאָן אויף חלאָפּאָו'ען און האָב געזען, ווי זײַן נשמה הויבט זיך אָן אײַנצוציִען און קערט זיך צוריק אום אין איהר בעהעלטעניש. אַנאַ איז אַוועק אין איהר צימער. דער גאַנצער סדר איז געשטערט געוואָרן.

איך בין אָבגעשפּרונגען הינטער זיך אַ ערשטוינטער: „זשידאָווקאַ" — וואָס באַדײַט עס?

איך האָב רחמנות געקריגן אויף חלאָפּאָו'ן, אויף דער דערשראָקענער מאַריוס'ן, אויף דער ווייַנענדער אַנאַ'ן, אויף דעם גאַנצן יום-טובֿ, וואָס איז צושטערט געוואָרן צוליעב דעם איינציגן וואָרט: „זשידאָווקאַ"; און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז אַ גרויסער טייל פֿון דער שולד פֿאַלט אויף מיר. וואָרום אין דער אמת'ן: צו וועמען דען האָט דאָרט געהאַט אַ שייכות דאָס וואָרט „זשידאָווקאַ" מעהר, ווי צו מיר? צו חלאָפּאָו'ען אפשר?!

דעם אַלטענ'ס ערצעהלונג איז דאָ איבערגעריסען געוואָרן דורך אַ הילכיגען הירזשען פֿון די פֿערד, צווישען וועלכע עס איז פֿאָרגעקומען אַ קליין געשלעג: דאָס פֿאָדערשטע פֿערד האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט זײַן ביסעל פֿרייהייט און אַ ביס געטאָן דעם מיטעלסטן שכן. יענער האָט אים נישט געקענט אָבגעבן, ווײַל ער איז געווען צוגעבונדן מיט שטריק, און האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף זײַנע הינטערשטע פֿיס. דער פֿורמאַן האָט דאַן אויסגעהויבן אויף זיי דעם בײַטש און זיי האָבן צווישען זיך שלום געמאַכט.

— ווײַט זיך מטריח, — האָט אונז דער בעל-עגלה אַ עצה-טובֿה געגעבן — קריכט אַראָב פֿון וואָגן און געהט צו ביז יענעם

באַרג, איהר זאָלט נישט פערגליווערט ווערען זיצענדיג!

אַ בעל-עגלה אין וועג דאַרף מען זיך נישט לאָזען בעטען, און מיר האָבען געטאָן, וואָס ער האָט אונז געהייסען.

VII

אויף צומאָרגענס, — האָט דער אַלטער ווייטער דערצעהלט— איז מיר די זאַך אַביסעל קלערער געוואָרען. מאַריוסע האָט מיר אויסגעזאָגט, אַז אין דאָרף מורמעלט מען אויף איהר מאַמען, בכן זי זאָל זיין אַ „געשמאַד'טע ז׳שידאָווקע“. זי ווייס נישט אויף וויפיעל דאָס איז אמת... אַמאָל טרעפט, אַז דער טאַטע רופט זי „ז׳שידאָווקאַ“ דאָס איז אָבער נאָר פון שכרות, און זי ווייסט נישט, צי ער זאָגט עס אַליין, צי ער הורט נאָר איבער די פלוידערייען, וואָס ער הערט וועגען איהר אין דאָרף. ווען זי פרעגט דער מאַמען וועגען דעם, ווערט זי אין כעס. דער טאַטע האָט ליעב יודען, נאָר די מאַמע האָט זיי פיינד. זי אַליין האָט ליעב דעם טאַטען מעהר פון דער מאַמען. זי האָט אויך ליעב יודען. זי הבר'ט זיך מיט די קינדער פון „אונזער משהק'ען“ אָהן דער מאַמע'ס וויסען. זי קען נישט פערשטעהן, פאַרוואָס די מאַמע האָט אַזוי פיינד יודען? און דערווייל האָט זי מיר פערשוואוירען, איך זאָל איהר זאָגען דעם אמת: „ווי זענען די יודען דאָרט אין זייערע ערטער? אַזעלכע, ווי דער ווילדער יעקב, צי אַזעלכע, ווי איך?“

איך האָב שוין מעהר נישט געהערט איהרע ווייטערדיגע פלוי-דערייען, ווייל איך בין געווען פערנומען מיט דעם איין געדאַנק: אויב ס'איז אמת, וואָס מ'זאָגט, איז דאָך מאַריוסע האַלב אַ יודישע! איך האָב זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען דאָס: אויסצוגעפינען דעם סוד. דאָס איז אויך אַ בעקאַנטע זאַך ביי אַלע קאַנטאָניסטען, וועלכע זענען געווען מוטיג, ווי אָדלער'ס און שטאַרק, ווי לייבען צו ערפילען דעם פערלאַנג פון זייערע בעלי-בתים, און קלוג, ווי פוקסען, צו געפינען אַנ'עצה אין אַ נויטיגער מינוט. דאָס האָט שוין עדות געזאָגט אויף אונז דער פאָלקאָווניק אונזערער פּאַוועל אַקימאָוויטש — און גן-עדן זאָל ער זיין צווישען אַלע חסידי אומות-העולם! — אַ פלינקער סאָלדאַט, אַ ניכטערער אָפיציער און אַ גוטהערציגער בעשיצער איז ער געווען, אָט דער פּאַוועל! ווי אַ לייב היט אָב זיינע קליינע

לייבעלעך, אַזוי פלעגט ער אונז היטען און בעשיצען. און ער פלעגט אַזוי זאָגען:

— דו האָסט נישט קיין בעסערן סאָלדאַט אין אַ נויטיגער מינוט פון אַ יודען; נאָר וואָס דען? דו דאַרפסט וויסען, ווי זיך צו בעגעהן מיט איהם. גיעב נישט דעם יודישען סאָלדאַט קיין אויספיהרליכע, אויסגעטייטשטע „פריקאַזען", ווייל דאַמאָלס נעהמסטו פון איהם די מעגליכקייט אויסצונוצען זיין טאַלאַנט, אויסצוגעפינען אַ עצה; — און דערמיט פערליערסטו אַ סך. דו זאָג איהם נאָר בקצור, וואָס דו ווילסט און וואָס דו דאַרפסט, און דאַמאָלס קענסטו שוין זיכער זיין, אַז פון גיהנם אפילו וועט ער דיר אויך דיינס ברענגען!

קוים האָב איך זיך איינגעזעצט אויסצוגעפינען דעם סוד וועגען אַנאַ'ן, האָב איך אָנגעהויבען זוכען פלענער און האָב געפונען:

דאָס איז געווען אין אָנהויב פריהלינג. הלאָפּאָוו איז אַהער אין די נאָהנטע דערפער, וואָס האָבען זיך געפינען אונטער זיין רשות, איינצומאָהנען פּאָדאַטקעס פון די פויערן, און האָט זיך געזוימט אין וועג עטליכע טעג.

יענעם גאַנצען טאָג האָט מיר אַנאַ געפייניגט, אויף איהר שטייגער: אַרומגעשיקט מיר כסדר מיט איבריגע שליחות'ען, געפאָדערט פון מיר צוויי אַרבייטען פאַר איין מאָל, און בכלל געשריען, געשאָלטען, געשטויסען, געריסען פאַר'ן אויער — זי איז שוין געווען איין מאָל אַ בריה אויף צו פייניגען און דעם טויט צו מאַכען. בייגאַכט בין איך געלעגען אויף מיין געלעגער אין פאָרהויז. דאָס איז געווען מיין שטענדיגער אָרט צום שלאָפען. אַנאַ האָט זיך געלייגט אויף איהר געלעגער און איז נאָך נישט אַנטשלאָפען געוואָרען. מאַריוסע אָבער האָט שוין גוט געהראָפּעט. דערווייל האָט זי זיך דערמאָהנט, אַז זי האָט פערגעסען די טהיר פון שטוב צו פערשליעסען, און האָט מיר גערופען, איך זאָל אויפשטעהן און פערשליעסען. איך האָב מיך געמאַכט שלאָפענדיג און האָב אָנגעהויבען הראָפּען. זי רופט און איך הראָפּע. פּלוצלונג האָב איך אָנגעהויבען שרייען פון שלאָף מיט אַ ציטערדיגער שטימע און אויף יודיש:

— הוי, מאַמע! לאָז אָב אַנאַ'ן! זי איז דאָך אַ מאַמע פון קינדער! ס'איז אַ רחמנות אויף איהר פאַמיליע!

אַנאַ איז שטיל געוואָרען. איך עסען עטוואָס די אויגען, און קוק אַריין דורך דער אָפענער טהיר צו איהר אין צימער. אויפ'ן טיש נעבען איהר בעט ברענט אַ ליכט. איך טהו אַ קוק אויף איהר — זי טרייסעלט זיך און האַלט אָנגעשטעלט די אויערן. איך הור איבער נאָכאַמאָל מיינע געשרייען מיט אַ שטיקעל שנוי:

— איך בעט דיך, אַמע! וואָס איז זי שולדיג? זי גיט דאָך מיר עסען! זי איז אויך אַ מאַמע! — און הויב אָן וויינען פון שלאָף.

— אַזוי? — רוף איך אויס פערוואונדערט און ווינענדיג—אַנאַ? אַ יודיש קינד?

איך זעה, אַז אַנאַ בויגט זיך איבער צו מאַריוס'עס בעטעל, אַזוי ווי זי וואָלט מורא האָבען, טאָמער וועט מאַריוסע הערען דאָס, וואָס זי דאַרף נישט הערען. זי האָט אָנגעטאָן אַ קלייד, איז אַראָבגעגאַנגען צו מיר, און אָנגעהויבען מיך וועקען שטילערהייד:

— דו שלאָפסט? שטעה אויף! שטעה אויף!

איך האָב מיך אויפגעהאָפט און אויסגעשטעלט אַ דערשראָקענעם פנים.

— וואָס האָסטו געוויינט?

— איך האָב געהאַט אַ שווערען חלום.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומ'ט?

איך שוויג.

דערצעהל, דערצעהל!

— איך האָב געזעהען דער מאַמען!

— זי לעבט נאָך?

איך האָב איהר אָפגענאַרט און געזאָגט, אַז זי איז שוין לאַנג געשטאָרבען.

— און וואָס האָט זי דיר געזאָגט?

— זי האָט געזאָגט, אַז... אַז...

— דערצעהל, דערצעהל!

— איך קען נישט אויף רוסיש.

— דערצעהל אויף יודיש!

איך קוק איהר אָן מיט אַ געמאַכטער פערוואונדערונג.

— זי האָט געזאָגט, אַז אויב אַנאַ וועט מיר אָנטאָן צרות, וועט זי קומען ביינאַכט און איהר דערשטיקען.

די פאַרבען אין אַנאַ'ס געזיכט האָבען זיך געביטען.

— און נאָך האָט זי געזאָגט, אַז אַנאַ דאַרף רחמנות האָבען אויף יודישע קינדער, ווייל... ווייל זי איז אויך אַ יודישע טאָכטער.

— — — — — — — — — — —

מיין איינפאַל איז נישט געווען אינגאַנצען לבטלה: פון דאַמאָלס אָן איז די בעציהונג פון אַנאַ'ן צו מיר געוואָרען גאָר אַנ'אַנדערע.

מיין לאַגע איז נישט נאָר געענדערט געוואָרען, נאָר פשוט איבערגעקעהרט געוואָרען פון עק צו עק. מיר דאַכט, אַז זי האָט זיך געפרעהט, ווען זי האָט געקענט בלייבען אַליין מיט מיר אין שטוב און פלוידערן מיט מיר. דו דאַרפסט וויסען, אַז איהר לאַגע אין דאָרף איז געווען נישט זעהר קיין גוטע. קיין סך בעקאַנטע האָט זי נישט געהאַט און בעסער וואָלט זיין, ווען זי וואָלט זיי גאָרנישט האָבען. קוים פלעגען זיי אַריינקומען צו איהר, האָט זיך אַ שותפות'דיגער פערדאַכט געזעהען אין זייער רעדען און אין זייער זיצען. צופיעל כבוד האָבען זיי זיך איינע די אַנדערע אָבגעגעבען, צופיעל פריינדשאַפט האָבען זיי זיך איינע די אַנדערע אַרויסגעוויזען — נישט, ווי ס'פיהרט זיך ביי מענשען. ס'איז קאָנטיג געווען, אַז יעדע איינע וויל מיט איהרע ווערטער פערטויבען דאָס, וואָס זי טראַכט און פיהלט. יעדער שמועס זייערער פלעגט זיך אָנהויבען מיט וואָס ס'איז און ענדיגען מיט אַ רכילות וועגען פרויען, וועלכע זענען נישט אָבגעהיט אין די ענינים פון דער „צערקאָוו"; און ווי זיי פלעגען צוקומען דערצו, פלעגט אַנאַ רויט ווערען פון שרעק, טאָמער וועט זי רויט ווערן; און ווען זי האָט געפיהלט, אַז זי איז אינגאַנצען רויט, ווי פייער, האָט זי אָנגעהויבען פלוידערן און בעהאַלטען איהר צוטומעלטקייט און אַרויסגעוויזען איהר ליעבשאַפט און צוגעבונדענקייט צו דעם נייעם גלויבען.

אַוועקגעהן פון איהר פלעגען די דאָזיגע גוטע בעקאַנטע איבערוואַפענדיג זיך מיט היטרע בליקען, און אַנאַ וואָלט געדאַרפט זיין אָדער אַ צו-גרויסער נאַר אָדער אַ צו גרויסע הכמה, אום נישט צו פיהלען דעם גיפטיגען ביס פון די דאָזיגע בליקען.

די בעציהונגען פון פיאָטער'ן צו איהר זענען געווען גאַנץ גוטע. ווען זיי פלעגען זיך צייטענווייז קריגען איז אַממעהרסטענטייל זי שולדיג געווען אין דעם. אַזוי געדענק איך, למשל, איין מאָל, נאָכדעם, ווי איך האָב שוין געוואוסט איהר סוד, ווען איך בין געלעגען אויפ'ן בעט און האָב נישט געקענט אַנטשלאָפען ווערן. פונ'ם שלאָפ=

צימער האָט זיך געהערט אַ קריגעריי צווישען מאַן-און-ווייב. זי איז אָנגעפאַלען אויף איהם דערפאַר, וואָס ער האָט פערגעסען צו ברענגען עהל צו דער „לאַמפּאַדע". דאָס איז אַ יום-טוב-טאָג געוועזען און הלאַפּאָה האָט פערגעסען אָן דעם אָדער ער האָט זיך סתם נישט ווילענדיג געמאַכט. אין די ענינים פון דער אמונה איז הלאַפּאָוו בכלל געווען אַ קל שבקלים, און אַנאַ פלעגט שטענדיג האָבען פרעטענזיעס צו איהם פאַר זיין פרייקייט. זי האָט איהם אַזוי דערעסען מיט איהרע טענות, אַז ער האָט פערלוירען דאָס געדולה און איהר אַ זאָג געטהון:

— ווען איך וואָלט זיין אַזוי פרום, ווי דו ווילסט, וואָלט איך אפשר געזעהען התונה צו האָבען אויך מיט אַ פרוי, וואָס איז... אַ... אַ פרומע קריסטין.

ס'קען זיין, אַז ער האָט נישט געמיינט, איהר צו בעליידיגען און צו דערמאָהנען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט פערגעסען; ס'קען זיין, אַז דאָס איז געווען ביי איהם אַ גערעכטע טענה; אַנאַ אָבער האָט זיך געפונען בעליידיגט און אָנגעהויבען וויינען.

דאָס איז געווען צנאַ'ס הסרון, איהר שטענדיגער פעהלער כמעט, וואָס איהר געפיהל איז געווען צו-איידעל, זי האָט געפיהלט נישט נאָר דאָס, וואָס מ'האָט געזאָגט וועגען איהר, נאָר אויך דאָס, וואָס מ'האָט געקענט פערשטעהן אונטער די ווערטער, און יעדען בעליידיגונגס-וואָרט, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען סתם אין דער עלט אַריין, איז זי געניגט געווען אָנצונעהמען אויף איהר רעכנונג. אויב דו ווילסט, קענסטו דעם זעלביגען מום געפינען ביי אַלע „געהאַפטע" כמעט: איך האָב געדיענט מאָל אין לידריס'עס אַרמעע. אין מיין פאָלק זענען געווען אַ מאַסע טאַטאַרען, אַביסל קאַראַאימער און אַ שפּאָר ביסל יודען. אין פלוג — דאַכט זיך, גאָרנישט. ס'איז אָבער געווען גענוג געווען איין סאָלדאַט זאָל אַ געשריי טאָן: „אַנטיכריסט"— און די יודען זענען גלייך אויפגעטרייסעלט געוואָרען, און נאָר די יודען; די טאַטאַרען און די קאַראַאימער פלעגען נאָך אדרבא זיך אַליין בענוצען מיט דעם נאָמען אויף איבערצורופען מיט איהם זייער'ן אַ חבר, אפילו אַ קריסט. דאָס איז עס, וואָס איך האָב דיר געזאָגט: יודען פיהלען צו-פיהל.

בקצור, אַנאַ'ן האָט זיך נישט יום-טוב'דיג געלעבט. זי איז עלענד געווען צווישען אַנ'עם-רב. זי איז אַ שוויגערין געוואָרען, וויל זי האָט עס געמוזט ווערן, און דאָס איז אַ גרויס אונגליק פאַר די

דאָזיגע נפשות. ווײַבער האָבען ליעב צו פלוידערן, און נעהמסטו זיי צו די מעגליכקייט צו פלאַפלען מיט'ן צונג, פערשאַפסטו זיי דערמיט גרויס צער.

פון דעם טאָג אָן, וואָס איך בין דערגאַנגען איהר סוד, בין איך געוואָרען איהר מיטרעדער. זי האָט איצט אָבגענומען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז געגויט געוועזן צו שווייגען און געהאַלטען אין איין פלוידערן מיט מיר. און פלוידערנדיג האָט מיר דערצעהלט פריהער איינס און שפּעטער ריכטיג דעם היפוך דערפון: זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זי בענקט נאָך איהר שטעדטעל און נאָך איהרע קרובים, און אַז זי האָט זיי פיינד, ווי דעם טוידט. ס'קען אפילו זיין, אַז ביידע זאַכען זענען אמת געוועזן: מיר ווייסען, אַז מ'האָט פיינד נאָר דאָס, וואָס ברענגט צער און שאָדען. זי האָט פיינד געהאַט איהרע קרובים, ווייל זיי האָבען איהר אַ סך צער פערשאַפט: דעם צער פון הרטה, דעם צער פון בענקשאַפט און אפשר אויך דעם צער פון הרפה און נאָך אַזוינס.

און ווי נאָר ס'האָט זיך אויפגעבונדען ביי אַנאַ'ן דאָס קניפּעל פון די „צעהן מאָס" האָט עס זיך שוין צוריק נישט פערבונדען. זי האָט זיך נישט געהיט צו רעדען יודיש נישט פאַר מאַריוסע'ן און נישט פאַר יעקב'ן, וועלכער פלעגט אָפט אַריינקומען צו מיר. אַנאַ האָט איהם אָנגעהויבען אויפנעהמען מיט אַ צופרידענעם פנים. נאָר מאַריוסע פלעגט אויסמיידען די געלעגענהייט צו רעדען מיט איהם. זי האָט איהם פשוט פיינד געהאַט.

אַנאַ'ס שטוב איז ביסלעכווייז געוואָרען אַ מין יודישע קאָ־לאָניע, אָדער, אויב דו ווילסט: אַ יודישער קלויז, בעזונדער ווען פּאָטער איז אין דערהיים נישט געוועזן. מיר פלעגען זיך דאָרט צוזאַמענקומען און רעדען יודיש, אָט אַזוי, ווי מיר רעדען איצט אין אַ קלויז. ביי אַנאַ'ן אין שטוב האָבען מיר זיך געפיהלט פריי. זי איז געוואָרען די מאַמע פון די קאַנטאָניסטען אין גלות, און מאַריוסע האָט אויך אָנגעהויבען פלאַפלען יודיש.

יעקב האָט געפיהלט, אַז אונזער קהלה געהט איבער פון זיין רשות אין דעם רשות פון אַנאַ'ן, און דאָס האָט איהם פערדראָסען; ער האָט נישט פערשטאַנען, אַז אמת טאַקע ער אַליין געהט איבער און ווערט פערשלונגען אין אַלע, אין דער נייער קהלה; ער גיט אָבער דעם עולם גופא, אין וועלכען ער ווערט איינגעשלונגען אַ נייע

געשטאַלט, אַ געשטאַלט, אויף וועלכער ס׳ליגט זײַן באַזונדער שטעמפּעל. אַנאַ האָט איהם אַרויסגעוויזען מעהר פרײַנדשאַפט, ווי אונז אַלעמען; זי האָט איהם געשעצט, און אָפט פלעגט זיך דאַכטען, אַז זי האָט מורא פאַר איהם.

די דאַרפסט וויסען, אַז אָט די אַנאַ האָט אין דער אמת׳ן נישט אַוועקגעוואָרפען איהר ערשטען גלויבען, נאָר זי האָט אויף זיך גענומען די האַרבקײַט פון בײדע גלויבענס. זײַענדיג אַ יודישע טאָכטער האָט זי מורא געהאַט פאַר דעם יודישען גיהנם — איצט איז איהר צוגעקומען די מורא אויך פאַר דעם גוישען גיהנם. איך בין איהר חושד, אַז זי האָט נאָך געקענט „ויהי נעם״ זאָגען אויף אויסווענדיג; און חלומות האָט זי געגלויבט — אין דעם זענען דאָך אַלע פרויען גלײַך — און זעהען פלעגט זי חלומות גאַנץ אָפט. יעקב ווידער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ער קען פותר זײַן חלומות און ער פלעגט איהר אויסטײַטשען און בעשײדען יעדען חלום איהרען.

מיר זענען שוין אַזוי צוגעוועהנט געוואָרען דערצו, מיר האָבען זיך שוין אַזוי פיעל ערלויבט אין דעם הויז, אַז אײנמאָל האָבען מיר זיך אַרײַנגעלאָזען אין אַ טיעפען יודישען שמועס, און האָבען גאָרנישט בעמערקט, ווי פּיאָטער איז אַרײַנגעקומען אין שטוב. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישען אונז, האָט זיך אָנגעהויבען אַרײַנמישען אין אונזער שמועס, און זײַן שטענדיגער שמײכעל איז איהם געלעגען אויפ׳ן פנים. ער פרעגט און מיר ענטפערן; מיר פרעגען, און ער ענטפערט — אויף רײַן יודיש, ווי מיר וואָלטען כסדר אַזוי רעדען מיט איהם, דאַמאָלס האָט זיך מאַריוסע אַ האַפּ געטאָן און אויסגעשריען מיט אַ פרעהליכער פערוואונדערונג:

— טאַטע! דו קענסט אויך רעדען יודיש?

מיר האָבען זיך אַלע אַ צאַפּעל געטאָן, ריכטיג, ווי ווען מ׳וואָלט אונז דאָ געהאַפּט בײַ אַ גנבה.

זײַן שמײכעל איז נאָך ברײטער געוואָרען, האָט זיך צוגאָסען איבער זײַן גאַנצען פנים — און ער האָט געזאָגט:

— וואָס דען האָסטו געמײנט? איך קען נישט? הלואי וואָלסטו אַזוי געקענט, ווי איך!

די דאָזיגע מעשה האָט אַרויסגערופען בײַ מיר אין האַרצען אַ חשד אויף פּיאָטער׳ן, אַז ער איז אויך אַ געשמד׳טער און איך האָב בעשלאָסען צו פרעגען אַנאַ׳ן וועגען דעם.

זי האָט מיר ערקלערט דעם טעות:

פּיאָטער איז פון קינדווייז אויף ערציגען געוואָרען אין א יודישער שטאָדט. ער איז דאָרט אויך געוועזען א שרייבער אין מאַגיסטראַט, און האָבענדיג שטענדיג עסקים מיט יודען, האָט ער זיך אויסגעלערנט רעדען יודיש. דערווייל האָט זי מיר דערצעהלט, אַז ער האָט ליעב יודען און איז אַ זעלטענער מענש. ווען נישט דאָס, וואָלט זי קיינמאָל נישט געטאָן אַזאַ נאַרעשקייט, ווי שמדען זיך — און אַוועק מיט איהם.

— ווי הייסט די שטאָדט, וואָס איהר זאָגט? — פרעג איך פון נייגיעריגקייט וועגען.

זי האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון דער שטאָדט, און א שוידער איז מיר דורכגעלאָפען איבערן לייב.

— און ווי האָט געהייסען אייער טאַטע? — פרעג מיט אַ ציטערדיגען קול.

— בענדעט.

— ער איז אַ שענקער געוועזען?

— יאָ. פון וואַנען ווייסטו? דאָס איז אפשר דיין שטאָדט?

איך האָב איהר געזאָגט, ווער מיין טאַטע איז — און ביידע האָבען מיר אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענד. — —

אין מיטען דעם, ווי דער אַלטער האָט געהאַלטען אין דערצעהלען, איז די פינסטערניש צושוואומען געוואָרען. איך האָב אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך — און איבער אונזער וואָגען איז געוועזען אויסגעשפּרייט אַ פינסטערער הימעל, קיילעכדיג געוועלבט, מיט מיליאָנען צו־וואָרפענע שטערען. איך האָב מיך דערמאָהנט דאַמאָלס אָן דער הבטחה פון גאָט ברוך הוא צו אברהם אבינו: „און איך וועל מעהרען דיינע קינדער, ווי די שטערען אין הימעל" — און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זעה אין הימעל קליינע יודישע קבוצים׳לעך; אַ סך פון זיי זענען פערטריבענע און אַ סך — פערשפּאַרט אינ׳ם דונקעלען מילך־פּאַס; מיר שיינט אָבער, אַז אפילו צווישען די איינציגע, די ווייטע, די פערטריבענע, איז אויך פערהאַן אַ געוויסע צוזאַמענפּאַסונג, אַ געוויסע האַרמאָניע. דאָס איז אויך אַ קבוץ פון ליכטיגע שטערענס, וועלכע זענען אַזוי נאָהנט פון אונז.

VIII

ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלטער ווינט. מיר האָבען זיך איינגעקוועטשט איינער אין אַנדערן, אום זיך צו דערוואַרעמען. דער אַלטער האָט זיך איינגעגורטעט אין זיין אַלטען האַלאַט און ווייטער דערצעהלט:

אונזער קליינער קבוצ'על, האָטש ער האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם עול פון תורה און מצות, און דעם עול פון אַ נייער תורה האָט ער אויך נישט געוואָלט אַרויפנעהמען אויף זיך — איז פונדעסטוועגען פאָרט נישט געבליבען אָט אַזוי אינגאַנצען הפקר. מיר האָבען אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דעם, וואָס מיר האָבען נישט געטאָרט, אַז מיר האָבען זיך בעשאַפען אַ אייגענע תורה מיט אייגענע מצות.

אַזוי, צום ביישפיעל, האָבען מיר שטרענג מדקדק געווען אין דעם, נאָך איידער מיר האָבען זיך געמאַכט אונזער קלייזעל ביי אַנאַ'ן, זיך צוזאַמענצוקומען יעדען שבת און רעדען וועניגסטענס עטליכע מינוט יודיש; האָטש נאָר צוויי דריי ווערטער — אַבי מיר זאָלען יוצא זיין אונזער חוב. דאָס איז געווען ביי אונז פון יענע זאַכען, וואָס מיר זענען מחויב זיך איינצושטעלען פאַר זיי אין אַ סכנה.

„מודה אני" פלעגען מיר נישט זאָגען, ווייל מיר האָבען מורא געהאַט, אונזערע בעלי־בתים זאָלען אונז נישט חאַפען דערביי — און דערפאַר פלעגט מען אונז צופּסק'ענען „שמיץ". מיר פלעגען דעריבער די דאָזיגע ברכה נאָר טראַכטען אין האַרצען; ביי דעם דאָזיגען טראַכטען אָבער, פלעגען מיר מוזען שטעהן אומגעקעהרט מיט'ן פנים צו יענער זייט, וואָס אונז האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט איז אונזער היים און פון דאָרט זענען מיר געקומען.

אַ שטיקעל פון „אַרבע כנפות" האָט זיך געפונען ביי יעקב'ן. די ציצית זענען שוין לאַנג אָבגעריסען געוואָרען פון אידם, כדי מ'זאָל אידם נישט בעמערקען און מיר זאָלען נישט קריגען דערפאַר קיין שמיץ; נאָר דאָס דאָזיגע שטיקעל איז געווען ביי אונז בעהאַלטען בחדרי חדרים, און מיר פלעגען עס קושען, ווען מ'האָט נאָר געקענט ריכטיג, ווי אַ ספר־תורה.

איין שעה אין דעם שבת'דיגען טאָג און אין די טעג, וואָס לויט יעקב'ס חשבון זענען זיי געווען יום־טובים, — האָבען מיר גע-

דארפט רוהען און קיין ארבייט ניט טאן. איין שעה ווידער אין די זונטאגדיגע טעג און אין די גוי'שע חגאות האבען מיר געדארפט טאן עפעס א מלאכה — לכל הפחות הייסען פאפיער אדער ברענען פייער.

און נאך א סך אזעלכע מצות, וואס מיר האבען זיי נישט אויסגעטראכט פון קאפ אין איין טאג. זיי זענען פון זיך אליין אויסגעארבייט געווארען, יעדערע אין איהר צייט און זענען אזוי שטארק פערהייליגט געווארען ביי אונז, אז מיר האבען זיי נישט אויסגעהערט מקיים צו זיין אפילו שפעטער, ווען מיר האבען שוין געהאט אונזערע קלייזעל ביי אנא'ן אין שטוב.

צו דעם אלעמען איז נאך יעקב אנגעשטאנען אויף מיר מיט זיין תורה, אז „דער, וואס איז אין גלות, טאר קיין שום הנאה נישט האבען פון דעם, וואס איז נישט אין גלות", און האט גארנישט געשפירט, אז ער אליין זינקט אלע מאל טיפער אין די טובות, וואס אנא טוט איהם און אין די פערגעניגענס, וואס זי פערשאפט איהם. וואו ער האט מיר געזעהן שטעהענדיג מיט מאריוס'ען, איז ער אריין אין מיטען און אבגעזוכט א תרוץ מיר אוועקצונעהמען פון איהר. אין הארצען בין איך דערפאר אין כעס געווען אויף איהם; זאגען איהם אבער עפעס און זידלען איהם, האב איך נישט געקענט. די זאך איז געקומען אזוי וויט, אז ביי מאריוס'ען האט געפלאצט דאס געדולד, און זי האט אויסגעלאזען איהר גאנצען כעס צו מיר: זי האט זיך אינגאנצען דערווייטערט פון מיר.

דאס איז געווען א אונגליק פאר מיר. ביז דאן האב איך גארנישט געוואוסט, ווי שטארק איך בין צוגעבונדען צו דעם מעדעל. מיר האט זיך געדאכט, אז ביי מיר אין הארצען איז עפעס פלוצלונג לעדיג געווארען. איך בין אינגאנצען פרעמד געווארען אין שטוב. אלע רעדען, לאכען, און איך שווייג, ווי אנ'אבל. איך האב זי געזוכט, איך האב זיך געיאגט נאך א בליק פון איהרע אויגען, איך האב געוואלט זי זאל מיך אנקוקען, אונזערע בליקען זאלען זיך בעגעגענען — זי איז אבער אנטלאפען פון מיר. ניין! זי איז נישט אנטלאפען, נאר פשוט — זי זעהט מיך נישט, זי ווייס נישט, אז איך בין פערהאן אין שטוב.

איינמאל האב איך געפאקט יעקב'ן אליין און האב איהם אנגעהויבען זידלען; פון זיין שוואכער זייט בין איך צו איהם צוגעגאנגען:

„מיך קוקסטו נאָך, — און דו — וויפיעל טובות האָסטו פון אַנאַ'ך? דו האָסט אפשר געקריגען אַ היתר אויף איהר פון דיין טאַטען אין חלום?"

יעקב אָבער האָט מיר געענטפערט רוהיג און געלאַכען: „ראשית איז דער משל נישט גלייך צום נמשל; דו און מאַריוסע — ביידע זענט איהר יונג... און צווייטענס, לאָמיר אָננעהמען, אַז איך פיהר זיך אויף נישט אָרענטליך. ביזטו דאָך שולדיג: דו דאַרפסט מיך נישט דערלאָזען דערצו, אַזוי ווי איך דערלאָז דיר נישט! שטעל דיך פאָר, אַז איך אַליין האָב אויך צער דערפון!"

און איך — איך בין גרייט געווען איהם מוחל צו זיין זיין חטא, אבי נאָר ער זאָל מיר מוחל זיין מיינעם. — — — — —

— — — — — — — —

דאָס איז פאָרגעקומען שבת. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען צו די פראָבעס פון שיסען. איך בין געשטאַנען אין דער ערשטער רייהע און אין דער צווייטער רייהע, ריכטיג הינטער מיינע פלייצעס, איז געשטאַנען יעקב.

די פראָבעס זענען דאַמאָלס געווען אונגעהויער-שווערע, יענע, וואָס מ'רופט „דריי מאָל געהמען". דער סאָלדאַט האָט געדאַרפט אויסציהען זיין לינקען פוס אין אַ גלייכער ליניע און אויסגעבויגען אַזוי, אַז די שפיצען פינגער האָבען זיך געדאַרפט עטוואָס נאָר אָנרירען אָן דר'ערד. דאָס איז אונגעוועהנליך שווער, ווייל דו בלייבסט שטעהן אײנגאַנצען אויף איין פוס און די אַנדערע פוס איז פאַר דיר אַן איבריגע משא. אַזוי דאַרפסטו שטעהן ביז דו הערסט דעם געשריי צו „נעהמען דאָס צווייטע מאָל". דאַמאָלס מוזטו אין דער רגע זיך אַוועקשטעלען אויף דער אויסגעצויגענער פוס, און איינבויגען די רעכטע אויפ'ן קניע. ביים דריטען מאָל נעהמען דאַרפסטו אַרויסשטעלען פאָרנט די איינגעבויגענע פוס.

דאָס מאָל האָט מען מיך ביים ערשטען נעהמען צו לאַנג געהאַלטען. מיינע אָדערן האָבען אָנגעהויבען ציטערן. אונטערן לייב פון די פיס האָב איך געפיהלט אַזוי ווי שטעכעדיגע נאָדלען. מיר האָט זיך פלוצלונג געדאַכט, אַז די פוס אונטען איז מיר אָבגענומען געוואָרען, און איך הענג אין דער לופטען. איך בין אומגעפאַלען.

דאָס איז געווען מיין ערשטער חטא אין דעם טאָג, וואָס דערווייל האָט זיך דער אונטער-אָפיציער געמאַכט נישט זעהענדיג איהם,

און איך האָב מיך געטרייסט, אַז דאָס וועט אַריבערגעהן גלאַט.

דער אונטער־אָפיציער איז געווען פערנומען מיט דעם לעצטען פון דער רייהע. איהם איז נישט געפעלען געוואָרען זיין שטעהן. דערווייל איז אין מיר אַריין אַ מין עקשנות'דיגע קלפה: מיר האָט זיך פערוואָלט מקיים זיין די מצוה פון „רעדען יודיש". איך האָב מיך איבערגעבויגען אויף הינטען צו יעקב'ס אויער און איינגערוימט איהם: „דעם גאַנצען טאָג וועט ער מיך מאַטערן! ווען וועלן מיר האַלטען שבת?"

אין דער מינוט גראָד איז דער אונטער־אָפיציער פערביינגעגאַנגען צווישען די רייהען, און איז צוגעקומען פון הינטען נעבען מיר. ער האָט מיך געהערט רעדענדיג יודיש, — אַלע קאָמאַנדירען האָבען לעכער אין די אויערן — און דאָס איז געווען אַזאַ מין חטא, וואָס מ'האָט איהם קיין קאַנטאָניסט בשום אופן נישט מוחל געווען. דערפאַר האָט מען געמוזט אָבקומען נאָר מיט „שמיץ".

ביי מיר האָבען זיך צוזאַמענגעפאָרט צוויי חטאים; און אין דערהיים בין איך שוין נישט געקומען לעדיג: איך האָב דערהאַלטען אַ בעפעהל, צו קומען מאָרגען קריגען צוואַנציג שמיץ.

איך האָב אויפגענומען דעם בעפעהל מיט דער געוועהנליכער סאָלדאַטישער דיסציפלין און קאַלטבלוטיג — אין פלוג.

דאָס איז שטאַרק געפעלען געוואָרען מיין אונטער־אָפיציער. ער איז געווען אַ עכטער סאָלדאַט מיט לייב און זעל און האָט פיינד געהאַט די שרעקעדיגע און די וויינעדיגע, ווי דעם טויט.

ער האָט מיר געוויזען אַ פריינדליכען פנים און געזאָגט:

אַזוי ווי דו ביזט אַ גוטער סאָלדאַט, וועל איך דיר פערגרינגערן דיין שטראָף: די ברירה איז ביי דיר און דו קענסט צוטיילען די צוואַנציג שמיץ אויף צוויי מאָל: צעהן וועסטו קריגען מאָרגען און צעהן קענסטו אָפליינען אויף ווען דו ווילסט.

די דאָזיגע פערגרינגערונג פלעגט זיך פראַקטיצירען ביי די קאַנטאָניסטען, ווען מ'האָט בעטראַכט איינעמ'ס קערפער און איינגעזעהן, אַז ער וועט נישט קענען אויסהאַלטען די גאַנצע צאָהל שמיץ אויף איין מאָל; אָדער ווען מ'האָט איינגעזעהן, אַז דער זינדיגער פערדיענט, מ'זאָל איהם פערגרינגערן די שטראָף. דאָס איז געווען אַ פערגרינגערונג נאָר אין פלוג; אין דער אמת'ן אָבער איז די דאָזיגע פערגרינגערונג נאָך ערגער געווען, ווי די שטראָף אַליין. ס'איז דיר

שווער געוואָרען צו עסען, צו טרינקען, צו שלאָפען — צו לעבען אויף דער וועלט איז דיר שווער געוואָרען, ווען דו האָסט זיך דערמאָהנט אין יעדער רגע, אז דיינע פלייצעס זענען ביי דיר נאָר געליהענע; אז גען ס'איז וועסטו דיך דארפען אויסציהען אויף דר'ערד, האלטען איין רייטער אויפ'ן האלז און דעם אנדערן — אויף די פיס און ריטער וועלן זיך אויפהויבען און אראָבלאָזען איבער דיין לייב איינס... צוויי... דריי...

און שרעקליך איז דער וועהטאָג. דו פיהלסט, אז מ'האָט פון דיר א שטיק פלייש אָבגעריסען... און א פרישער שמיץ לאָזט זיך אראָב אויף דעם צוריסענעם אָרט און רייסט אויף א פרישע שטיק פלייש... און א שמיץ נעבען א שמיץ.. און א שמיץ איבער זיי ביידע... און שרייען ווילסט דו, נאָר דו האָסט דיך דעם האלז צוריסען... און מיט די נעגעל גראָבסטו די ערד אונטער דיר, די נעגעל אָבער זענען שוין וויין געוואָרען... און בייסען דיין אייגען לייב ווילט זיך דיר, נאָר דיין לייב איז נישט ביי דיר אין דיין רשות, און דיין האלז וויל זיך נישט א דרעה טאָן אהין אָדער אהער, אזוי לאַנג ווי מ'זיצט און מ'רייט אויף איהם.

שווער איז געווען אָבצוקומען די דאָזיגע שטראָף; נאָך שווערער אָבער איז געווען דאָס וויסען, אז דו דארפסט אָבקומען אזא שטראָף. דאָס איז ריכטיג, ווי ווען מ'וואָלט דיך כסדר געשמיסען.

ס'האָט זיך דעריבער געפּעגנט דאמאָלס ביי מיר דאָס מויל און איך האָב געזאָגט:

— וואשע בלאַגאָראָדיע! איך בין גרייט זיך צו לאָזען געבען בעסער פינפאונצוואנציג שמיץ פאַר איין מאָל, איידער צוויי מאָל צו צעהן.

— פּאַרוואָס?

— ווייל א רוסישער סאָלדאַט האָט נישט קיין צייט צו פיהרען אזעלכע השבונות, וועלכע האָבען א שייכות נאָר צו זיינע אייגענע פלייצעס: ער טאָר אפילו איין מינוט נישט פערגעסען די „סלוזשבע זיינע!

דער אונטעראָפיציער האָט אויף מיר א קוק געטאָן מיט א פריינדליכער מינע און אומגעביטען די צוואנציג שמיץ אויף צעהן.

דאַן האָט זיך יעקב אַוועקגעשטעלט פאַר איהם און אָבגעבענדיג איהם „טשעסט" האָט ער געזאָגט:

— וואַשׂע בלאַגאָראָדיע! נישט ער איז דאָ שולדיג, נאָר — איך. איך האָב עס גערעדט צו איהם. ער האָט געשוויגען. און פריהער ביים אומפאַלען בין איך אויך שולדיג געווען; איך האָב איהם פערטשעפּעט די פיס. איך בין גרייט זיך צו לאָזען שמייסען פאַר איהם.

דער אונטער־אָפיציער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איהם אַ פרעהליכען בליק און געזאָגט:

— דיין כונה איז זעהר גוט, ווען דו ווילסט דיך איבערגעבען פאַר דיין שולדיגען חבר; דו קענסט דיענען אַלס ביישפּיעל פאַר אַלע יונגע סאָלדאַטען. רעביאַטאַ! איהר הערט? אַלע זאָלט איהר זיך אַזוי ליעב האָבען איינער דעם אַנדערן, ווי יעקב האָט ליעב זיין שולדיגען חבר. דו זאָלסט אָבער וויסען, אַז דעם אונטעראָפיציער קען מען נישט אָפּנאַרען. זיינע אויגען זעהען אין אַלע זייטען. ער האָט געזעהען און ווייס ווער דער שולדיגער איז!

איך בין געגאַנגען אַהיים נישט אומעטיג און נישט פרעהליך. מיר דאַכט, אַז איך האָב זיך איינגאַנצען גאָרנישט געשפּירט. מיין גאַנצער גוף האָט מיר אויסגעזעהען, ווי נישט מיינער קיין אייגענער, נאָר אַ געליהענער אויף עטליכע שעה.

אַ סך מאָל האָב איך מיך אין יענער נאַכט אויפגעהאַפּט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז שלאַנגען קריכען אַרום איבער מיין לייב.

אויף צומאָרגענס בין איך אויפגעשטאַנען פריה און אַרויסגעגאַנגען. מאַריוסע איז נאָך געלעגען אויפ׳ן געלעגער האַלב דרימלענדיג.

— וואוהין? — האָט מיר אַנאַ איבערגעשלאָגען דעם וועג.

איך בין אַ ווײַלע געשטאַנען שטיל, נאָר דערנאָך האָב איך אויסגעעפענט פאַר איהר מיין גאַנץ האַרץ און איהר אַליץ דערצעהלט.

אַנאַ האָט מיטליידיג געשאָקעלט איבער מיר מיט׳ן קאָפּ און טרערען האָבען געבלישציעט אין איהרע אויגען:

— עלענדער! איז וואוהין געהסטו?

— צום אונטער־אָפיציער; אָבנעהמען מיינס. אויב ס׳איז שוין אַזוי נגזר געוואָרען — זאָל עס האָטש געשעהען, וואָס פריהער.

— אויפ׳ן ניכטערן האַרצען?

— ס׳אַליץ איינס — האָב איך אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנד און מיך געלאָזען געהן טריט ביי טריט.

איך האָב אָנגעטראָפען בעקאַנטע מענשען און האָב זיי קיין „גוט

מאָרגען" נישט געזאָגט. מענשען זענען מיר געגאַנגען פון הינטען און האָבען מיר איבערגעיאָגט — איך האָב מיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. איך האָב אין יענער צייט קיין אַנדער זאַך נישט געפיהלט אויסער מיינע פּלייצעס און די ברענענדע ריטער.

דאָס האַרץ איז מיר דאָס מאָל אַזוי צוגאָסען געוואָרען, ווי ווען כיין לייב וואָלט אין דער אמת'ן זיין זיידענס, און מיינע פּלייצעס — גלאָז! ווי ווען איך וואָלט גאָר קיין קאַנטאָניסט נישט זיין! מיר האָט זיך פלוצלונג פערוואָלט וויינען, ווי אַ בן־יחיד. די טרערען האָבען מיר געשמיקט דעם האַלז.

דער אונטער־אָפיציער האָט געוואָהנט צוויי שעה גאַנג ווייט פון הלאָפּאָוו'ן, און ווען איך בין צוגעקומען צו זיין שטוב, בין איך געשטאַנען פאַר'ן טהיר און האָב געוואַרט, ער זאָל אַרויסגעהן.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער פון אינווענינג עפּעס אַ בעקאַנטען קול... נישט קיין פרעמדען... טענות.. וכוחים הער איך; איך קען אָבער נישט האַפּען די ווערטער. און איך וויל זיי גאָרנישט האַפּען אויך. ס'האָט ביי מיר געפּלאַצט דאָס געדולד. איך האָב געוואָלט, דער אונטער־אָפיציער זאָל שוין אַרויסגעהן, זאָל אָבטאָן, וואָס ער האָט צו טאָן, און מ'זאָל מיך שוין אַוועקטראָגען אין שפּיטאָל, און פערבאַנדאַזשירען ווי ס'איז, און ס'זאָל ווערן נאַכט און ווידער טאָג, און טעג זאָלען אַריבערגעהן, און איך וועל צוריק געזונד ווערען. און אין דער זעלביגער צייט ווידער האָב איך געוואָלט, ער זאָל אַרויסקומען וואָס שפּעטער, כדי מיין ועהטאָג זאָל זיך אויך נאָך פערציהען אַביסעל. מיין האַרץ איז צוטיילט געוואָרען אויף צווייען: איך האָב געוואָלט אין איין מינוט אֵי דאָס, אֵי דעם היפּוך דערפון.

ס'האָט זיך געעפענט די טהיר. אויפ'ן שוועל האָט זיך געוויזען — רבונו של עולם! וואָס איז דאָס?... מאַריוסע?

זי איז אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט'ן אונטער־אָפיציער; מיט איין האַנד גלעט ער איהרע צעפּ און אין דער אַנדערער האַנד האַלט ער איהרע ביידע הענד. ער האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— הורוויץ! דאָס דאָזיגע שענע מעדעל בעט פאַר דיר! עס פּאַסט נישט פאַר אַ מילטער־מענש, נישט צו ערפילען די בקשה פון אַזאַ אַנשטענדיגער פרויליין. צוליעב איהר איז דיר אַלץ פערגעבען. געה צוריק אַהיים!

אין בין גרייט געווען אין דער רגע זיך צו לאזן געבן פיערציג שמיץ, אבי נאר איך זאל אראבנעמען פון איהר די הענד פון אט דעם סאלדאט.

ווען איך בין צוריקגעגאנגען, האב איך זיך אומישנע פערהאלטען אין וועג, כדי מאריוסע זאל מיר אניאגען. איך האב געהאפט, אז איצט וועניגסטענס וועט זי רעדען מיט מיר. איך האב איהר געוואלט פרעגען, ווי אזוי זי איז געקומען אהער, און פארוואס איך האב איהר נישט געזעהען געהענדיג אין דער לענג פון דעם גאנצען וועג?

יעדע מינוט איז ביי מיר געווען א שעה, יעדע שעה — א טאג. מיר האט זיך געדאכט, אז זי וועט שוין קיינמאל פון דארט נישט ארויסגעהן. א נארעשקייט איז מיר איינגעפאלען אין קאפ, זיך אומצוקעהרען צוריק און געוואדר צו ווערען, וואס עס טוט זיך דארט מיט מאריוסע'ן. נאך אלעמען, וואס קען ער מיר מעהר טאן, ווי שמייסען?

די שמיץ זענען מיט אמאל געווארען ביי מיר אין די אויגען — א גארנישט. מיר האט זיך איצט געדאכט, אז עס טוט גארנישט אזוי וועה, אז דאס איז א צער, וואס געהט באלד איבער, און ס'איז גארנישט כדאי צו מאכען אזא הועזען דערפון. איך גלויב, אז אין יענער מינוט האט מיין לייב אינגאנצען פערלוירען די הרגשה. מ'האט מיך געקאנט דאמאלס שלאגען — איך וואלט געוויס דאמאלט גארנישט געשפירט.

איך האב מיך אומגעקעהרט.

צום גליק האב איך מיך נישט געדארפט איינשטעלען אין געפאהר און צוגעהן ביז דעם אונטער-אפיציער'ס שטוב: איך האב בעגעגענט מאריא'ן אין וועג. זי איז אריבערגעגאנגען פערביי מיר, האט איינגעגראבען אידרע אויגען אין די זייטיגע פעלדער, אט ווי איך וואלט זיין נישט מעהר, ווי א שטיין, וואס וואלגערט זיך אויפ'ן וועג.

— מאריוסע! — רוף איך אידר פון הינטען.

זי געהט זיך ווייטער, ווי גאר נישט הערענדיג.

— אזוי טוסטו מיר אב, מאריוסע! מיר וואלט דאך שוין א סך בעסער געווען, ווען דו וואלסט מיך לאזען שמייסען!

זי האט זיך אויף א סעקונדע אבגעשטעלט, ווי זי וואלט עפעס א טראכט טאן. דאס טיכעל איז אידר ארויסגעפאלען פון אידר

האנד; זי האט זיך איינגעבויגען, אויפגעהויבען עס און איז ווידער אוועקגעגאנגען אין איהר וועג.

א געלענדער האב איך מיך אומגעקעהרט צוריק אין דארף. אנא איז מיר אנטקעגען געקומען מיט טרערען פון שמחה אין די אויגען. איך האב אויך אנגעהויבען וויינען, נישט וויסענדיג פארוואס. מיינע בליקען האבען זיך בעגעגענט מיט די בליקען פון מאריוסע'ן, און איך האב נישט פערשטאנען זייער בעדייטונג. —

— — — — — — — —

די פערד פון אונזער וואגען האבען דערשפירט א בארג אראב אונטער זייערע פיס, און זיי האבען אנגעהויבען לויפען אראב, אין דער ניעדער, און האבען אויפגעוועקט דעם בעל-עגלה, וואס איז איינגעשלאפען אויפ'ן קעלניע זיצענדיג. דער בעל-עגלה האט זיך אויפגעכאפט — און א הויב געטאן דעם בייטש. אזוי איז שוין דער שטייגער פון די בעלי-עגלות, סיי זיי פאהרען בארג-ארויף, סיי — בארג-אראב. פראביר אויפוועקען א בעל-עגלה פון שלאף אפילו יום-כפור ביינאכט אין שול — די ערשטע זאך וועט ער א הויב טאן די האנד. דער בייטש איז זיין שפראך, מיט וועלכער ער בענוצט זיך אויף צו רעדען מיט די פערד. אפילו גוטע, ליעבליכע ווערטער דריקט ער אויך אויס מיט'ן בייטש. די פערד האבען אנגעהויבען מאכען שנעלערע און ברייטערע טריט, און פון דער ניעדער האבען זיך דערטראגען צו אונזערע אויערען בילערייען פון הינד, וואס האבען אנגעזאגט דעם ישוב פון א דארף. פון דערווייטענס קלינגט עס דיר, ווי א איינלאדונג און ווי א פריינדליכע אויפנאהמע פון גאסט-פריינדליכע בעלי-בתים; וואס נעהנטער אבער דו קומסט צו צו זיי, אלץ מעהר דערקענסטו דאס בילען פון הונד, און הערסט אין דעם אזעלכע אויסרופען, ווי: „אוועק פון אונז!" „וואן פון דאנען!" „קיין פרעמדער טאר דא נישט אריינשמעקען!" און נאך אזעלכעס. עס האט א בלאז געטאן אויף אונז א ווארעמער ווינט, עטוואס א פערדומפפטער, און א אנגעזאפטער מיט דעם רויך פון מיסט און דעם ריח.... פון מענשען. נאך א ווייל'ע און פייערלעך האבען זיך אונז ארויסגעוויזען פון צוזאמענגעשטופטע און פונאנדערגעווארפענע הייזער, טרייסטענדע פייערלעך, פייערלעך ווינקענדע און ציהענדע. דיר דאכט זיך, אז דאס דארף בעריהמט זיך געגען הימעל און זאגט: דאס איז מיין גרויסקייט און מיין קראפט: האטש איך ליעג איינגעגראבען

אין אַ פֿינסטערן טהאָל, האָטש איך בין פֿערזונקען אין ליים און בלאָטע, קאָן מען פֿון דעסטוועגען פּאָרט געפֿינען אין מיר פֿיעֿערלעך און שטערענס.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך איינגעצויגען אין זיינע ד' אמות, הנאה האָבענדיג דערפֿון, וואָס רע קאָן זיך רוהען במנוחה און דאַרף נישט וואַלגערן זיך אין דערוועגענס, און שטאָלצירענדיג מיט דער דאָזיגער הנאה.

דער בעל-עגלה האָט זיך אָבגעשטעלט.

XI

נאָכדעם, ווי מיר האָבען זיך אָנגעשפּייזט מיט אַ ביסעל וואַרעמקייט אין שענק, זענען מיר ווידער אַרויף אויפֿן וואָגען. דער בעל-עגלה האָט אָנגעהויבען זיך דורכצושמועסען מיט זיינע פֿערד, און דער אַלטער האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין ערצעהלונג:

איך בין אַרויסגעגאַנגען אַ „נשאר חיב" צו צוויי שווערע בעלי-חובות. יעקב האָט זיך געוואָלט לאָזען שמייסען פֿאַר מיר, נאָר ער האָט דאָס נישט גע'פּועל'ט; און מאַריוסע האָט זיך בעמיהט פֿאַר מיר מיט אַ גאַנג פֿון צוויי שעה, האָט אָנגעבעטען דעם אונטער-אָפֿיציער און מיך מציל געווען. ביידע בין איך שולדיג געווען. נאָר די טובה פֿון דעם ערשטען האָב איך מיך בעמיהט קלענער צו מאַכען אין מיינע אויגען, כדי איך זאָל איהם נישט שולדיג זיין קיין דאַנק און קענען פּטור ווערען פֿון איהם, ווייל זיין תורה איז פֿאַר מיר צו שווער געוואָרען; און די אַנדערע וויל פֿון מיר מיין דאַנק נישט אָננעהמען.

אין יענער צייט האָב איך שוין אָנגעהויבען זעהען און פֿיהלען אין זיך אַ יונגען סאָלדאַט, וועלכער האָט זוכה געווען צו אַ צופֿריעדענער און אַ פֿריינדליכער פֿערהאַלטונג פֿון דער אַדמיניס-טראַציע. דער אונטער-אָפֿיציער האָט מיר שוין אין- און אונטער די אויגען אַ סך מאָל גערופֿען „מאָלאָדיעץ". איך האָב געפֿיהלט מיין ווערט, און מיליטערישע נייגונגען האָבען מיר אָנגעהויבען שטאַרק צו פֿערנעהמען. איך האָב מיך געזעהן אין חלום אַמאָל פֿאַר אַ — אָפֿיציער און אַמאָל נאָך גרעסער... איך בעוויין וואונדער... דערצו נאָך האָט מען אין יענער צייט אָנגעהויבען רעדען צווישען די סאָל-

דאַטען וועגען די טערקען. איך האָב וועגען דעם שטענדיג געפּיהרט וכוחים מיט יעקב'ן: ער האָט מיר אויפגעוויזען, אַז די טערקען זענען אייניקלעך פון אונזער פעטער ישמעאל — און איך האָב נישט גע־גלויבט; איך האָב עס בשום אופן נישט געוואָלט גלויבען. ער האָט געזאָגט, אַז זיינע ישמעאלים זענען גבורים, — און איך האָב געזאָגט: „גיעט מיר צעהן טערקען, וועל איך זיי מיט איין קויל דורכשיסען!" די דאָזיגע וכוחים האָבען אונז אָנגעהויבען דערווייטערן איינעם פון אַנדערן. איך האָב איהם נישט געקענט פערטראָגען מיט זיינע הזהרות, מיט זיינע וכוחים, מיט זיין רעדען.

ס'איז געווען אַ מעשה. מיר זענען געשטאַנען ביי די פּראָבעס פון שיסען. יעקב האָט זיך געציעלט אין דעם סאַמע ווייסטסטען ציעל גאַנצע צוועלף מאָל און אַלע צוועלף מאָל ריכטיג געטראָפען. דאָס מאָל האָט ער זיך אויסגעצייכענט פון אַלע זיינע חברים. איז צו־געגאַנגען צו איהם דער אָפיציער, האָט איהם אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ'ן אַקסעל און ווייזענדיג איהם אַ פריינדליכען פנים, האָט ער אויסגערופען:

— בראַוואָ, יעקב! דו וועסט מיט דער צייט ווערן אַן אָפי־ציער. אויב דו האָסט עפּעס צו בעטען, בעט! איך וועל דיין בקשה ערפילען.

האָט זיך יעקב אַוועקגעשטעלט און געבעטען, מ'זאָל איהם לאָזען אַלע טאָג זאָגען אַ יודישע תפלה און שבת זאָל ער זיין פריי פון די „פּראָבעס".

אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען ביי דעם אונטער־אָפיציער אויפ'ן פנים, און ער האָט ממלא געווען זיין בקשה.

דו דאַרפסט וויסען, אַז דאַמאָלס האָט זיך שוין די אַדמיניסטראַציע לאַנג געהאַט מיאש געווען פון איהר האָפנונג אונז צו מאַכען פאַר גויים. זי האָט געזעהען, אַז די אַלע פייניגונגען און די אַלע מיט־לען האָבען אונז נישט אָבגעריהרט אַפילו אויף אַ האָר פון אונזער יודישקייט. די אַדמיניסטראַציע האָט שוין איצט פערשטאַנען, אַז ווען מיר שטעהען אין דערפריה פאַר'ן צלם און זאָגען די עטליכע ווערטער, טהוען מיר עס נאָר דערפאַר, וואָס מ'צווינגט אונז דערצו, און זי האָט עס אינגאַנצען מבטל געווען. יעקב'ס בקשה איז דעריבער נישט שווער געווען ממלא צו זיין.

פון דאַמאָלס אָן איז יעקב געוואָרען אַ שרעקליכער שונא פון די

טערקען. ווי „קארליקעס" האט ער זיי איצט פארגעשטעלט, און זיין בעל-הבית'ס הינד האט ער גערופען „טוראק".

בכלל איז קענטיג געווען, אז אין איהם איז פארגעקומען עפּעס א שנוי, וואס זעהען זעהט מען איהם נישט, נאר מ'פיהלט איהם.

ס'איז געווען דאמאלס א שרעקליכער ווינטער. אפילו די וועטערן פון יאהר האבען זיך אויך געביטען און זענען היינט שוואכער, ווי אמאל. יעדער דור מיט זיינע מענשען, יעדער דור — מיט זיינע וועטערן. פאר-א-יאהרען ווינטער האב איך געזעהן דעם רב'ס שנור ארויסגעהענדיג אין גאס מיט'ן הוילען קאפ; און דא זומער האט זי געטרונקען טהיי און זיך פערקיהלט די צייהנער. דאס איז עס, וואס איך האב דיר געזאגט: א פערקעהרטע וועלט זעהסטו היינט! אמאל פלעגט א אשה נישט אבדעקען דעם קאפ אפילו פאר'ן מאן, און ווינטער איז געווען א סכנה ארויסצוגעהן מיט'ן הוילען קאפ אפילו פאר א מאנספערזאן, און זומער פלעגט מען זיך נישט פערקיהלען. פאר-א-יאהרען האב איך געטראפען סאלדאטען ציטערנדיג פון קעלט. אין אונזערע צייטען איז געווען א הרפה פאר א סאלדאט, דער פראסט זאל איבער איהם א שליטה האבען. יעדער דור מיט זיינע סאלדאטען, יעדער דור מיט זיינע וועטערן.

בקצור, ס'איז געווען א שרעקליכער ווינטער. בערג שניי... די וועגען פערשאטען... האבען די פויערן פון דארף נישט געקאנט ארויספאהרען אין ערגעץ און זענען געזעסען אין דערהיים; און נישט האבענדיג וואס צו טאן, האבען זיי געפראוועט התונות. ווי דער מנהג איז, זענען אלע געגאנגען זעהן די התונות. איך בין אויך געגאנגען. מיר האט דער אפיציער געשענקט עטליכע בעזונדערע פראוועס און האט מיר גע'פטר'ט פון א סך אזעלכע פראבעס, וועלכע זענען פאר מיר אין דער אמת'ן איבריג געווען; איך האב מיך שוין געהאט אויסגעפרובט אויף אלע זייטען, און געהאט א סך צייט אויף צו געהן זעהען די התונות. דער אפיציער האט שטארק ליעב געהאט כמעט די אלע אונטערגעוואקסענע קאנטאניסטען, ווייל זיי זענען באמת געווען אויסגעצייכענטע סאלדאטען; און וואס איז דען די גאנצע האפנונג פון א אונטער-אפיציער? אז עס וועט קומען דער פאלקאווניק אויספראבירען די סאלדאטען, וועט ער אויסשרייען: „בראוא, אונטער-אפיציער!", אט אזויא ווי ער שרייט אויס צו אונז: „בראווא, רעביאטא!"

און די דאָזיגע התונה איז געווען ניט ביי אַ פּראָסטען פויער, נאָר ביי אַ רייכען, ביי איינעם פון יענע, וואָס זענען זיך משתדל אַרויסצודראַפּען פון זייער פּויערשאַפט. און פערבעטען איז אויף דער התונה געווען די גאַנצע „סמעטענע" פון דאָרף: די עטליכע טשינאָווניקעס, דער „גאָלאָוואַ", דער שרייבער פון קאַנצעלאַריע און אַזוי ווייטער.

אונזער אונטער־אָפיציער איז געווען אַ פרעהליכער סאָלדאַט: האָט ליעב געהאַט פרעהליך צו זיין און פרעהליך צו מאַכען. אַ בעזונדערע שוואַכקייט האָט ער אָפּט געהאַט פרעהליך צו מאַכען זיינע סאָלדאַטען; שטענדיג אָבער איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבען לאַכען פון זיינע אייגענע הכמות; און געקענט האָט ער לאַכען ביז צום טויט, און דאַמאָלס איז אונמעגליך געווען, דו זאָלסט אויך נישט מיט־לאַכען, אויב נישט פון זיינע הכמות, איז ווענינסטענס האָטש — פון זיין פולען געלעכטער. ער איז אַ גוטער מענש געווען. זאָל ער אויך זיין צווישען די חסידי אומות העולם אין גן־עדן! און דו זאָלסט נישט קוקען אויף דעם, וואָס ער פלעגט אונז גאַנץ אָפּט שלאָגען און שמייסען: אַזוי איז שוין געווען דער מנהג־העולם דאַמאָלס. און ער אַליין איז אויך אויפגעוואַקסען און דערהויבען געוואָרען, קריגענדיג שמיץ נאָך אפשר מעהר פון אונז. אָט, למשל, ווי דו נעהמסט דעם בעל־עגלה: ער שלאָגט טאַקע זיינע פערד; ווערסטו דען זאָגען, אַז ער האָט זיי נישט ליעב?

ער האָט ליעב געהאַט אָפּט אַ געשריי צו טאָן; זיין געשריי אָבער פלעגט אויך ווירקען אויף איהם מעהר, ווי אויף די סאָלדאַטען. ער אַליין פלעגט בעת־מעשה אויסזעהען, ווי אַ „געהאָרכזאַמער סאָלדאַט". ווייניגע סאָלדאַטען פלעגען זאָגען אויף איהם, אַז ער שטעלט זיך אויף אַלע אין דערפריה ביי זיך אין צימער, און גיט אָב „טשעסט" דעם מונדיר זיינעם, וואָס הענגט דאָרט אויפ'ן וואַנד...

און ער האָט ליעב געהאַט צייטענווייז זיך אויסצומישען מיט'ן המון און פרעהליך צו מאַכען דעם עולם; און דאַמאָלס איז אויך ער אַליין מעהר פרעהליך געווען, ווי ער האָט פרעהליך געמאַכט אַנדערע.

עס פערשטעהט זיך, אַז ער איז אויך געווען פון די טענצערס אויף דער דאָזיגער התונה.

מאַריוסע איז אויך געווען פון די געבעטענע געסט, און דאָס איז

געוועזען ביי איהר א נייעס, ווייל זי איז דערצו גארנישט געוועהנט געזעהן. זי פלעגט אויסמיידען אלע תהונות און פרעהליכקייטען, און האט טאקע גוט געטאן! די אומעטיגקייט פון איהר פנים פלעגט זיך שטארקער ארויסווייזען, ווען זי האט זיך געפונען צווישען אנדערע מעדלעך. אומעטיגקייט? ניין! א פרעמדע איז זי געוועזען, א פרעמדע און אנ'עלענדע צווישען אלעמען. ווען זי האט געשוויגען, האט זיך איהר שווייגען געפיהלט אין די רוישיגע פלוידערייען, און כמעט ווי עפעס א קול האט דאס דאזיגע שווייגען געהאט; האט זי ווידער געפלוידערט צוזאמען מיט אלע, האט איהר קול זיך אויסגעטיילט און זיך געהערט בעזונדער פון אלע. איהר קליידונג האט זיך ארויסגעזעהן פון צווישען אלע קליידונגען, האטש אין פלוג זענען זיי געוועזען אלע די זעלביגע, דארפישע. איהר געהן, זיצען און די איינגאנצען, זענען געוועזען עפעס א מין זאך פאר זיך, און פון איהר אריינקומען ביז איהר אוועקגעהן, האט זי זיך געפונען אונטער א רעגען פון אויגען־פיילען,, וואס האבען איהר דורכגעשטאכען און געמאכט איהר גאנצען גוף, ווי א זיפ...

איך האב מיך דאמאלס איינגעקוקט אין איהר, און מיר האט זיך געדאכט, אז איהר געזיכט איז לענגער געווארען, דאס מויל — איינגעצויגענער, די אויגען העכער און טיעפער אריינגעזעצט אין זייערע ראהמען און זי איינגאנצען — עפעס אזוי ווי איינגעקארטשעט. זי האט מיר דערמאהנט א ביסעל מיין מאמען אום תשעה־באב ביינאכט, ווען זי איז געזעסען צווישען איהרע פראסטע שכנות און געלייענט פאר זיי: „איכה ישבה בדד".

יענע גאנצע נאכט האט דער אונטער־אפיציער געטאנצט מיט מאריוסען. די איבריגע מעדלעך האבען זיך אין אנהויב אבגעזאגט צו טאנצען מיט די פראסטע קאוואלערען: זיי האבען געהאפט, ווייזט אויס, אז סוף־כל־סוף וועט דער אונטער־אפיציער צו זיי אויך צוגעהן. איז וואס געווארען דער סוף? דער סוף איז געוועזען, אז די קאוואלערען זענען אין כעס געווארען אויף די מעדלעך, די מעדלעך אויף מאריוסען און איך אויפ'ן אונטער־אפיציער.

אין דער צייט, ווען מ'האט זיך אבגערוהט, איז פארגעקומען א שענדליכע זאך: דער קאוואליער סערגיי איוואנאוויץ, דעם גאלאוואס זוהן און מיין אייביגער שונא — איז צוגעגאנגען צו מאריוסע'ן פון הינטען, און האט איהר א זאג־געטהון מיט א משונה'דיגען קול:

— „זשידאווקא!"

א גיפטיגער געלעכטער האט זיך ארויסגעריסען פון די אנגעבלאזענע מעדלעך.

מאריוסע איז רויט געווארען און האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. איהרע אויגען האבען זיך פריהער אבגעשטעלט אויף דעם אונטער-אפיציער, וועלכער האט זיך געדרעהט די וואנסען, און געמאכט כלומר'שט א פערדראסיגע מינע.

מאריוסע האט אבגעווענדעט פון איהם איהרע אויגען, און איהר בליק האט זיך אנגעשטויסען אן מיינעם.

מיין מעסטיל איז פול געווארען; איך האב זי געמוזט אויסלעדיגען.

מיט איין שפרונג האב איך זיך אווארף געטהון אויף דעם בעליידיגער, האב איהם צוגעשלעפט ביז מאריוסע'ן, ארייגעפאהרען איהם איינס און צוויי אין ביידע באקען און זיין האלז איינגעשלאגען פון הינטען אין מיין פויסט.

— ענטשולדיג זיך! — האב איך איהם בעפעהלען.

דו האסט נישט נאך אזא פאלגעדיג קינד, ווי א בן-נח איז, ווען ער פיהלט איבער זיך א שטארקע קראפט: ער האט זיך נישט געלאזט בעטען, און ענטשולדיגט זיך פאר איהר, ווי איך האב איהם געהייסען.

דער אונטער-אפיציער האט געקוקט אויף מיר מיט א צופריעדענעם פנים, ווי איינער זאגט: „דו האסט גוט געטאן!" און דאס האט מיך מציל געווען פון די קלעפ, וואס איך האב געקענט קריגען דערפאר פון די איבריגע קאוואליערען. מאריוסע איז ארויסגעגאנגען און איך נאך איהר.

אין דרויסען האט זי זיך בעגאסען מיט טרעהרען. זי האט געברומט און ארויסגערעדט פון ווײנען האלבע ווערטער, איך האב זיי אבער נישט פערשטאנען; ס'איז קאנטיג געווען, אז זי האט פרעטענזיעס צו אימיצען. צו וועמען? מיר דאכט, אז צו דער מוטער. איך האב איהר געוואלט טרייסטען און נישט געוואוסט, מיט וואס זענען מיר געגאנגען ביידע שווייגענדיג. —

א הארטער שניי האט זיך אונז געפרעסט אונטער די פיס, א… ווי צום טאקט. פון דער התונה האבען זיך דערטראגען צו אונזערע אויערן אבגעריסענע קריגערייען, זינגערייען און קולות פון דער

מוזיק. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיגע קולות יאָגען אונז נאָך און שרייען אויף אונז:

— „זשידעס!"

ס'האָט זיך אין מיר פּלוצלונג צוואַרעמט דאָס האַרץ, אַזוי ווי איך וואָלט ווערען אַ גוטער מליץ פאַר יודען, און איך האָב אַרויסגערעדט:

— אויב עס איז אַזוי שווער איבערצוטראָגען איין איינציגע בעליידיגונג פון וועלכען ס'איז שגץ, וואָס דער מאַמעס מילך ליגט איהם נאָך אויף די ליפּען, — טאָ ווי שווער איז שוין איבערצוטראָגען די בעליידיגונגען פון גאַנצע טעג, וואָכען, חדשים און יאָהרען!

זי האָט אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר בלישצענדע אויגען. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז זי האָט אָנגענומען מיינע ווערטער אויף דעם רעכנונג פון איהר ברוגז־זיין און זי האָט מיך געוואָלט איבערבעטען.

— יאָהרען?! — האָט זי זיך געוואונדערט — און וואָס טהו איך דיר? איך וויל נישט דו זאָלסט שטענדיג פּאָלגען יעקב'ן. ער איז אַ שלעכטער מענש! ער האָט מיר פיינד! שטענדיג זוכט ער, אונז פונאַנדערצושיידען!

— ער האָט מורא, איך זאָל זיך נישט שמד'ען.

זי האָט אויף מיר אַ וואָרף געטאָן איינעם פון יענע בליקען, וואָס מע האָט נישט געקענט ביישטעהן געגען זיי, — אַ בליק פון אַ מאַמען, פון אַ גוטע שוועסטער.

— ניין! — האָט זי אָבגעהאַקט און געזאָגט — איך וועל דיר נישט לאָזען דאָס טאָן; אומגליקליך וועט איהר זיין, דו און דיינע קינדער, דעם גאַנצען לעבען. דו ווייסט, איך האָב בעשלאָסען ביי זיך, קיינמאָל נישט חתונה צו האָבען. איך ווייס, אַז מיינע טעכטער וועט מען אויך רופען „זשידאָווקעס".

מיין אָננעהמען זיך פאַר יודען איז מיר אָבגעקיהלט געוואָרען אין האַרץ'ען, און איך האָב שוין אינגאַנצען הרטה געהאַט אויף דעם שמועס, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען צווישען אונז.

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען. דערנאָך האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו מיר מיט אַ שאלה:

— פאַרוואָס האָט די מאַמע אַזוי פיינד יודען? זי קען דאָך זיי בעסער פונ'ם טאַטען!

— מסתמא דערפאר, ווייל זי האט מורא מ׳זאל איהר אויך נישט רופען „זשידאווקע״, אזוי ווי מ׳האט דיך גערופען.

— און צו וואס האט זי ארויסגעשלעפט אויף זיך אזא צרה?

— פרעג איהר, אפשר וועט זי דיר ענטפערן אויף דעם.

וואס ס׳איז געווען דערנאך — בין איך שוין צו אלט איצט. אום איבערצוגעבען דיר אלץ מיט אלע פיינטעלעך, אזוי ווי דער מנהג איז פון די, וואס שרייבען מעשה-ביכלעך. ס׳איז גענוג פאר דיר צו וויסען, דאס, אז די פערהעלטניסען צווישען אונז האבען זיך אלץ מעהר פערפלאנטערט. מאריוסע איז צוגעבונדען געווארען צו מיר; זי איז מיינע א שוועסטער געווארען.

יעקב איז גערעכט געוועזען, ווען ער האט משער געווען פאר-אויס, אז עס וועט אזוי זיין. איך האב מיך געפיהלט איינגעפלאכטען אין א פלאנטער, און האב קיין זאך נישט געטאן, אום זיך ארויס-צופלאנטערן. אדרבא: ווילענדיג אדער נישט ווילענדיג האב איך זיך אלץ מעהר פערפלאנטערט.

דעם אלטענס אויגען האבען געבלישטשעט אין דער נאכט-פינס-טערניש, און אבי האט זיך מיר געדאכט, אז א יונגער-מאן פון 18 יאהר זיצט מיר אנטקעגען. איך בין דאנקבאר געווען דער פינסטער-ניש, וואס האט פערשטעלט פון מיר זיין ווייסע בארד, וועלכע האט גאר נישט געשטימט מיט דער בחור׳ישער ווארעמקייט פון זיין ערצעהלונג. ער איז אויף עטליכע מינוט אנטשוויגען געווארען.

X

א שווערען לעבען האט אנא פערבראכט — האט דער אלטער ווידער אנגעהויבען דערצעהלען, — אבער פיאטער׳ס גורל איז אויך נישט געווען קיין איבריג גוטער. איך ווייס נישט, ווי עס פיהרט זיך היינט: כ׳האב דאך דיר שוין געזאגט, אז היינט איז א נייער דור מיט נייע מענשען און נייע מנהגים; אין אונזערע צייטען אבער האט מען נישט געזעהען, אז א יודיש מעדעל פון וועלכער קלאס ס׳איז, זאל זיך „אנהענגען״ אן א „יונגען פריץ״ און איהם זאגען: „איך שמד זיך, אבי דו זאלסט חתונה האבען מיט מיר!״ ווי ס׳איז דאמאלס דער שטייגער געווען, האט יעדער מעשה פון שמד׳ן זיך גע-מוזט האבען פריהער עפעס א „ליעבע״. א מעדעל האט זיך גע-

שמדט כדי תתונה צו האָבען דערנאָך — דאָס איז אָבער נישט געטאָן געוואָרען אָהן איינרעדענישען פון זיין זייט. איבערדעדען און צוזאָגען מעהר, וויפיעל ס'איז מעגליך צו ערפיהלען — דאָס האָט געמוזט פאָרקומען פריהער, איידער אַ יודישע טאָכטער האָט זיך גע'שמד'ט; און אַזוי איז געווען די מעשה אויך מיט הלאָפּאָוו'ען, ווי איך האָב מיך דערנאָך דערוואוסט פון אַנאַ'ן.

אַנאַ, אָדער ווי מ'האָט איהר גערופען אויף יודיש, חנה, איז געווען אַ יודישע מעדעל, וואָס האָט זיך געפונען אין געפענגעניש ביי אַ שטיפמאַמען. פּיאָטר איז געווען אַ יונגער מאַן, וואָס האָט פערדינט אַ סך געלד פון זיין שטעלע אין מאַגיסטראַט. ער פלעגט אריינקומען אָפט אין שענק פון חנה'ס פאָטער, בענדעט, און איז געווען אַ גרויסער „מבין" אויף דער שענקייט פון יודישע מעדלעך בכלל און פון חנה'ן בעזונדער.

האָט פּיאָטר אויסגעזעהען חנה'ן ווי אַ מלאך הגואל. ער וויל איהר אויסלייזען פון דער שטיפמאַמע'ס הענד און נעהמען פאר אַ ווייב, ער [illegible] איהר צו „גאָלדענע פּאַלאַצען" און דעם גאַנצען „גן־עדן" אויף [illegible] ער וועלט — די גאַנצע „עולם הזה"! נאָר איין קליינינקייט שטעהט דאָ אין וועג: זי דאַרף זיך שמד'ען. האָט זי נישט געוואָלט. און די שטיפמאַמע פייניגט, ווי מענשען קענען אַמאָל פּייניגען, און דער מצב פון בענדעטען ווערט אַלע מאָל שוואַכער; ס'איז פאַר חנה'ן קיין האָפנונג נישטאָ אויסגעלעזט צו ווערען אַזוי געשווינד פון דער שטיף־מאַמע'ס הענד און איבערצוגעהן אין די הענד פון אַ מאַן. און פּיאָטער הלאָפּאָוו האַלט אין איין רעדען מיט איהר, און איינרעדען איהר. זאָגט איהם חנה, אַז זי האָט מורא, אַז נישט קיין גליק, נאָר אַ אונגליק וועט זיין פאַר איהר דאָס נייע לעבען. זי וועט זיך פיהלען פרעמד אין דער סביבה, אין וועלכער ער וויל איהר אריינברענגען. וועט זי זיין ערגער פון די אַנדערע ווייבער — וועלען זיי איהר בעליידיגען; וועט זי זיין בעסער פון זיי — וועלען זיי איהר מקנא זיין און פיינד קריגען. אַזוי ווי דו נבואה וואָלט פון איהר אַרויסגערעדט. פערזיכערט איהר פּיאָטער, אַז זי איז די בעסטע פון אַלע ווייבער אין דער וועלט, און אַז ער וועט זי שיצען פון אַלע צרות. זאָגט זי איהם, אַז זי האָט מורא דערפאַר, ער אַליין זאָל אויך אין איהר קיין גליק נישט געפינען: ער וועט דאַרפען אַ סך מלחמות בייִשטעהן. זיינע עלטערען וועלען געוויס נישט מסכים

זיין; זיינע קרובים וועלען זיך דערווייטערן פון איהם; ער וועט זיין אבגעזונדערט, עלענד, איינזאם. לאכט ער פון איהר און זאגט, אז דאס אליץ איז נישט מעהר, ווי א חלום פון א עלענד מיידעל, וועלכע גלויבט נישט אין איהר שפעטערדיגען גליק, און אז נישט אלע ווייבער פון אלע אומות זענען אזעלכע, ווי איהר שטיף־מאמע... שלאגט זיך הנה מיט דער דעה און לאזט זיך בעטען. געהמט ער און פאלט אן אויף איהר מיט א בעזונדער כלי־זין: ער מאכט זיך קראנק און שיקט איהר אריין א צעטעלע, אז אויב ער וועט שטארבען, וועט זיין בלוט פאלען אויף איהר קאפ. און אויב ער וועט נישט שטארבען, וועט ער זיך אליין דאס לעבען נעהמען, און ארויסלאזען זיין לעצטען אטעמצוג מיט דער איבערצייגונג, אז יודישע טעכטער זענען מערדערינ׳ס און פרעהן זיך, ווען זיי געלונגט צו פייניגען די קריסט.

נו, האט זיך הנה געלאזט איבערעדען, האט אבגעטאן, וואס ער האט געוואלט, און בעקומען דעם נאמען — אנא. —

דערנאך אבער האט זיך ארויסגעוויזען, אז מעהר נאך, וויפיעל הנה האט געזעהן בנבואה, האט אנא געפונען אין איהר נייעם לעבען: די ווייבער פון דארף האבען זיך דערווייטערט פון איהר צוליעב א סך טעמים. דער וויכטיגסטער טעם איז געווען דאס, וואס אנא איז קיינמאל אין שענק נישט געקומען, און אין דערהיים האט זי אויך אליין נישט געטרונקען און נישט מכבד געווען איהרע געסט מיט קיין שום משקה; דו האסט נישט קיין שום זאך, וואס זאל אזוי שטארק מקרב זיין די דאזיגע איינע בריות צו דער אנדערער, ווי — דער „טרונק", די מענער האבען איהר פיינד געהאט, ווייל זי האט מיטגעבראכט מיט זיך פון דערהיים די אבגעהיטקייט און דאס צניעות. די מענער מיט די ווייבער צוזאמען האבען איהר פיינד געהאט, ווייל זיי האבען מקנא געווען הלאפאו׳ס שטוב, וואס איז געווען געבענטשט מיט אלעם גוטען, צוליעב אנא׳ס שפארזאמקייט. אט די אלע טעמים און נאך א סך אזעלכע, האבען זיך אויסגעדריקט אין דעם איין נאמען „זשידאווקא". דו קענסט אין דעם נאמען הערען אליץ, וואס דו ווילסט נאר. און פיאטערס ברידער און קרובים האבען נישט נאר זיך ערווייטערט פון איהם, נאר זענען איהם, געווארען אפענע און בעהאלטענע שונאים.

פיאטער האט זיך ארומגעזעהן אין א צייט ארום, אז הנה׳ס

שרעק איז געווען נישט קיין איינבילדונג און נישט קיין בייזער חלום, נאר די נבואה פון אַ איבערגערעדט מעדעל, וואָס האָט פאָראויסגעזעהן איהר סוף, און דאָס האָט איהם שרעקליך געקרענקט. אָפשר איז דאָס געווען די איינציגע סבה, וואָס האָט איהם אַזוי אָפט געצויגען צו משה׳קען. ער האָט געוואָלט פערטויבען אין זיך די ביטערע איבערצייגונג און נישט שטענדיג האָט זיך עס איהם איינגעגעבען.

ער האָט געבענקט נאָך יענער צייט, ווען ער האָט געוואוינט צווישען אַנדערע; אָבער דאָס קאָן ער זיך שוין איצט נישט אומקעהרען.

דערווייל איז הלאָפאָן קראַנק געוואָרען און האָט זיך אַוועקגעלעגט. אַנאַ האָט געוואוסט, אַז ס׳זענען נאָך געבליבען סכסוכים וועגען דער נחלה צווישען איהם און זיינע קרובים, און אַז עס זענען נאָך פאַרהאַן טענות און פרעטענזיעס אויף דעם טייל פעלד און שטוב, וואָס ער האָט גענומען ירושה. זי האָט שטענדיג מורא געהאַט דערפאַר, פיאָטער זאָל נישט שטאַרבען פריהער פון איהר, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז די קרובים וועלען זיך בענוצען מיט די דאָזיגע פרעטענזיעס, איהר אַראָבצושטויסען פון דער נחלה, און זי מיט מאַריוסען וועלען בלייבען עלענד און נישט האָבען אַוואו דעם קאָפ אַנידערצולעגען. אַ סך מאָל האָט זי איהם פאַרבייגעהענדיג דערמאָנט וועגען דעם; ער האָט עס אָבער נאָר אויסגעהערט שמייכלענדיג, ווי זיין שטייגער איז געווען, און אויף צו מאָרגענס האָט ער פערגעסען די גאַנצע מעשה און גאָרנישט געטאָן. דאָס איז שוין געווען פיאָטערס שוואַכקייט בנוגע צו אַליץ, וואָס מען האָט געדאַרפט טאָן און שרייבען צוליעב די ענינים פון שטוב; אַזוי פיעל האָט ער געמוזט אַרבייטען מיט דער פעדער און אַזוי פיינד האָט ער זי געקריגען, אַז איהם איז שווער געווען איהר אין האַנד צו נעהמען, אום אָנצושרייבען עפּעס. וואָס האָט נישט קיין שייכות צו זיין „אופּראַוולעניע”. אַפילו אַ בריעף אָנשרייבען, פלעגט ער אויך מדחה זיין פון איין טאָג אויפ׳ן אַנדערן. און ווער רעדט נאָך — שרייבען פאַפּירען”, בכדי אויפצווייזען קלאָר זיין זכות אויף דער נחלה. אַ ים מיט פאַפּיערען און אַקטען וואָלט ער האַרפען איבערשרייבען, ווען ער וואָלט וועלען אָבגעבען זיך מיט דעם ענין, און ס׳איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער האָט עס אָבגעלעגט פון איין טאָג אויף דעם אַנדערן.

איצט האָט אַנאַ ווידער געדאַרפט רעדען מיט איהם וועגען דעם, נאָר זי האָט נישט געפונען ביי זיך קיין דרייסטקייט דערצו. איהר האָט זיך אָפט געדאַכט, אַז זי איז דאָ אין דער אֶמת'ן אַ פרעמדע. ווער איז זי אין דער אֶמת'ן, וואָס זאָל קומען און זיך בעזעצען אויף דער נחלה פון עפּעס אַניאַלטען, שוין לאַנג געשטאָרבענעם בעל־גוף, סעמיאָן הלאָפּאָוו?

זי האָט מיך געבעטען, איך זאָל מיט איהם אַ רעד־טאָן וועגען דעם. בין איך אַריינגעגאַנגען צו איהם און האָב אָנגעהויבען שמועסען מיט איהם און זיך צוגנבֿ'ענען צו דעם „ענין" פאָרזיכטיג, היטענדיג זיך, נישט צו דערמאָנען דעם קראַנקען זיין „יום המיתה". מיין פאָרזיכטיגקייט איז אָבער איבריג געווען. ער האָט גערעדט וועגען דער מעגליכקייט פון זיין שטאַרבען רוהיג און גאַנץ קאַלטבלוטיג, נאָר לויט זיין מיינונג איז אויסגעקומען, אַז ס'איז נישט אַזוי נויטיג צו איילען זיך דערמיט. עס וועט זיך מאַכען אַ געלעגענהייט, וועט מען עס טאָן.

דאָס איז אויך אַ גרויסער אונטערשייד צווישען אַ יודען און נישט קיין יודען: אין פלוג דאַכט זיך — זיי זענען דען אַזעלכע שוטים?! דו געפינסט צווישען זיי אַ סך פקחים, וואָס קאָנען דיה פערדרעהען דעם קאָפּ און אַריינגאַרען אין זאַק! נאָר פונדעסטוועגען בנוגע צו פערזאָרגען דעם מאָרגענדיגען טאָג, בנוגע צו דעם, וואָס עס דאַרף נאָך איצט קומען — זענען זיי אַביסעל פערשטאָפּט. זיי האָבען נישט יענעם קלאָרען געפיהל, וואָס דער יוד האָט. וויפיעל, למשל, מאַטער איך מיר, אום אָבצושפּאָרען אַ גרן פאַר מיין טאָכטער, וואָס הלואַי זאָל זי חתונה האָבען אין צוויי יאָהר אַרום! וויפיעל שטרענג איך זיך אָן אויסצוצאָהלען אין ראַטעס מיין חובֿ אויף דער שטיב, כדי איך זאָל איבערלאָזען נאָך מיין טויט אַ ריינע נחלה מיינע קינדער! זאָג, וואָס דו ווילסט — איך האַלט זיך ביי מיינס. אַז דער בן־נח פיהלט נישט אַזוי שטאַרק דעם „מאָרגען", ווי דער יוד פיהלט איהם. אין תוך אַריין רעדענדיג, איז דאָך דעם יודענס גאַנץ לעבען נישט מעהר, ווי אַ ריידיהע געפיהלען פון דעם מאָרגען. אַ סך מאָל פערגעס איך דעם הונגער און מיר דאַכט, אַז איך האָב שוין געגעסען. וואָס עס געהערט אָבער צו דעם מאָרגען, צו דער שפּעטערדיגער צייט, — האָב איך נאָך קיינמאָל נישט פערגעסען. איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס דיה צו ערקלערען: אַמאָל קומט

מיר אויס, לויט מיין שכל, וואס איז פערשטאפט מיט דער וועלנערשער „קאשע", אז דער יוד איז אינגאנצען נאר א בעשעפעניש פון „מאר-גען".

פיאטער האט מיך אויסגעהערט און פערשטאנען, אז מיינע ווערטער האבען א ממשות; נאר ער האט עס ניט געפיהלט, ער האט נישט געשפירט די נויטיגקייט דערפון, און האט עס אבגעלעגט אויף שפעטער.

און איך שטעל מיך פאר, אז ווען עס מאכט זיך אזא מין סכסוך צווישען א מאן מיט א ווייב, צווישען א בן-נח מיט א בת-ישראל, דארפען די רעזולטאטען דערפון זיין ווילדע, משוגה'דיגע און יעדענפאלס נישט קיין גוטע. דאס איז א מין... ווי איז דאס... וואס ס'שטעהט אין חומש — א מין דור הפלגה, וואס איינער פער-שטעהט נישט דעם אנדערנ'ס לשון: אויב פיאטער האט געוואוסט, אז אנא האט מיך געשיקט, איז ער געווים אין כעס געווען אויף איהר אין הארצען און האט געגלויבט, אז איהר אהרט נישט אזוי וויים זיין טויט, ווי דאס, וואס זי וועט פערליערען די נחלה.

פיאטער האט געקרענקט, געקרענקט — און איז געשטארבען. דא האט אנא געדארפט ביישטעהן אזא נסיון, וואס איז איהר פאר-געקומען דאס ערשטע מאל אין דעם פערלויף פון איהר שמד-לעבען: זי האט געדארפט בעווינען דעם מאן לויט דעם שטייגער, ווי עס פיהרט זיך ביי גויים.

איהר לעצטע שרעק איז אויך נישט געווען קיין אומזיסטע. דער „גאלאווא" פון דארף, וועלכער איז געווען איינער פון זייערע קרובים, האט מערער געווען אויף דער נחלה אינ'ם נאמען פון די איבריגע קרובים, וועלכע ער האט ארויסגעצאהלט א קליינע סומע געלד; און דער סוף איז געווען, אז די שטוב מיט דער נחלה זע-נען איבערגעשריבען געווארען אויף דעם נאמען פונ'ם יונגען „סער-גיי איוואנאוויץ". אנא'ן מיט מאריוסע'ן האט מען מפצה געווען מיט א קלייניגקייט.

דערנאך האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין דער זאך איז גע-לעגען א טיפערע כונה. דער דאזיגער שגץ, סערגיי איוואנאוויץ הייסט עס, האטש ער האט געהאט טענות צו יודען, אז זיי שטופען זיך אריין, וואו מ'בעט זיי נישט; און האטש ער האט אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט אויף צו בעליידיגען אנא'ן מיט איהר טאכטער, —

האָט פונדעסטוועגען פערשטאַנען, אַז ס׳איז בעסער צו האָבען פאַר אַ ווייב מאַריוסע׳ן, איידער אַנ׳אַנדער מעדעל, און ער האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט איהר. אַזוי זענען זיי אַלע: היינט שפּייען זיי און מאָרגען לעקען זיי!

ער האָט געוואוסט, אַז מיט׳ן גוטען ווילען וועט זי איהם נישט נעהמען; נאָר דערנאָך, ווען ער האָט שוין געהאַט אַלץ אָבגעטאָן, האָט ער געשיקט צו איהר שלוחים, און פערזיכערט, אַז אויב זי וועט חתונה האָבען מיט איהם, וועט ער איהר און דער מאַמען אָבגעבען אַלץ צוריק. אַנאַ האָט אָנגעהויבען ביסלעכוויי מסכים צו זיין אויף דעם, און ווען מאַריוסע האָט געפרעגט ביי מיר אַנ׳עצה, האָב איך אויך נוטה געווען צו אַנאַ׳ס זייט.

— ליגנער! — האָט מאַריוסע אַ געשריי געטאָן אויף מיר.

זי איז גערעכט געווען. אין יענער מינוט בין איך טאַקע אַ ליגנער געווען. איך האָב נישט אָנגעהויבען וועלען, אַז מאַריוסע זאָל חתונה האָבען, און ווער רעדט נאָך — מיט סערגיי איוואַנאָוויצ׳ען. אָלא, וואָס דען, פאַרוואָס האָב איך מסכים געווען? ווייס איך נישט.

זי האָט אַוועקגעטריבען פון זיך דעם שדכן.

איך האָב גערעכענט נישט צו שיידען זיך אַזוי געשווינד מיט די דאָזיגע אונגליקליכע נפשות און זיי נישט צו פערלאָזען אין דער צייט פון זייער עלענדקייט. אויפ׳ן הימעל אָבער איז אַנדערש נגזר געוואָרען.

די סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה איז בעשלאָסען געוואָרען. אונזער פּאָלק איז געווען פון די ערשטע.

איך בין צוגענומען געוואָרען אָהן מיין ווילען פון די ליעבע נפשות אין דער צייט, ווען זיי האָבען זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט אין מיר.

XI

פון איין ווינקעל אויפ׳ן מזרח־זייט פון הימעל האָט זיך געזעהן אַ מיש־מאַש פון ליכט און פינסטערניש, ווי אַנ׳אָבגלאַנץ פון אַ וויטער שרפה. דער אָבגלאַנץ האָט זיך פערשפּרייט אַלץ מעהר און מעהר. אַ סך שטערען זענען איינגעשלונגען און פערלאָשען געוואָרען אין איהם. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ געבליבענער באַלקען פון אַ פערברענטער און אויסגעלאָשענער וועלט האָט זיך וויע-

דער פונאנדערגעפלאקערט און אויסגעפלאמט. ניין! דאס איז ניט קיין הרבן און נישט קיין שרפה! עפעס א „נייעס" ווארפט זיך, טרייפעלט זיך און צאפעלט זיך דארט פאר'ן ארויסגעהן. און נאך דעם גאנצען שטומען רעש, נאך דעם דאזיגען רעש פון ליכטיגקייטען — איז ארויסגעגאנגען א לבנה נישט קיין גאנצע און א ברוגז'ע.

פאר דער שיין פון דער לבנה האט דער אלטער אויסגעזעהן פרעמד און משונה'דיג, ווי עפעס א בעשעפעניש פון וועלטען, וואס זענען הרוב געווארען.

ער האט וייטער דערצעהלט:

פון דאנען הויבט זיך ווידער אן א נייע תקופה אין אונזער לעבען. ביז אהער זענען מיר געווען, ווי מענשען, וואס לעבען איבער געוואלד, אהן א שום רעיון און אהן א שום תכלית. מיר פלעגען אויפשטעהן אין דערפריה, ווייל מיר האבען זיך נעכטען געלעגט; מיר פלעגען עסען, ווייל מיר זענען הונגעריג געווען; מיר פלעגען ארויסגעהן אויפ'ן פלאץ צו דער „אוטשעניע", ווייל מ'האט אונז אזוי געהייסען; מיר האבען זיך ווידער געלעגט ביינאכט, ווייל מיר זענען מיעד געווען. מיר אינגאנצען זענען בעשאפען געווארען, נאר כדי צו „פאלגען", און דאס פאלגען גופא איז זיך געווען א זאך פאר זיך. ווי אבער מ'האט אונז געגעבען צו וויסען פון דער מאבילזאציע און פון דער מלחמה — איז אונז גלייך אלץ קלאר געווארען, צו וואס מ'האט אונז געהאפט און געבראכט אהער, און פארוואס מיר האבען אזוי פיעל געליטען ביז אהער. ס'איז אויסגעקומען ריכטיג, ווי ווען מיר וואלטען א סך יאהרען געבלאנדזעט אין א פינסטערער הייל, און פלוצלונג איז אונז ליכטיג געווארען.

מיר האבען זיך געפרעהט.

איך האב בעגעגענט יעקב'ן — ער איז אויך פרעהליך. ער איז שוין א לאנגע צייט נישט פרעהליך געווען: פון יענעם טאג אן, וואס ער האט געקריגען רשות צו דאווענען און צו דאלטען שבת — איז אויף איהם א „מרה-שחורה" אנגעפאלען. רוחות האבען זיך אויף איהם אנגעזעצט: ער האט זיך געקלאגט, אז ער האט אויפגעהערט צו פיהלען אין דאווגען דעם זעלביגען טעם, וואס פריהער. די מנוחה פון שבת איז פאר איהם געווארען, ווי א משא. דער טאטע רעדט שוין נישט מיט איהם אין חלום. ער איז זיך מודה, אז א סך מאל

היפּערט ער איבּער אין דאַוונען און איז שוין נישט אָבּגעהיט אין די ענינים פון שבת. ער גלויבּט, אַז אויך אין הימעל זענען שוין זײַנע תפלות נישט חשוב. נישט דאָס איז זײַן ציעל. דאָס יודישקײַט פון אַ קאָנטאָניסט בּעשטעהט, לויט זײַן מיינונג, נאָר אין דעם — אויסצושטעהן נסיונות.

די בּשורה פון דער מלחמה האָט אָבּער אויף איהם גוט געווירקט. ער איז געוועזען פרעהליך, ווי אַ קינד.

אין דערפריה האָבּען מיר זיך אַלע פערזאַמעלט אויפ׳ן פּלאַץ. מיך האָט מען אַרײַנגערופען צום אָפיציער.

— זדראָוויץ! — האָט זיך צו מיר געווענדעט מײַן גוטער אָפיציער, — דרײַ גוטע נשמות בּעטען פאַר דיר, איך זאָל דיר געבּען אַנ׳אָרט אין דער בּעדינונגס־קאָמאַנדע, דו זאָלסט נישט דאַרפען געהן אין פײַער. ווילסטו — וועל איך ערפילען זייער פערלאַנג.

— וואַשע בּלאַגאָראָדיע! — ענטפער איך איהם — אויבּ דו הייסט אַזוי, גיבּ איך מיר אונטער. נאָר אויבּ מײַן ווילען האָט אויך עפּעס אַ ווערט, וויל איך בּעסער בּלײַבּען אין „ראָטע״. אויבּ נישט דאָס — צו וואָס זענען געוועזען די אַלע פּראָבּעס און מאַטערנישען, וואָס איך האָבּ פערבּראַכט אויף זיי אַזוי פיעל יאָהרען?

אַ צופריעדענער שמייכעל האָט זיך אויסגעגאָסען אויף זײַן פּנים.

— און אויבּ דו וועסט געה׳הרג׳עט ווערען אין דער מלחמה?

— וואַשע בּלאַגאָראָדיע! איך וועל נישט געה׳הרג׳עט ווערען פריהער, איידער איך וועל הרגע׳נען!

— פון וואַנען נעהמט זיך צו דיר אַזאַ זיכערקײַט?

— איך ווייס נישט פון וואַנען, וואַשע בּלאַגאָראָדיע, נאָר ס׳איז גענוג פאַר מיר דאָס, אַז איך בּין זיכער.

— איך שטים אײַן מיט דיר. מיר וועלען זעהן, וואָס דו וועסט בּעווײַזען מיט דײַנע שענע ווערטער.

ער האָט געעפענט דאָס דערבּײַאיגע צימער, און ס׳זענען אַרײַנגעקומען אַנאַ, מאַריוסע און זײַן אייגענע ווײַבּ. ס׳האָבּען זיך אָנגעהויבּען די זכוחים. זיי האָבּען זיך געהאַלטען בּײַ זייער׳ס און איך בּײַ — מײַנס.

— מיר וועלען צעהלען די שטימען, — האָט דער אָפיציער געפסק׳ענט — איך גיבּ דיר צוויי שטימען. צוזאַמען מיט מײַנער איז געוועזען דרײַ געגען דרײַ.

איך האב א קוק געטאן אויף מאריוסען. זי האט א ווײלע געקלערט, און איז צוגעשטאנען צו אונז. איצט האבען מיר שוין געהאט מעהר.

ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון דארט, איז מיר מאריוסע נאכגעגאנגען און האט מיר איבערגעגעבען א קליין זעקעלע. איך האב דארט שפעטער געפונען צווישען אנדערע זאכען אויך: א קליין כדור'ל — דאס האט זי געווים גענומען ביי „אונזער משה'קען" — און א קליין זילבערן צלמ'על, איך האב איהם דערקענט: אויפ'ן האלז פלעגט זי איהם שטענדיג טראגען.

מיר האבען געקוקט איינער אויפ'ן אנדערן און געשוויגען. וואס האבען מיר דען געהאט צו רעדען?

ווען זי איז שוין געהאט אבגעגאנגען עטליכע טריט, האט זי זיך ווידער געווענדעט צו מיר, ווי איינער, וואס האט זיך אן עפעס דערמאהנט:

— אויב דו וועסט זיך אומקעהרען? —

— וועל איך קומען צו אייך — איז געווען מ'ן ענטפער.

און איך האב אומגעקעהרט מיין פנים צו איהר; און ווידער זי — צו מיר; און ווידער איך צו איהר — ביז מיר האבען זיך דערווייטערט.

אנא'ס גאט האט מקדים געווען די רפואה פאר דער מכה און זי איז געבליבען דערווייל ביי דער שטוב און ביי דער נחלה: סערגיי איז אין יענער צייט אבגעגעבען געווארען פאר א סאלדאט און איז צוגעשריבען געווארען צו אונזער פאלק. מיר האבען אין איין ראטע געדיענט. דער פראצעס פון איבערשרייבען די נחלה איז אויף דערווייל אבגעלעגט געווארען.

XII

הייסט עס, אז די אלע יאהרען, וואס מיר האבען פערבראכט אין לעהרגען זיך שטעהן ליגענדיג, ליגען שטעהענדיג, יאגען, שפרינגען און אזוי ווייטער, זענען נישט קיין שפיעלבעל געווען — מיר געהען אויף א מלחמה...

מיין גלות־שותף — דער הונט — האט זיך נישט געוואלט שיידען מיט מיר. איך שעם מיך אנצורופען איהם „מיין איבערגעגע-

בענער פריינד". מענשען אין א רוהיגער צייט זענען נישט דאנקבאר. אזוי האט זיי גאט בעשאפען. אין דער אמת'ן אבער זאלסטו וויסען, אז נאר א סאלדאט, א מענש אין גלות און א הונט קאנען ליעבען און בערגעגעבען זיין ביז צו מסירת-נפש. איך האב איהם אוועקגעטריבען — און ער איז מיר נאכגעלאפען; איך האב איהם געשלאגען — ער האט איינגענומען קלעפ און געלעקט מיר די הענד; איך האב איהם אראבגעלאזען איבער'ן פום דעם שטיל פון מיין ביקס — האט ער אנגעהויבען וויינען, שפרינגען אויף דריי פיס און נישט אויפגעהערט מיר נאכצולויפען. — האט געגומען מאריוסע און איהם פערשלאסען אין שטאל און איך האב געמיינט, אז איך בין שוין פון איהם פטור — ער האט מיר אבער אנגעיאגט אין וועג, אין עטליכע שעה ארום, הינקענדיג אויף איין פום.

ס'איז נגזר געווארען אויף איהם איבערצוקומען מיט מיר צוזאמען די אלע פיינען און צרות, וואס א סאלדאט מוז אויסשטעהן אין דער צייט פון א מלחמה.

מיין הונד איז א בעל-דרך-ארץ געווארען. דעם ערשטען טאג האט ער געקוקט אויפ'ן גאנצען עולם מיט חשד. איהם האבין אוםגעזעהן פערדעכטיג די בלישצענדיגע קנעפלעך מיט די בלויע מונדירען; מסתמא דערפאר, ווייל ער האט דאס געזעהן צוזאמען מיט שטילען פון ביקסען, — אט אזעלכע ווי יענע, וואס האט איהם הינקענדיג געמאכט אויף א פוס. פון דעסטוועגען אבער האט ער אויסגעטיילט פון אלע מיך מיט יעקב'ן און שטענדיג זיך געדרעהט ארום אונז. אין ראטע האט מען געזאגט, אז ער האט ליעב יודען און דערקענט זיי. ס'קען זיין, אז ס'איז טאקע אזוי געוועזן. זיי האבען נישט געוואוסט, וויפיעל ברויט און פלייש דער דאזיגער הונט האט אויפגעגעסען פון יודישע הענד, ביז ער האט זיך דאס אוםגעלערנט.

און נייע חברים זענען אונז אויך צוגעקומען אין יענער צייט, און איינער פון זיי איז געוועזן וואסיל סטעפאנאוויץ זאגראבסקי, זיין נאמען זאל צום גוטען דערמאנט ווערען, האטש ער איז געוועזן א שונא-ישראל. א פאלאק איז ער געוועזן.

מיין ערשטע קאנטשאפט מיט איהם האט זיך באלד נישט אנגעהויבען גוט: דער דאזיגער וואסיל איז געוועזן אנ'ארימער בעל-גאוה; אנ'ארימאן, וואס דארף א סך האבען און דערצו א שטארקער

רויכער. איך האָב אויך גערויכערט, ווען איך האָב געהאַט אַניִבריגען גראָשען אין קעשענע; ער איז אָבער געווען צוגעבונדען דערצו. קוים האָט ער נישט געהאַט וואָס צו רויכערן, האָט ער געפּאָדערט ביי אַנדערע. אַזוי איז שוין זיין נאַטור געווען: בעטען האָט ער נישט געקענט; ער האָט געקענט נאָר פאָדערן.

געשטאַנען זענען מיר זאַלבעדריט: איך, סערגיי און זאַגראַבסקי. סערגיי איז געווען אַ סאָלדאַט, וואָס האָט געלעבט נישט אָרים. ער האָט מיטגענומען פון דערהיים אַ שענע סומע געלד, און די עלטערן האָבען איהם אויך אַלע חודש געשיקט. שטענדיג האָט זיך ביי איהם געפונען גוטער טאַבאַק. ער האָט אויפגעעפענט זיין טאַבאַק-פּושקע צו פערוויקלען זיך אַ פּאַפּיראָס. האָט עס געזעהן זאַגראַבסקי און אויסגעצויגען אַ האַנד צום נעהמען. אַזוי איז זיין שטייגער געווען: וואו ער האָט געזעהן אַ אָפענע טאַבאַק-פּושקע — איז ער צוגעשטאַנען פאַר אַ שותף.

סערגיי אָבער איז געווען פון יענע דאָרפישע יונגען, וואָס נעהמען זיך אַרויס פון דעם גאַנצען פויערשען כלל און קענען נישט פערטראָגען אַזאַ מין חבר'שאַפט מיט זיי, נאָך מעהר ווי די „פּריצים". ער איז געגאַנגען דיענען מיט דעם רעכנונג באַראַוס — „זיך אַרויסצוקריגען". איהם האָט זיך געוואָלט ווערען אַנאַפיציער; ער האָט געהאָפט אויף דעם, אַז קומענדיג צוריק אַהיים, וועט איהם דאָס גאַנצע דאָרף אָבגעבען „טשעסט". און ווען ער האָט איצט געזעהן, ווי זאַגראַבסקי ציהט אויס די האַנד, האָט ער איהם אָבגעמאָסטען מיט אַ קוק פון אויבען אַראָב און פערמאַכט זיין טאַבאַק-פּושקע.

איך האָב רחמנות געקריגען אויף דעם פּאָלאַק און איהם פאָרגעלעגט מיין טאַבאַק. ער האָט זיך נישט אָבגעזאָגט; נאָר נעהמענדיג האָט ער געזיגען צווישען די ציינער:

— זשיד!

איך האָב מיך איינגעקוקט אויף איהם און געוואונדערט זיך: איך רעד רוסיש מיט דעם רעכטען טראָפּ, און ער פּלאַפּעלט און מישט אַ וואָרט רוסיש און אַ וואָרט פּויליש, הײַנט ווי אַזוי האָט ער עס גלייך בעמערקט, אַז איך בין אַ יוד? דאָס איז דאָך אַ רעטעניש — איך האָב זיך אָבער אויף דעם נישט אָבגעשטעלט און מיט דער צייט איז דאָס מיר אַרויס פון זינען. מיר זענען שוין גע-

שטאַנען אויפ'ן „פּלאַץ" און געוואַרט אויף אַ פֿרעהליכען אָנהויב. די דאָזיגע טעג האָבען אונז אויסגעזעהן, ווי אַ מין ערבֿ־יום־טובֿ, וואָס ציהט זיך שרעקליך לאַנג, — אַזוי לאַנג, אַז עס הויבט שוין אָן נישט גוט צו ווערען.

דערווייל איז פֿאָרגעקומען אַ אונגעוועהנליכער פֿאַל. אַרום אונז איז געשטאַנען אַ לעבעדיגע קייט פֿון קאַראַאול־סאָלדאַטען, און ווייט, ווייט פֿון זיי האָט זיך געפֿונען דער לאַגער פֿון די „פּאָדריאַדטשי־קעס". דאָס זענען געווען סוחרים, וואָס האָבען צוגעשטעלט פֿאַר'ן חיל עסענוואַרג און נאָך פֿערשידענע נויטיגע זאַכען. אָהן אַ בע־זונדערע ערלויבניש האָט קיין שום פּאָדריאַטשיק נישט געקענט דורכ־געהן די קייט פֿונ'ם קאַראַאול און אַריינקומען אין דער אַרמעע.

איינער פֿון די פּאָדריאַטשיקעס, וואָס פֿלעגט אָפֿט אַריינגעהן און אַרויסגעהן, האָט אויסגעזעהן יעקבֿ'ן פֿערדעכטיג, האָטש ער האָט נישט געוואוסט קלאָר, וואָס ער האָט צו איהם. דער מענש האָט איהם נישט אויסגעזעהן כשר און געטרײַ. און דעם הונט אַפֿילו, דעם שטילען און ענױותדיגען הונט, האָט אויך דער נפֿש אויסגעזעהן פֿערדעכטיג, און איין מאָל האָט ער זיך אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף דעם דאָזיגען פּאָדריאַטשיק מיט אַזאַ רוגזה, — גאָרנישט ווי זיין שטייגער איז געווען. צורייסען איהם אויף שטיקער האָט ער געוואָלט. און מיט צרות האָט איהם יעקבֿ אַרויסגעראַטעוועט פֿון זיינע ציינער.

פֿון דאַמאָלס אָן האָט ער איהם אָנגעהויבען שטאַרקער נאָכ־קוקען. מ'האָט אונז געזאָגט אין יענעם טאָג, אַז דער גענעראַל־לינדרים דאַרף זיין ביי אונז, און יעקבֿ איז געשטאַנען אויף „קאַ־ראַאול". דער פֿערדעכטיגער פּאָדראַטשיק האָט זיך איהם ווידער אַ ווייז געטאָן, אַזוי ווי ער וואָלט פֿון דר'ערד אויסוואַקסען. יעקבֿ האָט איהם אָנגעהויבען נאָכשפּיאָנירען, ערשט — ער זעהט, אַז ער בעהאַלט זיך אונטער אַ ערד־וואַל, נעהמט אַרויס פֿון קעשענע אַ רעוואָלווער און שטעלט איהם אָן אַנטקעגען דער לופֿטען. יעקבֿ האָט קיין ספֿק נישט געקלערט, האָט אָנגעשטעלט זיין ביקס געגען דעם פּאָדריאַטשיק און — באַך! מיט איין קלאַפּ האָט ער איהם געלאָזען ליגען אַ טויטען. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז געווען אַ פּאָליאַק, וואָס האָט זיך פֿער'גנבֿ'עט אַהער, אָנצופֿאַלען אויפ'ן גע־נעראַל.

אין לאַגער האָט מען אָנגעהויבען שמועסען, אַז יעקבֿ „שטייגט"

דער גענעראַל האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און אויסגע־רופען:

— מאָלאָדיעץ, אָפּיצער!

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך געזעהען יעקבין, און ער איז געווען בלאַס, ווי אַ טויטער. דער שמייכעל אויף זיין פּנים האָט אויס־געזעהען אין מיינע אויגען ריכטיג, ווי דער פּערגלייוועַרטער שמייכעל אויף דעם געזיכט פון אַ גוסס. איך האָב איהם דערצעהלט, אַז איך האָב געזעהען אין חלום, ווי ער באָדט זיך אין אַ טייך פון עהל.

ער האָט מיר מגלה געווען בסוה, אַז ער האָט צוגעזאָגט דער אַדמיניסטראַציע זיך צו שמד'ען.

דעם נסיון פון גוטס איז שווערער בייצושטעהן, ווי דעם נסיון פון טויזענדער שמיץ און פון דעם ביטערן קאָנטאָניסטען־לעבען. נישט אומזיסט פלעגט ער אונז שטענדיג חזר'ען: „דער, וואָס איז אין גלות, טאָר קיין שום הנאה נישט האָבען פון אַזוינעם, וואָס איז נישט אין גלות". אַ שאָד.

אין אַ קורצע צייט אַרום איז זאַגראָבסקי בעשטימט געוואָרען אויף דערוויל צו בעדיענען יעקבין. ער איז געקומען צו איהם און געוואָלט ריין מאַכען זיינע קליידער און זיין געוועהר; דאָס איז אָבער נישט געלעגען אין יעקב'ס נאַטור. ער האָט שטענדיג פיינד געהאַט, אַנדערע זאָלען פאַר איהם טאָן דאָס, וואָס ער קען אַליין טאָן, און אויך איצט האָט ער זאַגראָבסקי'ן אַוועקגעשיקט פון זיך. יענער האָט זיך געלאָזען געהן און געזיגען צווישען די ציינער:

— זשיד!

איך בין דערביי געשטאַנען, און האָב דאָס שוין נישט גע־קענט צוזעהען. האָב איך איהם אָבגעשטעלט און אַ זאָג געטהון:

— הער נאָר דו. פּאָליאַק! איך פרעג דיך, פון וואַנען דער־שמעקסטו דאָס אַזוי געשווינד, ווער ס'איז אַ זשיד? איך זעה אָן דיר, אַז דו קענסט אַפילו קיין רוסיש נישט רעדען, און דו האַלסט כסדר אין איין נאָכקוקען אַלעמען? איך געדענק: דו האָסט מיך אויך דער־קענט נאָך דעם טאַבאַק מיינעם, אַז איך בין אַ זשיד.

— גאַנץ איינפאַך! — האָט ער מיר געענטפערט — איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזעלכע קריכערס, וואָס האָבען ליעב זיך אָנצוואַרפען מיט זייערע טובות, ווי יודען. איך האָב נאָך קיינ־מאָל נישט געזעהן מענשען זאָלען זיך אַזוי אָבטרייסלען פון דעם

כבוד, וואָס זיי האָבען פערדיענט, ווי יודען. דעריבער האָט דאָך אייך די אַדמיניסטראַציע אַזוי ליעב. דו ווילסט וויסען, וואָס אַ יוד איז? אַ יוד איז אַן אויסבערענגער, אַ ליגנער, אַ קריכער, אַ רוט-קושער, און נאָכמעהר וויפיעל אַנדערע זענען אידם מפקיר, איז ער זיך אַליין מפקיר; ער ווערט אַ שקלאַף ביי אַלעמען, כדי אַלע זאָלען פערשקלאַפט זיין ביי אידם. איך האָב פיינד אַלע יודען, און בעזונדער דעם, וואָס איך האָב פון אידם אַ טובה.

איצט בין איך גרייט מודה צו זיין, אַז אַ סך פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט איז אמת. די יודישע נאָכגיעביגקייט דאָרט וואו ס'שטעקט אַ גוי אין מיטען, דעם יודענס דיענען אַלעמען, דאָס, וואָס דער יוד לאָזט שטענדיג „זיינס איבערגעהן" — איז טאַקע ביז היינטיגען טאָג נאָך אַ רעטעניש פאַר יעדען גוי. דאָס ווייסט יעדערער, ווער ס'איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרען צווישען זיי. און אַמאָל טרעפט, אַז זיי ערקלערען זיך דאָס אויף אַ משונה'דיגען אופן. ס'האָט אַ גוי געשעפטען מיט אַ יודען, און דער יוד לאָזט „זיינס איבערגעהן", טראַכט זיך דער גוי: „מסתמא פיהלט ער אַליין, אַז ער איז מיר מעהר שולדיג".

בקצור מיר זענען פון דאַמאָלס אָן געוואָרען נאָהנט און בעפריינדעט איינער מיט'ן אַנדערן. מיר האָבען גאָרניט געזוכט צו בעהאַלטען אונזער בעציהונג צווישען זיך: איך האָב געוואוסט, אַז ער איז מיר אַ שונא; און ער האָט געוואוסט אויף מיר, אַז איך צאָהל אידם אויך מיט דער זעלבער מטבע. און דאָס האָט זאַגראָבסקי ליעב געהאַט. מיר האָבען ליעב געהאַט די שנאה צווישען אונז ביידען. —

בשעת דיר ווילט זיך שילטען, זידלען, און פיינד האָבען, — איז דאָך דיר ליעבער אַ סך דער שונא דיינער, וועלכען דו האָסט געהאַפען, ווי הונדערט גוטע פריינד.

און ענדליך איז געקומען יענער טאָג, וועלכער האָט אונז אין איין רגע צוזאַמענגעבונדען אויף שטענדיג.

דאָס איז געווען אין דער נאַכט... אָ, פערשאָלטען זאָל זיין די דאָזיגע נאַכט, וועלכע האָט איינגעשלונגען אויך דעם טאָג, אויף צו-מאָרגענס!

אונז איז שוין מיאוס געוואָרען דאָס שפּיעלען זיך כסדר און דאָס אָבנאַרען: בעהאַלטען זיך, כדי אָנצופאַלען! אָנפאַלען כלומר'שט, כדי צו אַנטלויפען! אָדער, וואָס ס'איז נאָך מעהר לאַנגווייליג: שטעה

גלייך אין דער רוהע, ווארף קוילען אין דער לופטען, און דעם שונא זעהסטו ניט! א סאלדאט אין אונזערע צייטען האט פיינד געהאט אזעלכע מעשיות: „אדער גיה און צושמעטער יענעם דעם מוח, אדער פאל אוועק אויפ'ן ארט!" — דאס איז געווען אונזער שטייגער און אזוי האבען מיר מנצח געווען. די קויל איז פלינק, בלינד און נאריש; די שפיז — פלינק און קלוג!" — אזוי האט געדרונגען אונזער גענעראל.

ענדליך האבען מיר שוין זוכה געווען צו הערען די שנעלע סיגנאלען און דאס אויפקאכענדע פויקען, וואס מיר זענען געוועהנט געווען צו הערען א סך יאהרען און וואס מיר האבען געפיהלט אין זייערע הגליכעס הערצער, וואס דו פיהלסט אויסשרייענדיג פסח ביינאכט: „ווער ס'איז הונגעריג זאל קומען עסען!" מיר האבען געהערט די דאזיגע סיגנאלען און געווארפען זיך מיט די שפיזען אינ'ם חלל פון דרויסען, שטעכענדיג כלומר'שט אויף רעכטס און אויף לינקס מיט דעם „עס זאל זיין אנגענומען" ריכטיג, ווי דער שונא וואלט דיר געשטאנען אנטקעגען מיט זיין כלי־זין. די שדים און די רוחות האבען מיר געשטאכען און מנצח געווען — ניט מעהר. די דאזיגע סיגנאלען האבען ארויסגערופען ביי דיר אין הארצען א צופריעדענעם, שרעקליכען, ערהויבענעם געפיהל, — דעם סוד פון דער „סלוזשבע". עס זענען דיר ליעב געווען די דאזיגע סיגנאלען נאכדעם, ווי דו ביזט געקומען גאנץ פון די מאנעוורעס און האסט געטראכט וועגען זיי.

דאמאלס אבער, אין יענעם טאג... דאס זענען געווען סיגנאלען ניט אויף „צופלייסען"! פשוט: דער שונא שטעהט דיר „אין די אויגען" און גארט נאך דיין בלוט!

דא דערמאנסטו זיך א מינוט אן זיך אליין, אן דיין אייגענעם גוף, וואס קאן ניט פערטראגען דעם שטאך פון אנ'אייזערנע שפיז.

דו דערמאנסט זיך, אז דו האסט נאך השבונות מיט דער וועלט, אז א סך זאכען האסטו אנגעהויבען און ניט געענדיגט, און א סך — דארפסטו נאך אנהויבען. און אן דיינע שונאים דערמאנסטו דיך, וואס דו דארפסט זיך נאך אן זיי נוקם זיין; און דיינע גוטע פריינד קומען דיר ארויף אויפ'ן רעיון, — דיינע גוטע פריינד, וועלכע דו האסט נאך קיין טובה ניט געטאן; און בכלל פיהלסטו, אז דו שטעהסט אין מיטען דער ארבייט, און אז די צייט איז גארניט צוגעפאסט פאר דיר צום שטארבען.

דאס דויערט אבער אלץ ניט מעהר, ווי איין מינוט. די ווערסט

גלייך אײַנגעשלונגען און בטל אין די אײַנגעשטעלטע שורות סאָל־דאַטען, וואָס אַלץ ווערט אין זיי אײַנגעשלונגען... דו ווערסט אַ נײַ בעשעפעניש. נײַע געפיהלען בעהערשען דיך... איין נײַ געפיהל און איין נײַע איבערצײַגונג... מיר איז שווער דאָס איבערצוגעבען. מ'דאַרף זײַן אַ סאָלדאַט אויפ'ן שלאַכט־פעלד, אום צו פיהלען דאָס. אויב דו ווילסט, איז בײַ מיר רעכט אַפילו צו גלויבען, אַז אין אַ שעת־מלחמה נידערען אַראָב די „שרים" פון ביידע אומות און גע־הען אַרײַן אין די נשמות פון די סאָלדאַטען.

אין דער צײַט ווערט איבערגעריסען אויך די לעבענס־געשיכטע פון מײַן הונט, פון בילערן. איך האָב איהם געפונען אויף אַ בערגעל ערד ליגענדיג אַ טויטען. דאָס דאָזיגע בערגעל איז געווען אַ מצבה אויף דעם קבר פון די גבורים פון ערשטען טאָג, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען אין דערפריה פול מיט קראַפט און מיט האָפנונג, מנצח צו זײַן, און בײַנאַכט האָט מען זיי אַרײַנגעוואָרפען אין אַ גרוב און פערשאָטען מיט ערד. די ערד ווייסט נישט אונטערצושיידען צווישען איין פאָלק און דעם אַנדערן. זי האָט נישט קיין בעזונדערע ווערים פאַר יודען און פאַר נישט־יודען. דאָרט אין הימעל דערגעהט מען געוויס וועמעס יעדע נשמה איז, און מ'שיקט איהר אָב בעזונדער אויף דעם אָרט, וואָס איהר קומט. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז יעקב ליגט אויך דאָ. ס'קען זײַן. איך האָב אין דער שטיל אָבגעמורמעלט אַ קדיש איבער'ן בערגעל — פון ספק וועגען. איך בין נישט אַזוי נאַריש, זיך אַוועקצו־שטעלען וויינען איבער דער נבלה פון אַ געפגר'טען הונט. נאָר פונדעסטוועגען — ס'איז פאָרט אַ רחמנות! אַ לעבעדיגער נפש איז מיט מיר צוזאַמען פערטריבען געוואָרען, האָט מיט מיר צוזאַ־מען געהונגערט און איז מיט מיר צוזאַמען זאַט געווען — אַמאָל מיט ברויט, אַמאָל — מיט מכות — און עס האָט דאָך מיך ליעב געהאַט.

אויף צו־מאָרגענס זענען מיר ווידער אַרויס.

אַ מינוט לאַנג האָבען מיר זיך אָנגעקוקט איין מענש דעם אַנדערן, איין שורה דער אַנדערער, איין שונא דעם אַנדערן. מיר זענען צוגעצויגען געוואָרען איינער צום אַנדערן מיט אַ מין ליעבע צו האַלזען און צו דערשטיקען, ממש אַזוי ווי יענע ציהעניש, וואָס איך האָב געפיהלט צו מאַרייסען.

שיסערײַען... בליצען... דונערן ;־ אַזוי שמועסען צווישען זיך די שרים פון ביידע אומות. שלאַנגען פליהען און דרעהען זיך אין

דער הויך... שראפנעלען... באמבעס... סאלדאטען שטעהען;;;
סאלדאטען זענען איינגעבויגען... סאלדאטען ליגען — פגרים... בלוט רינט פון זיי... שורות ווערען לעדיג... מ'בעגעגענט זיך... קולות גיסען זיך צוזאמען... די רוסישע מוזיק הערט זיך העכער פון אלע קולות, אומעטום מיט שטארקייט, מיט זיכערקייט, נאר א... זי הערט זיך אלע מאל שוואכער. וואו איז דער טראמפייט?.. ס'איז צובראכען געווארען דאס קול פונ'ם באריטאן... דער באס איז איבערגעריסען געווארען אין מיטען! איין שטימע הערט זיך נאך און ווערט אלע מאל שטארקער. מיט דאכט, אז זי שרייט: גם כי אלך בגי צלמות! (אפילו ווען איך געה אין פינסטערן גרוב).

מענשען נעהמען זיך ארום, שטעכען, ווערען דערשטאכען, און הרגענען פאלענדיג. איך ארבייט אויף רעכטס און אויף לינקס און ווארט אויף דער מינוט, ווען מ'וועט מיך שוין דערשטעכען; מיר האט אבער א נס געטראפען: איך שטעה צווישען שפיזען און שווערדען און זיי רידערען מיך נישט אן.

דאס איז א געפעהרליכע מינוט געוועזן. לאנג האט עס נישט געקענט דויערן. איינער פון ביידע צדדים האט געמוזט אבטרעטען.

די רוסען אבער האבען דאס נישט געקאנט טהון, ווייל דער גלה פון אונזער פאלק איז געשטאנען צווישען אונז, און אין זיינע הענד האבען געפלאטערט די בילדער פון דער הייליגער מוטער און פון דעם הייליגען קרייץ. סאלדאטען קוקען, נעהמען זיך אן מיט פרישע כחות און ווייזען וואונדער. דאס איז א מין „נחש הנחושת" (קופערנע שלאנג). דו געדענקסט?... אין חומש?...

א קויל איז פערבייגעפלויגען און דורכגעשניטען די לופט...
דער גלה איז אומגעפאלען. די בילדער בויגען זיך און פאלען, פאלען... סאלדאטען ווערען פערצווייפעלט, הויבען אן אנטלויפען.

אין יענער מינוט האב איך מיך געפיהלט צוטיילט אויף דריי בעזונדערע מענשען; שטעל דיך פאר: שמואל פאר זיך, שמואל דער סאלדאט און שמואל דער יוד.

„שמואל פאר זיך" האט מיר איינגערוימט אין אויער:

— דו האסט שוין דיינס אבגעטאן! אלץ איז געענדיגט! אלע זענען זיך צולאפען — לויף אויך!

„שמואל דער סאלדאט" האט געזאגט:

שעם דיך! וואו איז דיין העלדישקייט?! די בילדער פון דיין

פאַלק פאַלען! פראָבירט דיך, אָפשר וועסטו זיי ראַטעווען!

און „שמואל דער יוד" האָט געזאָגט:

דו וועסט געוויס ראַטעווען! אַ יוד דאַרף טאָן מעהר. וויפיעל ־ען הייסט איהם!

זאָגט ווידער „שמואל יפאר זיך":

דו געדענקסט, וויפיעל שמיץ דו האָסט געקריגען צוליעב די דאָזיגע בילדער?

זאָגט ווידער „שמואל דער יוד":

דו ווייסט ווער ס׳זענען די דאָזיגע בילדער און וועמעס זיי זענען אין דער אמת׳ן?

אַ סך רעיונות זענען דורכגעלאָפען ביי מיר אין קאָפּ; דויערן אָבער האָט עס געדויערט אַלץ נישט מעהר, ווי איין סעקונדע.

אין דער מינוט בין איך געשטאַנען נעבען גלה. ער האָט נאָך געלעבט. ער איז פערוואונדעט געוואָרען אין האַנד. איך האָב איהם אַנידערגעשטעלט, געגעבען איהם די בילדער אין די הענד, אויפגע־הויבען זיי אין דער הויך — און אונטערגעהאַלטען זיי.

„רוסען! אַהער!"

איך געדענק נישט, ווער דאָס האָט געשריען. אָפשר — איך? אָפשר אַנאַנדערער? און אָפשר — פון דער הויך?

דער סוף איז געווען, אַז „אונזערע" האָבען איינגענומען, נאָך איך בין נישט איינגעשטאַנען ביז דער לעצטער מינוט: אַ קויל האָט מיך געטראָפען אין פוס און איך בין אומגעפאַלען.

איך ווייס נישט, וואָס ס׳איז געווען מיט מיר אין יענע מינוטען. איך האָב מיך געפיהלט אַזוי ווי אין אַ זיסען חלום. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אַ קינד און געפין זיך מיט׳ן טאַטען צוזאַמען אין בית־המדרש יום־כפור ביינאַכט, וואו אַלע שרייען, זיפצען און וויינען, נאָר עפּעס אַ חבר אַ שטיפער טרייבט קאַטאָוועס און שטעכט מיר מיט אַ נאָדעל אין פוס — דינינקע־דינינקע שטעכעלעך...

ווען איך האָב מיך אויפגעהאַפּט, האָב איך זיך געפונען אין אַ ים פון געשרייען, געוואַלדען און קרעכצען, וואָס האָט זיך געטראָגען פון דער ערד. מיר האָט זיך געדאַכט אין יענער מינוט, אַז איך געפין מיך אין גיהנום צווישען די רשעים, וואָס ווערען דאָרט געמ׳משפט.

איך האָב צוריק־געקריגען מיין בעוואוסטזיין און האָב מיך דערמאָנט אָן אַלץ. איך האָב אומגעדרעהט דעם קאָפּ אויף הינטען,

און געזעהן זאַגראָבסקי'ן ליעגענדיג נעבען מיר אַ פערוואונדעטען און אַ זיפצענדען. ער האָט אַ עפען געטאָן אויף מיר איין אויג — שנאה און פריינדשאַפט האָבען זיך אין איהר געזעהן. „זשיד" — האָט ער געשעפּשעט מיט די ליפען — און אַרויסגעלאָזען די נשמה.

שלאָף רוהיג, ליעבער שונא!

פון הינטען האָט זיך דערטראָגען צו מיינע אויערן אַ פולע שטימע, אַ צוועהטאָגטע און אַ זיפצענדע. איך האָב אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו יענער זייט, און געזעהן סערגייען ליעגענדיג אויף אַ זייט און זיפצענדיג. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטען, שטעהט אויף און לעגט זיך, שטעהט אויף און לעגט זיך.

דער דאָזיגער גנב האָט זיך געמאַכט אַ פשוט'ן רעכנונג: סיי-ווי-סיי וועט ער דאָך פאַלען און זיפצען; צו וואָס זאָל ער נאָך וואַרטען ביז די קויל וועט איהם טרעפען? ס'איז דאָך בעסער, ער זאָל זיך אַליין אָוועקלייגען מיט'ן גוטען ווילען און זיפצען פאָראויס!

דער ממזר האָט געזעהן, וואָס איך האָב געטאָן, איידער איך בין געפאַלען; און אַ געדאַנק איז איהם איינגעפאַלען אין קאָפּ. ער האָט מיר געהאָלפען אויפשטעהן, פערבאַנדאַזשירט די וואונדען און דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו מיר:

— העה, הורוויץ: דו האָסט אָבגעטאָן אַ גרויסע זאַך; פאַר דיר איז עס אָבער גאָרנישט ווערט. אַדרבה, ס'איז נאָך פאַרהאַן אין דעם אַ סכנה: מ'וועט דיך ווידער אָנהויבען מאַטערן, דו זאָלסט דיך שמד'ן!

— נו, בכן איז וואָס?..

— דו ווילסט? זיי דו מיין עדות, אַז איך האָב אויפגעהויבען די בילדער. דער גלח וועט נישט דערקענען, און איך וועל דיר דערפאַר גוט בעצאָהלען.

אַזוי איז שוין מיין שטייגער פון אייביג אָן: איך האָב פיינד מציאות. אַ פרוטה, וואָס איך האָב נישט אויסגערעכענט און נישט געמאַכט קיין הכנות איהר צו פערדינען, איז נישט ווערט ביי מיר גאָרנישט. דאָס, וואָס איך האָב געטאָן מיט'ן גלח, האָב איך דען געטאָן, ווייל איך האָב אויסגערעכענט צו פערדינען דערפון געלד אָדער כבוד? דאָס איז געווען ביי מיר אַ מין מציאה, און מציאות האָב איך פיינד! און אין דער אמת'ן, ווער קען דאָס מיר טאַקע זאָגען, אַז מ'וועט מיך ווידער נישט אָנהויבין מאַטערן, איך זאָל זיך שמד'ען?

— און דו דארפסט עס האבען, סערגיי! — ענטפער איך איהם

— דו ווילסט דיך ארויפקריגען? דו הל׳מ׳סט וועגען אנ׳אפיציער ווערען אדער נאך גרעסער, ווי אנ׳אפיציער? גוט, שרייב מיר אונטער א פאפיר, אז אנא׳ס שטוב און איהר נחלה געהערען צו מאריוסען.

— איך זאג דיר צו.

— איך גלויב נישט אין קיין צוזאגעכצען.

— טא וואס דען זאל איך טאן?

א שטיקעל פאפיר מיט א בליי־פעדער האסטו אין קעשענע?

— איך האב.

איך בין געשטאנען פאר איהם אנגעשפארט אויף ביידע הענד און איין פוס. פאר [?] טיש אויף דריי פיס האב איך איהם גע־דיענט, און אויף מיינע פלייצעס האט ער דעם פאפיר אנגעשריבען און גע׳התמ׳ט.

דאס איז איבריג געווען. אהן דעם אלעמען וואלט אויך סערגיי האלטען ווארט. ער האט שמענדיג מורא געהאט דערפאר, טאמער זאג איך אויס דעם סוד. זאל מיך גאט נישט שטראפען, איך זאל זיין פון יענע, וואס בויען זיך פאלשע פאלאצען.

מעהר וויים איך נישט, וואס ס׳איז געווארען דער סוף פון דער מלחמה, וויל מיך האט מען אוועקגעפיהרט, פריהער אין א דערוויילינגען, און פון דארטען אין א שטענדיגען שפיטאל. אין וועג איז מיר בעפאלען א שרעקליכע קדחת, אין איך האב נישט געוואוסט, וואס ס׳טהוט זיך מיט מיר.

איך ווייס נישט וויפיעל טעג און וואכען איך בין אזוי אבגעלעגען. איך האב מיך די גאנצע צייט געפונען אין א... ווי זאל איך עס דיר אנרופען?... אין א מין „תהו ובהו“. דער טאטע... די מאמע... די סלוזשבע... אנא... געשחט׳ענע שעפסען... פיאַ־טער... קוילען... הייליגע בילדער... ישמוק... אלץ איז געווען צוזאמענגעמישט, און איך האב מיך געפונען אין דעם דאזיגען מיש־מאש, ווי עפעס אזוינער, וואס איז אבגעזונדערט און אבגעטיילט פון אלעמען. מיר האט זיך געדאכט, אז מיין קאפ איז אויך אבגעטיילט פון מיר. איך פיהל זיין וועהטאג, און פונדעסטוועגען איז ער פארט נים מיינער.

און נאך אלעמען האט זיך מיר פארגעשטעלט, אז די מאמע האט מיך אויסגעבארען אין א וואנגע און א מילדע פייכטקייט האט

זיך מיר אָבגעשטעלט אויפ'ן לייב. דער קאָפּ איז מיר לייכטער גע־וואָרען.

איך פיהל, ווי אַ ווייכע האַנד גלעט מיר דעם שטערן, די באַקען, דעם האַלז....

איך האָב דאָס ערשטע מאָל אויפגעעפענט די אויגען. ערשט: פאַר מיר ישטעהט...

— מאַריוסיע??!

— יאָ־יאָ — לאַכט זי צו מיר מיט טרערען אין די אויגען — איך בין עס, מאַריוסע.

פון הינטער איהר קוקט אויף מיר עפּעס אַ בעקאַנט גע־שטאַלט.

— אַנאַ??!

— רוהיג, רוהיג! — וואָרנען זיי מיר — גאָט צו דאַנקען, דער קריזיס איז אַריבער!

איך האָב געצווייפעלט, צי דאָס אַלץ איז נישט אַמאָל אַ חלום.

דאָס איז אָבער קיין חלום נישט געווען. די זאַך איז גאַנץ איינפאַך: אַנאַ מיט מאַריוסען האָבען זיך אָנגעגעבען פאַר באַרמ־הערציגע שוועסטער, און איך האָב נישט געוואוסט דערפון.

— מאַריוסע — האָב איך אָנגעהויבען זיך בעטען — דער־צעהל מיר, ווי אַזוי קום איך אַהער?

זי האָט אָנגעהויבען דערצעהלען, ווי אַזוי מ'האָט מיך אַהער געבראַכט; ווי אַזוי מ'האָט מיך אַראָפּגענומען פון וואָגען, ווי אַ שטיק האָלץ — און האָט נישט געקאָנט ענדיגען איהר ערצעהלונג: טרערען האָבען איהר געשטיקט. אַנאַ האָט געענדיגט, וואָס איהר טאָכטער האָט אָנגעהויבען.

— מאַריוסע! און וואו זענען מיינע קליידער?

— דאָ, ביי מיר.

— ברענג זיי מיר אַהער!

— צו וואָס דאַרפסטו זיי?

— דאָרט איז אַ צעטעל פאַרהאַן.

איך האָב איהר געבעטען און זי האָט מיר געבראַכט דעם צעטעל.

— לייען איבער, וואָס דאָ שטעהט, מאַריוסע!

זי האָט איבערגעליפערט דעם שטר-מכירה פון איהר שטוב מיט איהר נחלה.

ביידע ווייבער האָבען זיך אָנגעקוקט אינע דער אַנדערער, דערפרעהט און פערוואונדערט.

— ווי אַזוי האָסטו דאָס אַרויסגעקריגען?

איך האָב בעשלאָסען ביי זיך, נישט צו ענטדעקען דעם סוד און אַזוי האָב איך געטהון.

— — — — — — —

ווען איך בין אַרויס אַגעזונדטער פון שפּיטאָל האָט זיך די מלחמה געהאַט געענדיגט: ס'איז געשלאָסען געוואָרען דער שלום. ווען מ'וואָלט מיך פרעגען, וואָלט איך זיך אויפ'ן שלום נישט אונטערגעשריבען.

XII

דער אַלטער האָט געמאַכט אַ קורצע הפסקה. ס'האָט אויסגעזעהען, אַז ער איז אַ סך איבערגעשפּרונגען אין זיין ערצעהלונג און האָט דורכגעלאָזען אַזעלכע זאַכען, וואָס ער האָט נישט געפונען פאַר נויטיג, זיי צו דערצעהלען. ער האָט זיי אָנגערירט נאָר אין געדאַנק און האָט אָנגעהויבען אַזוי ווי פון אַ מיטען ענין... אַזוי אַזוי. דו האָסט דיר אַ סך ענינים ביי אַ מענשען, וואָס קומען פאַר נאָר אָהן זיין וויסען.. מיר האָט זיך געדאַכט די גאַנצע צייט, אַז איך בענק גאָרנישט נאָך די עלטערען. געשריבען האָב איך צו זיי נישט, פשוט, ווייל אין לשון-קודש בין איך קיינמאָל נישט געוועזען קיין גרויסער כתבן. אַודאי, ווען מ'וואָלט חאַפּען נישט מיך, נאָר מיין ברודער שלמה'ן, וואָלט ער שרייבען צו זיי גאַנץ אָפט. ער, עליו השלום, איז געוועזען אַ ספרא רבא. אויף רוסיש ווידער, איז נישט געוועזען כדאַי זיי צו שרייבען: ווען איך וואָלט שרייבען צו זיי אויף רוסיש, וואָלט עס הייסען ריכטיג ווי אָנטרינקען אַ דאָרשטיגען מיט געזאַלצען וואַסער. איך האָב מיך איינגעוואָהנט נישט שרייבען — און פּטור. און מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך האָב זיי שוין פערגעסען.

אָבער — ניין! דאָס איז אויך געוועזען נישט מעהר, ווי אַ געוואָהנהייט. איך בין אַזוי דורכגענומען געוואָרען מיט דעם בענקען, אַז איך בין שוין געוואָהנט געוועזען דערצו און האָב עס שוין

נישט געפֿיהלט. אזוי ערקלער איך מיר אליין די זאך.

ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז איין ווינקעל איז איבערגעבליבען ביי מיר אין הארצען, וואס איז געוועזען די גאנצע צייט פֿערמאכט און איצט האט עס זיך געעפֿענט. דאס בענקען נאך דער היים, און צוזאמען דערמיט — אשפֿיר פֿון דעם פֿערגאנגענעם כעס פֿאר דעם „בייט", וואס זיי, די עלטערען מיינע, האבען מיט מיר געמאכט!

איך פֿלעג חלום'ען וואכעדיגערהייד. איך האב מיר פֿארגעשטעלט, ווי אזוי זיי וועלען מיך בעגעגענען: טרערען... קושען... חלשות... חלש'ן... שכנים שכנות... איך האב געגלויבט, ווי א נארישע קינד, אז איך וועל נאך טרעפֿען אלע ביים לעבען; אז דער מלאך המות ווארט מיט זיי, ביז איך וועל קומען און פֿערשאפֿען זיי נחת פֿאר דעם צער, וואס זיי האבען געהאט פֿון מיר. ווארום איב נישט, איז דאך דאס אשרעקליכע עולה, פֿון רבונו של עולם! גוטע מענשען לעגען איין הימלען פֿאר מיר מיט זייערע געשרייען, און צום סוף זאלען זיי שטארבען אהן אטרייסט?

וואס נעהנטער אבער איך בין צוגעקומען צו מיין געבורטס-שטאט, אלץ קעלטער איז אין מיר געווארען די בענקעניש. עפעס אמין פֿרעמדקייט האט אויף מיר געבלאזען פֿון די דאזיגע אלטע ערטער. ניין! נישט קיין פֿרעמדקייט, נאר עפעס אנאנדערע געפֿיהל, עפעס אמין אלטע איבערצייגונג, וואס פֿערשאפֿט צער. איך ווייס נישט, ווי אזוי דיר אבצומשל'ען דעם דאזיגען צער. דאס איז געווען ריכטיג, ווי א שווערער חלום, וואס חלום'ט זיך אנאלטען מאן פֿון זיינע יונגע יאהרען.

די צייט איז געווען עהנליך צו דער איצטיגער. די וועגען זענען געווען שלעכט, די בלאטעס גרויס. זיץ אין וואגען, קוק אויף דער בלאטע, וואס בלישצעט דיר אנטקעגען, ביז עס וועט דיר מאוס ווערען, און צעהל די טריט פֿון די פֿערד: איינס... צוויי... דריי... ס'איז שוין בעסער איינגאנצען זראבצוקריכען פֿון וואגען און געהן צו-פֿוס, איידער פֿאהרען אין אזא צייט.

און איך האב טאקע אזוי געטהון. איך בין שוין געוועזען נאהענט פֿון מיין שטעדטעל — נאר איין בארג נאך, און נאך איהם איין טהאל. דארט הויבט זיך אן דער בית-עולם פֿון שטאדט.

דאָס איז דאָס ערשטע, וואָס ווייזט זיך דיר שטענדיג, אַריינקומענדיג אין אַ יודיש שטעדטעל.

די פערד האָבען זיך קוים געשלעפּט און איך האָב זיי איבערגעיאָגט געדענדיג מיט דעם קורצען וועג, וואָס צווישען די גוישע פעלדער. איך האָב מיר אַליין גענומען אַ בעזונדער זכות דאָס צו טאָן, ווייל איך האָב נאָך געטראָגען אויף זיך דעם „מונדיר" און די קנעפּ אויף איהם האָבען געבלישטשעט פון דער ווייטען.

ווען איך האָב אָנגעהויבען אַראָבגעהן אין דער ניעדער, איז מיר איז איינגעפאַלען דורכצוגעהן דורכ'ן בית עולם, כדי זיך איינצושפּאָרען וועג.

דער וואָגען איז נאָך געווען ווייט הינטער מיר, און איך בין געגאַנגען טריט־ביי־טריט אַזוי, אַז אַרויסגעהענדיג פון בית־עולם זאָל איך ריכטיג טרעפען דעם וואָגען, און נישט דאַרפען וואַרטען אויף איהם.

צווישען מצבות בין איך געגאַנגען, אַ ביסעל — טונקעלע, איינגעבויגענע צו דר'ערד, ווי זיי וואָלטען זיך צוהערען צו די שמועסען פון די טויטע; און אַ ביסעל ווייסע, גלייך־אויפגעשטעלטע אַנטקעגען הימעל. און אַ שטומער וועלט בין איך אַריין. ס'איז שווער איבערצוטראָגען די שטילקייט פון אַ בית־עולם. דאָס איז אַ רעדענדיגע שטילקייט! נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז די טויטע רעדען צווישען זיך אין קבר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיגע מצבות קוקען אויף מיר בייז דערפאַר, וואָס איך האָב פערשוועכט די הייליגקייט פון דעם אָרט מיט מיינע בלישצענדיגע קנעפּ.

מיט צרות איז מיר אָנגעקומען איבערצולייענען די אויפשריפטען אויף די מצבות: איך ווייס נישט, צי דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס איך האָב שוין געהאַט אַ ביסעל פערגעסען דעם יודישען כתב, צי דערפאַר, וואָס די אויפשריפטען אויף די מצבות לייענען זיך שווער.

„פה נטמן הישר באדם... עניו... חסיד... הר"ר שמחה שו"ב..."

(דאָ ליעגט בעהאַלטען דער ערליכער... מענש... דער עניו... דער חסיד... ר' שמחה שוחט...)

אַ שוידער איז מיר דורכגעלאָפען איבער'ן לייב: אונטער דער מצבה ליעגט בעגראָבען מיין ברודער!

מיר האָט זיך געוואָלט וויינען, די טרערען אָבער האָבען מיר

ניִשט לײַכט געפּאָלגט. איך לײַען איבער די מצבה נאָכאַמאָל, און ווען לײַכט געפּאָלגט. איך לײַען איבער די מצבה נאָכאַמאָל, און ווען איך קום צו צו די שבתים: „עניו, חסיד" — ברום איך עפּעס צו זיך אַליין אונטער דער נאָז. עפּעס פֿיהל איך אין די ווערטער אַ מין ביטערניש, עהנליך צו דעם געפֿיהל פֿון קנאה און כעס.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די מצבה האָט זיך אַ רודער געטאָן... אַז די ערד האָט זיך געריהרט פֿון אָרט... אַז די לופֿט האָט געציטערט... ווי זיי וואָלטען מיר אײַנרוימען אין אויער:
„ענטשולדיג"...

ניִשט מײַנע אויערען — מײַן האַרץ האָט געהערט דאָס דאָזיגע וואָרט.

איך האָב פֿערשטאַנען, אַז מײַן ברודער'ס נשמה בעט בײַ מיר ענטשולדיגונג פֿאַר דעם „בײַט" און איצט ערשט האָבען זיך די טרערען אַרויסגעריסען פֿון מײַנע אויגען. איך האָב מורא געהאַט צו לייענען ווײַטער די אויפֿשריפֿטען אויף אַנדערע מצבות, טאָמער וועל איך דאָרט דערזעהען אַזוינס, וואָס איך האָב ניִשט געוואָלט זעהען: דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען מיר אַרויף אויפֿ'ן רעיון. —

ווען איך בין אַרײַנגעקומען צו זיי אין שטוב האָב איך זיי קוים דערקענט. די קנייטשען, די אײַנגעפֿאַלענע באַקען און זייער אײַנגעבויגענקייט האָבען זיי אינגאַנצען פֿערענדערט. דער טאַטע האָט געקוקט אויף מײַנע קנעפּ, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטעל און איז געשטאַנען פֿאַר מיר מיט'ן הוילען קאָפּ; די מאַמע איז געשטאַנען בײַם אויווען, און האָט אָנגעהויבען רעדען מיט'ן טאַטען אויף אַ געמישטען לשון — האַלב יודיש און האַלב לשון-קודש:

— מסתמא — עפּעס אַ פּראַטעק! ס'פּעהלט מיר מעהר ניִשט!

מיר איז אײַנגעפֿאַלען אַ משוגעת זיך צו פֿאַרשטעלען פֿאַר אַ פֿרעמדען.

— אַלטע! — הויב איך אָן צו רעדען מיט זיי אויף יודיש — אַ גרוס האָב איך אײַך געבראַכט פֿון אײַער זוהן שמואל!

ווי דער טאַטע האָט דערהערט אַ יודיש וואָרט — איז ער צוגעלאָפֿען צום פֿענסטער, האָט אַ רײַב געטהאָן די האַנד אָן די

פערטויהטע שויבען, איז צוגעגאנגען צו מיר און דערלאנגט מיר די האנד:

— שלום עליכם, יונגערמאן!

די מאמע איז ארויסגעגאנגען פון איהר בעהעלטעניש און האט זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגען מיר.

דער טאטע האט דערווייל גענומען זוכען איפ'ן טיש זיינע ברילען רעדענדיג מיט מיר:

— אגרוס — זאגט איהר? פון מיין זוהן? וואו האט איהר איהם געזעהען?

— וואו האט איהר איהם געזעהען? — פרעגט איבער די מאמע מיט א ציטערנדער שטימע.

איך טראכט אויס פאר זיי עפעס א ארט און א צייט.

— וואס מאכט ער? אין דער מלחמה איז ער געוועזען? ער איז געזונד? אהיים וויל ער נישט קומען?

זיי האבען מיר פערווארפען מיט שאלות, און דערווייל האט זיך דער טאטע צוגעבויגען מיר צום אויער און געפרעגט:

— און וואס הערט זיך... מכח... אין דעם ענין פון דת?...

א קליפה איז אריין אין מיר און מיך אנגערעדט, מצער צו זיין די עלענדע אלטע לייט. גאט ברוך הוא זאל עס מיר נישט רעכענען פאר קיין זינד!

— אודאי, ווען ר' שמחה שוחט וואלט זיין אויף זיין ארט, וואלט ער אפשר בייגעשטאנען דעם נסיון!

— וואס?! געשמדט?!!

איך שווייג. די אלטע האבען אנגענומען מיין שווייגען פאר א סימן פון צושטימונג; האבען זיי ארונטערגעלאזען די קעפ און אויך געשוויגען.

דערנאך האט ער זיך ווידער געווענדעט צו מיר:

— וואס — ער האט גענומען א ערלית? ס'זענען שוין פאראן קינדער?

איך האב געשוויגען.

די אלטע, האב איך געהערט, וויינט שטילערהייד. דאס האט מיר גענומען ביים הארצען. איך האב אבער זיך איינגעהאלטען און — געשוויגען... נאר איך האב געשפירט, ווי עפעס א מין מכה

שטיקט מיר אין האַלז... איך האָב מיך געשטאַרקט און יעם אַראָב־געשלונגען.

— אַי, אוי, רבונו של עולם, טאַטע אין הימעל, דערבאַרעמדיגער הארציגער טאַטע! — האָט די מאַמע געוויינט און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי זי וואָלט מקבל זיין אויף זיך דעם גזר־דין און אין דערזעלבער צייט זיך קלאָגען אויף איהם.

און דער אַלטער איז דערווייל אויפגעשטאַנען, די באָרד האָט איהם געציטערט און מיט׳ן האַנד האָט ער אַ מאַך געטאָן קאַלט און פערצווייפעלט:

— עט! ברוך דיין אמת!

און אין דער מינוט, וואָס ער האָט אַרויסגענומען דאָס מעסערל פון קעשענע און געוואָלט „קריעה" רייסען, האָט זיך צו מיינע אויערען דערטראָגען פון דעם דערבייאיגען חדר אַ אָבגעריסענער און צובראָכענער קול, אַ קול פון אַן אַנדער זקן — אַ שכן, מסתמא — וואָס זאָגט תהלים מיט דעם נגון, וואָס פרעסט דאָס האַרץ און פרעגט איהם:

„כי יודע אדני דרך צדיקים...".

ס׳האָבען זיך אין מיר אויפגעוואַכט די זכרונות פון דער פערגאַנגענהייט און דאָס האַרץ איז מיר ווייכער געוואָרען.

איך האָב זיי געזאָגט, ווער איך בין.

— — — — — — —

אוי פון דעסטוועגען — האָט שמואל זיך ווידער אומגעקעהרט צו זיין ערצעהלונג נאָך אַ הפסקה פון טראַכטען — האָבען זיי נאָך אַלץ געצווייפעלט. זיי האָבען חושש געווען, טאָמער האָב איך זיי אָבגענאַרט. און זענען נישט רוהיג געוואָרען פריהער, ביז זיי האָבען מיר חתונה געמאַכט מיט מיין רבקה׳ן כדת משה וישראל.

ס׳זענען אַריבער צוויי יאָהר נאָך דער חתונה, האָבען מיר אָנגעהויבען, נישט פאַר דיר געדאַכט, די צייהן וועה צו טאָן. אַזוי איז שוין דער שטייגער פון אַ יודען, ווי נאָר ער נעהמט אַ ווייב און הויבט אָן האָבען קינדער, הויבט ער אָן באַלד זיך אַרומצוטראָגען מיט פערשיעדענע „מיחושים".

דערווייל האָט מען גערעדט אין שטאָדט, אַז אין דעם שטאָדטישען שפּיטאָל איז פאַראַן אַ פּיי׳דשערין, וואָס איז אַ מומחה׳טע

צו צייהן-ווערטאָג און צו נאָך אַסך קראַנקהייטען, מעהר פון אַ דאָקטאָר.

געה איך אַריין אין שפּיטאָל און פרעג

— וואו איז די פעלדשערין?

איז אַרויסגעקומען אַ יונג הייבעל.

· מאַריוסע?!

— שמואל?!

ביידע זענען מיר אָבגעשפּרונגען הינטער זיך.

— וואו איז דיין מאַן, מאַרוסיע? — האָב איך זי געפרעגט, ווען איך בין צו זיך געקומען.

— און דו, סאַמואיל, האָסט תחונה געהאַט?

— יאָ.

— איך בין נאָך אַ מעדעל.

דאָס איז אַ גוטע נשמה געווען! זי איז שוין געשטאָרבען... הלואי זי זאָל זוכה זיין צו האָבען אַ גוטען חלק אין גן-עדן!

דער אַלטער האָט איבערגעריסען זיין ערצעהלונג און מיטען מיט אַ טיעפען זיפץ. דערנאָך האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף זיין זוהן, וועלכער איז אַנדרעמעלט געוואָרען און האָט זיך געוואָרפען אַהין און אַהער, האָט אַ שאָקעל געטאָן אויף איהם מיט'ן קאָפּ און אויסגערופען:

— אַזוי, אַזוי! ס'זענען געווען צייטען! ס'זענען געווען סאָלדאַטען! היינט איז אַלץ אַנדערש! אַנדערע צייטען, אַנדערע מענשען, אַנדערע סאָלדאַטען — היינט איז דאָך אַלץ נישט מעהר, ווי „אויף צו פלייכען“...